# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 75-76 - Spring 1974 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/5hd9x1g2

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 75-76(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1974

### Copyright Information
Copyright 1974 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים


SPRING 1974

76-75

פרילינג
תשל"ד


אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל. א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט


העניך בערמאַן: פסח תשל״ד — 3
חיים גראַדע: דער וועד פון די ארבע ארצות (פּאָעמע) — 6
יוסף קערלער: די סאָוועטן — אונדזערע דם־שונאים — 9
רות באַנדי: סאָוועטישער אימפּעריאַליזם און די יום־כּיפּור־מלחמה — 10
משה שקליאַר: איך רוף דיך (ליד) — 14
יצחק יאַנאסעוויטש: דוד בן גוריון ז״ל — 15
אהרן צייטלין: איר זאָגט (ליד) — 17
משה שטאַרקמאַן: אהרן צייטלין ז״ל — 18
אברהם גאָלאָמב: לזכר אהרן צייטלין ע״ה — 22
איש יאיר: דער עוקץ איך (ליד) — 24
עלי שעכטמאַן: לאָמיר היטן דאָס פייער פאַר די קומענדיקע דורות — 25
לילי בערגער: דאָס ווערן און אומווערן פון אַ קינסטלער — 30
שמואל וויס: פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס — 37


## הוספה לכבוד ר׳ אברהם גאָלאָמב שליט״א


אברהם גאָלאָמב: אַלגעמיינע אידעען וועגן יידישקייט — 43
מ. חסיד: משיחס צייטן (ליד) — 65
חיים בעז: א. גאָלאָמב — פּיאָנער פון יידישער דערציונג — 59
משה שטאַרקמאַן: אברהם גאָלאָמבס שטעטל־אידעאָלאָגיע — 62
אריה פאָזי: אברהמס געוואָד — 64
זלמן שלאָסער: צו א. גאָלאָמב — מיט באַוווּנדערונג און אָפּפרעג — 70
יצחק קאַהאַן: אַ וואָרט צו אַ באַגריסונג — 75
אַלעקס ראַבין: מדרש אברהם גאָלאָמב — 78
מרדכי פריילין: אַ באַגריסונג — 80
שואל גוטמאַן: מיט ברכות צו אברהם גאָלאָמב — 81
זאב וואָלף סאָלעס: אַן אויסגעהאַלטענע פּערזענלעכקייט — 82
מלך ראַוויטש: די סינטעזע אברהם גאָלאָמב — 85
יהודה וואָלפסאָן: אַ דערינערונג — 86
יוגנטרוף — 88
באַגריסונגען צום בעל היובל — 89

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

יעקב קאַהאַן, פּרעזידענט • משה כהן, עקז. סעקרעטאַר

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

**8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048**

**Telephone: 938-3823**



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

7617 De Longpre Ave. — Los Angeles, Calif. 90046

I. KOLLER, S. WEISS, *Associate Editors*

S. BUNYAN, *Editorial Secretary*

*Administration*: H. BERMAN, *Treasurer*

ELIMELECH DEITCH • DAVID GOLDMAN • SAM ZUCKERMAN

M. GOLDFARB, *Financial Secretary*

3855 Edgehill Drive — Los Angeles, Calif. 90008 — Tel. 293-2950

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY SCHWARTZ PRINTING CO.

100



אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל ווייס,
יצחק קאָלער,
מיטרעדאַקטאָרן
ז. בונין, סעקרעטאַר

# חשבון

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

העניך בערמאַן,
פאַרוואַלטער־קאַסירער
מ. גאָלדפאַרב,
פינאַנץ־סעקרעטאַר
אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנט

30טער יאָרגאַנג, נומערן 74־75 • פרילינג 1974 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


העניך בערמאַן

## פּסח תשל״ד

ווען עמיצער בויט אָדער באַנייט אַ הויז, איז עס געוויס אַ גרויסע פרייד, אָבער אַ ייד האַלט זיך דערביי ביי דעם מנהג, אָדער געבאָט, איבערצולאָזן איבער דער טיר פון הויז אַ ניט־באַפּאַרבטן אָרט, אַ פלעק, וואָס דינט ווי אַ זכר פון טרויעך איבערן חורבן פון בית המקדש.

משמעות, פרייד ביי יידן קאָן קיין מאָל ניט זיין אומגעשטערט. אַ שאָטן פון צער שוועבט תמיד פאַרביי דער זעונג פון ייד.

ניט אויסגעשלאָסן פון דעם איז אויך דער זייער פריידיקער און הערלעכער יום־טוב פּסח.

..באַזונדערס פּסח, מעג דערביי געזאָגט ווערן.

פּסח איז אַ סך מאָל אין דער יידישער געשיכטע באַגלייט געוואָרן אויך מיט טיפן צער — די ביטערע קללה פון עלילת־דם (בלוט־בילבול), וואָס אונדזערע שונאים צווישן די קריסטן, און אויך מוסולמענער, האָבן אין זייער מאָרדלוסט אויף יידן אויס־געטראַכט, און האָבן תמיד גערייצט דעם פינצטערן המון צו פּאָגראָמירן זייערע יידישע שכנים, זיי צו מאָרדן, פייניקן און מאַטערן, אויך צו רויבן זייער האָב און גוטס. גאַנצע קהילות זיינען אַזוי אַרום אומגעבראַכט געוואָרן.

נאָך יענע ביטערע דערפאַרונגען איז אין אייניקע יידישע געטראָפענע קהילות איינגעפירט געוואָרן צו פראַווען יאָרצייט אפילו אום פּ ס ח, יאָרצייט איבער די הרוגים־קדושים וטהורים וועמען דער וויסטער המון, געוויינטלעך אָנגעפירט פון גלחים, האָבן געמאָרדעט.

צו יענע יאָרצייטן איז פאַר אונדזער איצטיקן דור צוגעקומען נאָך איינער, וואָס וואָלט געדאַרפט איינגעפירט ווערן, ניט נאָר אין אַלע יידישע קהילות, נאָר אויך אין אַלע יידישע היימען: דאָס איז דער יאָרצייט פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וואָס איז אויסגעבראָכן פּסח צום ערשטן סדר פון דעם יאָר תש״ג (1943).

* * * * *

דער זין פון פאַרבינדן דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד מיט פּסח איז זייער טיף. זעלטן ווען עס ווערט אונדז אַזוי שטאַרק דערמאָנט דער אַקטועלער באַ־טייט פונעם יום־טוב ווי אין דער סדר־נאַכט. אָבער ווער עס מיינט נאָר די פּרע־היסטאָרישע באַפרייונג אַליין, איז אפשר לגמרי ניט דערגאַנגען צום ת ו ך. דער מחבר פון דער הגדה פאָדערט דעריבער פון אונדז פערזענלעכע אידענטיפיצירונג מיט די פאַרצייטיקע געשעענישן.

„אין יעדן דור און דור איז מענטש
מחויב צו זען זיך אַליין, אַזוי ווי ע ר
וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים...
נישט אונדזערע עלטערן אַליין האָט
הקב״ה אויסגעלייזט, נאָר אויך א ו נ ד ז
האָט ער אויסגעלייזט צוזאַמען מיט זיי.״

איז דאָס מליצה? ניין, דאָס איז אַ סך מער ווי מליצה. יעדער דור, וואָס האָט אַליין געשפּירט די רציחות און עבויים פון מצרים, זיי געשפּירט אויף אייגענער הויט, קען גיכער „פאַרשטיין״ הלמאי אַ גאַנץ

פאָלק זעצט זיך אַוועק פרייען דערויף וואָס אַן אַנדער פאָלק—זאָל זיין אַ שלעכט פאָלק! — איז אומגעקומען אין די כוואַליעס פון ים. אַ מענטש פון שפּעטער־דיקע דורות, וואָס צו אים זיינען נאָר דער־גאַנגען ווייטע עכאָס פון די ליידן און אַכזריותן — קען זיך גיכער ווונדערן, אפילו שאָקירט ווערן: וואָס פאַרכליניעט מען זיך דאָס אַזוי שטאַרק מיט יעדער מכה און מ׳זינגט זי אַזוי אויס מיטן הנאה־דיקסטן ניגון? אָבער ווען מיר אידענטי־פיצירן זיך פערזענלעך מיט יענע יוצאי־מצרים; ווען מיר אַליין לעבן איבער נאָך אַ מאָל די אַלע יסורים און שרעקן; ווען אונדזערע אייגענע קינדער ווערן נאָך אַ מאָל „איינגעמויערט" אין די עגיפּטישע פּיראַמידן און אונדזערע אייגענע שוועס־טערן מוזן גיין זיך באַהאַלטן ביים געבוירן אַ קינד, אין עלנטע פעלדער—דאַן באַ־קומען די נקמה־געזאַנגען גאָר אַן אַנדער קלאַנג, גאָר אַן אַנדער מין... וויפל הומאַ־ניסטישע געפילן מיר זאָלן נישט פאַר־מאָגן, אפילו פאַרן ערגסטן שונא — מוזן אַזעלכע זכרונות און ווידער־איבערלעבונ־גען אויסשליסן די רוצחים פון גאַנצע פעלקער, פון אומשולדיקע מענער און פרויען, פון מיליאָנען קינדער אין די וויגן.

אין שייכות מיט דעם האָב איך געהערט ריידן איינעם פון די פּליטים פון די דייטשישע מאָרד־לאַגערן. ער האָט אַזוי געזאָגט:

„אַ סך פון די, וואָס האָבן בלויז געהערט וועגן דעם וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די מאַידאַנעקס און טרעבלינקעס, קאָ־נען זיך הייַנט ווונדערן: ווי לאַנג איז דער שיער צו געדענקען, צו דערמאָנען... צו האַסן? אין דייטשלאַנד איז שוין אויפגע־קומען אַ נייער דור, וואָס שעמט זיך פאַר די באַגאַנגענע גרוילן פון זייערע טאַ־טעס... אַ סך פון די רוצחים זיינען גע־משפּט און פאַרמשפּט געוואָרן פון זייערע אייגענע ריכטערס... און זיי — די וואָס זיינען אין טרעבלינקע ניט געווען—הייבן אפילו אָן ציטירן אָן אַ שיער רחמנותדיק־עלעגאַנטע שטעלן — פון טאָלסטאָי, פון גהאַנדי און וועמען ניט — וואָס רופן צו מחילה און סליחה... סוף כל סוף, זאָגן זיי, זיינען מיר דאָך מענטשן און מיר טאָרן ניט אַזוי פאַרחיהט ווערן ווי דער שונא. אָבער ווען זיי זאָלן לאָזן אַדורכגיין איבער זיך—לכל הפחות אינעם געדאַנק—כאָטש איין שפּליטער פון יענע שוידערן, וואָלטן זיי אַנדערש פאַרשטאַנען די געפילן פון יענעם הייפל „נישט־פאַרגעסער".

אין דער הגדה שטייט פאַרשריבן „שפוך חמתך", וואָס ענדיקט זיך מיט דער קללה „שפוך עליהם זעמך וחרון אפך ישיגם, תרדוף באף ותשמידם מתחת שמיה'." רעפאָרמערס האָבן פון זייערע הגדות דעם „שפוך חמתך" אַרויסגעוואָרפן. זיי ווייזן אָן, אַז דאָס איז סתירה צו די עטלעכע פּסוקים אין ישעיה (קאַפּיטלען ב׳, י״א, און אַנדערע)... מיר ווילן בלויז אייביקן שלום... אונדזער אידעאַל איז, אַז איין פאָלק זאָל נישט הייבן קיין שווערד אויפן צווייטן, נישט פירן קיין מלחמות, אַז אפילו בעלי־חיים זאָלן מיטגעריסן ווערן פון דער מענטשלעכער האַרמאָניע...

דאָס איז אָבער גאָר קיין סתירה ניט, ווען מ׳דערמאָנט זיך: ישעיה האָט גע־טראַכט וועגן אַ צייט ווען ביידע צדדים הייבן נישט קיין שווערד—און דאָס גע־שריי פון „גיס אויס דיין צאָרן", מיינט נאָר יענע פעלקער וואָס האָבן יאָ „אויפ־געגעסן יעקבן און פאַרוויסט זיין וווינונג."

און וואָס שייך די דייטשן (און איצט די אַראַבער אין חברותא מיט די רוסן־קאָמו־ניסטן) איז געוויס גאָר קיין סתירה ניט צו מתפלל זיין איבער זיי דעם „שפוך חמתך". מ׳מעג אפילו איבערזאָגן איבער זיי — פאַראַפראַזירט — די פּסוקים אין תהלים קל״ג: „בת אַשכנז (או ערב ורוסיה) השדודה, אשרי שישלם לך את גמולך שגמלת לנו. אשרי שיאחז ונפץ את עול־ליך אל הסלע"—„טאָכטער פון דייטש־לאַנד (אָדער רוסלאַנד און אַראַבער) דו פאַרוויסטערין! וויל איז צו דעם, וואָס וועט דיר באַצאָלן פאַר דעם וואָס דו האָסט אונדז אָנגעטאָן; וויל איז צו דעם, וואָס וועט אָנכאַפּן און צעשמעטערן דיינע קליינע קינדער ביי אַ פעלדז..."

(מיר קענען זיך פאָרשטעלן דעם מחברס צער פונעם קאַפּיטל תהילים קל״ז: „על נהרות בבל... און פאַרענדיקט: אשרי שיאחז ונפץ את עולליך על הסלע." אויך איך, דערמאָנענדיק די אכזריותן פון די דייטשישע רוצחים ימ״ש וזכרם, באַנוץ איך די שטאַרקע ווערטער פונעם דאָזיקן קאַפּיטל... איך בעט די לייענער צו גע־דענקען דעם מאמר חז״ל: „אין אָדם נתפס בשעת צערו...).



באַלד נאָך דער מלחמה און נאָך דער דייטשער מפּלה האָט דער באַקאַנטער ענג־ליש־יידישער שרייבער לארסי פאַר־פאַסט אַ תפילה, וואָס זאָל צוגעגעבן ווערן צו די תפילות אין דער הגדה.

ווען איך פּראַווע דעם סדר, זאָג איך די דאָזיקע תפילה צוזאַמען מיטן „שפוך חמתך". באַדאַרפט וואָלט עס טאָן יעדער איינציקער פון אונדז. איך גיב עס איבער דאָ אין אַ יידישער איבערזעצונג:

אין אָט דער נאַכט פון סדר דערמאָנען מיר מיט ערפורכט און ליבשאַפט די זעקס מיליאָנען פון אונדזערע ברידער און שוועסטער פון גלות איראָפּע, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פון אַ רשע צען מאָל ערגער פון פרעהן, וועלכער האָט פאַרשקלאַפט אונדזערע עלטערן אין מצרים.

קומט, האָט ער געזאָגט צו זיינע משר־תים, לאָמיר זיי פאַרניכטן אַלס אַ פאָלק, אַז דער נאָמען ישראל זאָל מער ניט געדאַכט ווערן. און זיי האָבן פאַרטי־ליקט אומשולדיקע און ריינע—מענער, פרויען און קליינע קינדערלעך — מיט גיפטיקע גאַזן און האָבן זיי פאַרברענט אין פייער. נאָר מיר שטעלן זיך ניט אָפּ אויף די שוידער־מעשים פון די רשעים, ווייל מיר ווילן ניט פאַרשוועכן דעם צלם אלקים וואָס אין אים איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן.

און די רעשטלעך פון אונדזער פאָלק, וואָס זיינען פאַרבליבן אין די געטאָס און פאַרניכטונגס־לאַגערן, זיינען אויפ־געשטאַנען קעגן די רשעים על קידוש השם, און פאַרטיליקט פילע פון זיי איידער זיי זיינען געשטאָרבן. אין דער ערשטער נאַכט פון פסח זיינען די רעשטלעך פון דער וואַרשעווער געטאָ אַרויס אין מלחמה קעגן די טמאים, ווי עס האָט געטאָן יהודה המכבי אין זיין צייט. ליב און אנגענעם זיינען זיי גע־ווען ביי זייער לעבן און ביי זייער טויט זיינען ניט געשיידט געוואָרן. און זיי האָבן אויסגעלייזט דעם יידישן כבוד איבער גאָר דער וועלט.

און פון די טיפענישן פון זייערע ליידן האָבן די קדושים אויפגעהויבן זייער קול אין אַ געזאַנג פון גלויבן אַז ער וועט קומען, ער וועט קומען, משיח צדקנו.

(אַלע אַנוועזנדע זינגען דאַן אני מאמין)

אני מאמין באמונה שלמה
בביאת המשיח;
ואף על פי שיתמהמה,
עם כל זה אני מאמין!

(שנײַדט דאָס אויס און לייגט עס אַריין אין דער הגדה).

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

M. GOLDFARB

3855 Edgehill Drive — Los Angeles, Calif. 90008

Phone: 293-2950

פאַרוואַלטונג „חשבון"

חיים גראַדע / ניו־יאָרק

# דער וועד פון די אַרבע אַרצות

## (צום יאָרצייט פון חורבן און אויפשטאַנד)

אַ סך אונטערערדישע דורכגענג פאַרצייטיקע זיינען געבליבן
אין שטאָט, וואו עס פלעגט זיך פאַרזאַמלען דער וועד פון די אַרבע ארצות
אין אַלטשטאָט לובלין.

און ערגעץ־ווו איז אויף אַ דף פון אַ ספר פאַרשריבן,
אַז אָפּציילן דאַרף איך ניין טריט אין אַ געסעלע, ביז איך געפין
אַ שפּאַלט אַ פאַרוואַקסענעם אין אַ רואין פון אַ מויער,
און ווי אין דעם כותל־מערבי, זאָל איך דאָרט פאַרגראָבן מיין קאָפּ אין דער וואַנט.
און איך האָב געפאָלגט און דערהערט ווי עס קרעכצט אַ פאַרזשאַווערטער טויער,
אַ שטרעק זיך געטאָן האָט צו מיר אַ פאַרבאַרגענע האַנט,
אַריינגעשטופּט מיך אין אַ פירהויז מיט פינצטערע שטיגן. אין דרויסן
דאָס הויז איז געבליבן ווי פריער אַ חורבה מיט קעלערן טיפע;
און איך בין אַריין אין אַ דעמבענעם חדר אַ גרויסן,
ווו ס'זיצט דער אַמאָליקער וועד אויף זיין יערלעכער גרויסער אסיפה.

איך שטיי אין געדראַנג אַ פאַרטייעטער אורח, אַ נעלם,
און הער די גאונים זיך אַמפּערן איבער אַ דין.
אַרום — די פרנסים פון קראָקע, פון לעמבערג, פון כעלם,
און ס'הילכט אין די פענצטער אַריין דער יאַריד פון לובלין.
וואָס אַמפּערן זיך די רבנים אַזוי און ווי איבערגעריסענע סטרונעס
זיי צופּן די האָר פון די גרויע צעוואָקסענע בערד?
צי זוכן זיי נאָך אַלץ נאָך אַ היתר פאַר וויסטע עגונות,
זינט דורך איז כמעלניצקי דאָס לאַנד מיט זיין שפּיז און קאָזאַקישער שווערד?
און אפשר באַטראַכטן די ראשי־הקהל אַ לעצטע תחבולה
אַנטקעגן דעם קלויסטער, וואָס מאַכט זיי אַ בלוט־בילבול ווידער, ביט זיין זאָל די שעה,
און קהל געשיקט האָט שלוחים קיין רוים נאָך אַ פּויפּסטלעכער בולע,
אַז ער זאָל זיי ראַטעווען, נאָר ס'איז קיין ענטפער ניטאָ?

איך ווייס ניט דעם חשבון. איך האָב אַלץ פאַרפּלאָנטערט אין לויף פון די יאָרן.
איז ניט פון דעם מזרח אַ שונא אַ נייער באַפאַלן די שטעט
און חרוב געמאַכט די קהילות, און איצט לזכרון
דער וועד איז מתקן אַ תענית און נאָך אַן „אל מלא" און נאָך אַ געבעט?

און בריוו שרייבט דער וועד צו די וויטע קהילות און זייערע פרומע מנהיגים:
„זייט וויסן אַז מחמת די מעשים פון בוגד באָגדאַן חמיל און פון זיינע יוונים —
זיין נאָמען זאָל אָפּגעמעקט ווערן, דערקלערט אונדזער מלכות האָט קריג אים —



מיר זיינען געוואָרן פאַראָרעמט. דעריבער דערמאָנען מיר אייך, בני רחמנים,
לייזט אויס פון די אומריינע הענט — פון דעם טאָטער און טערק —
געפאַנגענע יידן, וואָס ווערן פאַרקויפט אויף די מערק.
צו אונדז איז דערגאַנגען, איר גלייבט ניט די שליחים פון קראָקע,
וואָס קלייבן אין אייערע לענדער נדבות אויף אויסלייזן שבויים;
זייט וויסן, דער גזר איז נאָך גרעסער! און ווער עס גיט צדקה,
דער זכות וועט איםביישטיין, זיין רצון זאָל ווערן מקוים.
אויך בעטן מיר אייך פאַר די גולים אין אייער מדינה,
איר זאָלט ניט ווי בעטלער באַהאַנדלען זיי, ברייערט ווי ברידער,
און ביז די פאַרוואָגלטע וועלן אַן אָפּרו געפינען,
לאָזט דאַוונען די פּוילישע יידן פון פּוילישן סידור."

ס'ווערט הייס אויף דער גרויסער אסיפה, די האָריקע לייבער זיך שמעלצן.
דער וועד דאַרף פאַר יעדער מדינה צעטיילן דעם שטייער,
וואָס ס'נעמט דער באַשיצער, דער קעניג. מען טוט אויס די סויבלנע פּעלצן,
אין אויגנבליק ווערט גלייך פאַרגעסן די שרעק פאַרן יוון און קידר,
מחלוקת צינדט די צעפּאַטלטע בערד ווי אַ פייער.
„מסירה!" צעטראָגט זיך אַ דונער און טרייסלט די ווענט פון דעם חדר.
און עמעצער שרייט: „ווייל עס טוען אַצינד זיך פאַרמערן
די יידן וואָס לויפן פון צינז, דאַרף מען אָפּשיידן זיי פון דעם ציבור,
און שטעק־בריוו נאָך זיי וויל מען שיקן קיין בעהמען און מעהרן"—
פאַרשמעקט שוין מיט חרם און חלב־ליכט שוואַרצע אויף יידישע שטיבער.

די ראשי־הוועד באַלעבאַטעווען מאַכטיק און פאָכען מיט זייערע שטעקנס
ווי העטמאַנעס מיט די בולאַוועס; און בייז, אין דער גאווה געררייצטע,
איין תקיף דעם אַנדערן מיט זיין גרויס חשיבותביים פּריץ נעמט שרעקן.
די אַלטע רבנים, מיט ציטריקע הענט און העוויות פאַרפרומטע,
צעקרעכצן זיך טיף אויף די זינד פון דעם דור און זיי בלייבן פאַרשטומטע,
און ס'וויגט זיך די שטוב מיטן זילבער פון זייערע בערד אַ פאַרפלייצטע.

אין בית־דין שטוב ליאַרעמט פון דרויסן אַריין דער יאַריד,
דער פרנס זיצט גרייט און פירט אָן פון זיין דעמבענעם שטענדער.
מיט בשמים און שטאָף קומט דער ייד אויפן מאַרק,
און מיט יאָמער אין האַרץ קומט דער ייד
צו זיינע מנהיגים פון אַלע פיר פּוילישע לענדער.
נאָר אומגעריכט טו איך אַ שפּאַן און איך מורמל אַרויס:
„איך קום פון מיידאַנעק וואָס לעבן לובלין און איך בין דאָ אַ פרעמדער.
איך ווייס ניט, לעבט א י ר אויף אַן אמת און איך בין אַן אויסדאַכטונג בלויז,
צי א י ך האָב עס אייער געביין, אין די לאַנג שוין צעפאַלענע העמדער,
אויפסנייי אָנגעטאָן אין מלבושים... רבותי, איר חלומט פון אייביקן שלאָף,

ס׳איז אונדזער מלוכה פון תורה און גדולה צו ענדע.
דער מאַרק איז אַ גויאישער מאַרק. ניט פאַראַן מער קיין יידן וואָס האַנדלען מיט בשמים און שטאָף,
און אויך דער בית־עולם איז חרוב, ווי איר וואָלט ניט קיינמאָל געווען דאָ.״

דער טומל מיט איין מאָל שטאַרבט אָפּ און מיט שרעק קוקן אַלע זיך אום,
זיי גלאָצן אַרויס אויפן גויאישן מאַרק דורך די פענצטער,
דער פחד פאַרשטיקט זייער אָטעם, זיי בלייבן פאַרפרוירן און שטום :
„רבותי, כאָטש איך בין דער ייִנגסטער פון אייך און דער קלענסטער,
און אויך מיינע זיידעס, וואָס האָבן געלעבט אין איין תקופה מיט אייך,
געווען זיינען אָרעמע דאָרפסגייער, שטילע דערשלאָגענע שניידער—
זייט וויסן, אַז איצט זיינען אַלע נגידים און אַלע אביונים שוין גלייך,
און זייער געביין ליגט אויף פעלדער און וועלדער צעשליידערט.

אסיפה פון הייליקע יידן, איך וועל אייך אַנטפּלעקן דעם סוד:
געשטאָרבענע זייט איר! דאָס הויז איז פון שפינוועבס און ס׳הענגען אין חלל די שטאָפּלען,
געווען איז, ווייזט אויס, אונדזער בנין דאָ אָן אַ יסוד.
וואָס קוקט איר מיך אָן מיט אַזעלכע פאַרשטאַרטע שוואַרצאַפּלען?
צו א י ם זאָלט איר גיין און זיין טראָנשטול אין הימל צעברעכט,
ווי ער האָט צעבראָכן ישובים און שטעט מיט זיין ברכה געבויטע,
ער האָט דאָך דעם אָנדענק פון אייער אַמאָליקער גדולה פאַרשוועכט;
אויב דאָס איז דער „קץ״, ווי אַמאָל נאָך די גזרות פון ת״ח ות״ט — בערג מיט טויטע?—
איז לייגט אים אין חרם אַריין ! ווי איר האָט עס געטאָן
מיט פאַלשע משיחים. אַ מורד בין איך און אַ כופר?
איר דרייט אָפּ די קעפּ און איר קוקט מיך, דעם רשע, ניט אָן״ — — —
און פּלוצעם ווערט פינצטער, איך הער ווי מען בלאָזט אין אַ שופר,
און עמעץ באַוויינט מיך און עמעץ פאַרשילט מיין פאַרשאָלטענעם כעס,
מען שטופּט מיך אַרונטער פון טרעפּ, איך בלייב ליגן אין דרויסן,
און תקיעות ווי רויך־צונגען שוואַרצע זיך יאָגן נאָך מיר דורך דער גאַס,
און מתים־הענט געלע געביילטע פון שטאָט מיך פאַרשטויסן.



יוסף קערלער / תל־אביב

# די סאָוועטן — אונדזערע דם־שונאים

זיי, די סאָוועטן, האָבן במשך פון יאָרן געשיקט פאַר די אַראַבישע אַגרעסיווע מדינות אומדערהערטע קוואַנטומס פון סאַמע מאָדערנעם אָנגריפס־ און פאַרניכטונגס־געווער, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז זיי באַזאָרגן זייערע „באַעוולטע שלום־ליבנדיקע פריינד,״ בלויז מיט פאַרטיידיקונגס־מכשירים.

זיי, די סאָוועטן, האָבן געהאַלטן אין מצרים און סיריע טויזנטער מיליטערישע ראָטגעבערס, מאַכנדיק דעם אָנשטעל אַז דאָס זיינען פרידלעכע ספעציאַליסטן, צוליב טעכנישער און עקאָנאָמישער הילף״...

זיי, די סאָוועטישע אימפּעריאַליסטן, האָבן זאַכלעך און גענוי, מיט אַלע פּרטים, אויסגעאַרבעט אַלע סטראַטעגישע פּלענער פון דער יום־כיפור־מלחמה; זיי האָבן צוגעגרייט און פּראָוואָצירט די דאָזיקע מלחמה, הינטער דעם דיפּלאָמאַטישן רויך־פאָרהאַנג וועגן „פרידלעך־פּאָליטישע לייזונגען״...

איך זאָג: „זיי האָבן געשיקט״... „זיי האָבן באַוואָפנט און פּראָוואָצירט״... „זיי מאַכן דערביי דעם אָנשטעל פון רודף־שלומניקעס״... אָבער צוגעבן דאַרף מען, אַז די דאָזיקע שענדלעכע פּאָליטיק זעצן זיי פאָר אין אַלץ שטייגנדיקער מאָס.

סיי די מערב־וועלט, סיי מיר אַליין האָבן געלעבט און לעבן נאָך ציטנווייז אויך איצט אין אַ פאַטאַלן טעות. דאָס איז אַ געפערלעכע איינרעדעניש, וואָס איז אפשר אומדירעקט באַווירקט דורכן שוואַנגען־היפּנאָז פון דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע. די דאָזיקע איינרעדעניש באַשטייט אין דעם, אַז דער סאָוועטישער רעזשים איז, צוליב זיינע גלאָבאַלע אינטערעסן, כלומרשט נישט פאַראינטערעסירט אין דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון מדינת ישראל.

כאַפּט זיך ענדלעך אויף, מיינע הערשאַפטן, אויב אויך די יום־כיפור־מלחמה האָט אייך נישט אויפגעוועקט פון אָט דעם גיפטיק־זיסן היפּנאָז !

וואָס איז אייגנטלעך פאָרגעקומען? לאָמיר אויף אַ ווײַלע אַ קלער טאָן און ווידער דורכגעשווידערט ווערן פון דער טאָטאַלער אויסראָטונגס־סכנה, וואָס האָט צום צווייטן מאָל נאָך דער היטלער־מגפה באַדראָט אונדזער גאַנץ פאָלק.

די קרעמל־הערשערס האָבן זייער גוט געוווסט, פון זייער אייגענער בלוטיקער דערפאַרונג, וואָס קאָן באַטייטן אַ מיליטערישע מאַשין, וועלכע שטייגט איבער סיי לויט איר פאַרנעם סיי לויט איר מאָדערנער פאַרניכטונגס טעכניק, יענע טייוולאָנישע מאַשין, וואָס היטלער־דייטשלאַנד האָט געלאָזט אין גאַנג בעת אירע נאַציסטישע האָרדעס האָבן אומגעריכט פאַרפלייצט די גרענעצן פון דער סאָוועטישער אימפּעריע.

זיי האָבן גוט־געדענקט, אַז שוין אין די ערשטע חדשים איז אָט די מעכטיקע אימפּעריע געשטאַנען אויפן ראַנד פון אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע. שוין אין די ערשטע חדשים זיינען דורך די דייטשן אָקופּירט געוואָרן ריזיקע און לעבנס־וויכטיקע שטחים — ליטע, לעטלאַנד, ווייסרוסלאַנד, אוקראַאינע, גאַנצע שטיקער צפון־דרום און מערב־רוסלאַנד; שוין נאָך די ערשטע חדשים — אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1941 — זיינען פאָרגעקומען פאַרביטערטע שלאַכטן ביי די טויערן פון מאָסקווע! געדענקענדיק דאָס אַלץ האָבן די סאָוועטן געוואָרפן אויף אונדז טאַנקען־אַרמאַדעס, וואָס האָבן איבערגעשטיגן גודעריאַנס פאַנצער־כוחות; זיי האָבן געלאָזט איבער אונדז אַן אַוויאַציע, קעגן וועלכע די שפּאַרבער־עסקאַדריליעס פון הימלערן זעען אויס ווי פאַרעלטערטע מלחמה־עקספּאָנאַטן. שוין אָפּגערעדט פון מאַכטיקסטן רעאַקטיוון ראַקעטן־געווער, וואָס איז צום ערשטן מאָל אויסגעפּרוווט געוואָרן אויף אונדזערע יידישע קעפּ.

אַזעלכע זאַכן, מיינע פריינד, וואָלטן די סאָוועטן קיין מאָל זיך נישט פאַרגונען, ווען זיי וואָלטן נישט האָבן פאַר זיך קיין ציל צו פאַרניכטן, בליצשנעל און פונדאַמענטאַל, מדינת ישראל, צוצוגרייטן אַ

רות באַנדי / תל־אביב

# סאָוועטישער אימפּעריאַליזם און די יום־כּפור מלחמה

... בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט קיין אידעאָלאָגישע נאָכטראַכטענישן. פאַקטיש האָב איך בכלל נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט אין פּאָליטישן זין און דאָס איינציקע וואָס האָט מיך אינטערעסירט איז געווען, ווי לאַנג די מלחמה וועט דויערן און ווער פון אונדז ביידע ס'וועט זיך די ערשטע ענדיקן, זי אָדער איך.

ווען כ'בין אַרויס פון די לאַגערן האָט זיך טשעכאָסלאָוואַקיע געפונען אין מיטן פון איר האָניק־חודש מיטן ראַטנפאַרבאַנד, מיטן גרויסן סלאַווישן ברודער, וואָס האָט באַפרייט פראַג פון דער נאַצישער הערשאַפט. אמת, אַז ס'זיינען אַרומגעגאַנגען וויצן וועגן דעם ווי אַזוי די רוסישע זעלנער יאָגן זיך נאָך זייגערס און מיידלעך, אָבער זייער אָנוועזנקייט איז געווען אַ גאַראַנטיע דערפאַר אַז טשעכאָסלאָוואַקיע זאָל נאָך אַ מאָל נישט פאַרשקלאַפט ווערן.

מיין ערשטע פערזענלעכע באַגעגעניש מיט דער באַפרייענדיקער אַרמיי איז פאָרגעקומען ביים טויער פון דעם פריערדיקן טערעזינער געטאָ. כ'האָב געוואָלט אַריינגיין, כדי אָפּצוזוכן אָנדענק־חפצים וואָס זיינען פאַרבליבן באַהאַלטן נאָך דעם ווי איך בין פון דאָרט אַרויס און כ'האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַ זעלנער וועלכער האָט מיך אַריינגעפירט אין ביוראָ אַריין. פון דעם שמועס געדענק איך בלויז דעם פאַרשטיינערטן אויסדרוק פון דעם רוסישן

---

וועלט־שחיטה איבערן יידישן פאָלק — פאַרענדיקן איין מאָל פאַר אַלע מאָל מיט דער, ווי כרושטשאָווס אײדימל האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט — „פאַרשטונקענער יידנפראַגע."...

ניט אומזיסט האָבן מיר פיל יאָרן דאָרטן געהערט די באַליבטע פראַזע פון סאָוועטישן אַנטיסעמיט:

„אַ שאָד וואָס היטלער האָט אייך נישט דערקוילעט..."

יאָ, די קרעמל־הערשערס האָבן אויסגערעכנט אויף זיכער אָפּצומעקן אונדזער מדינה, ווייל מיר שטייען זיי ווי אַ ביין אין האַלדז אויפן וועג צו זייער וועלט־עקספּאַנסיע, אויפן וועג צו טאָטאַלער מענטשן־פאַרשקלאַפונג

אָבער אונדזערע קינדער, לאַנג לעבן זאָלן זיי — אונדזער צה"ל האָט מיט שטוינענדיקער גבורה, קרבנותפולער עקשנות און אויסדויער ווידער געראַטעוועט פון אומקום אונדזער לאַנד און פאָלק און אָפּגעהאַלטן איינע פון די גרעסטע נצחונות איבער די סאָוועטיש־אַראַבישע שונאים פון דער מענטשהייט.

אַוודאי לעבן מיר איצט איבער אַ ווייטיקלעכן שאַק. ס'וועט נישט שטילן זיך דער צער מחמת דער גרויסער צאָל העלדיש־געפאַלענע קינדער אונדזערע. אַנדערע צווישן אונדז, געוווינטע צו מער לייכטע נצחונות, זיינען צעטומלט, אָבער נאָך מער צעטומלט זיינען די סאָוועטישע מנהיגים, הגם צו זייערע טעמפּע געהירן דערגייט נאָך אַלץ ניט, אַז תל אביב און חיפה זיינען נישט בודאַפּעסט און פראַג; אַז ירושלים פון יאָר 1973 איז אפילו ניט מאָסקווע פון 1941.

אַנטלויפנדיק דאַן קיין קויבישעוו, קיין אוראַל און קיין מיטל־אַזיע, האָבן די סטאַליניסטישע קאַרפּן־קעפּ געוואָרפן דעם רוף צו די באַשיצערס פון מאָסקווע:

„אָפּטרעטן איז נישטאָ וווהין — הינטער אונדז איז מאָסקווע!"

אונדזערע ייִנגלעך ביים סועץ און אויף די בערג פון גולן האָבן זיך נישט געניי־טיקט אין קיין פּאָליט־קאָמיסאַרסקע לאָזונגען; מיטן בלוט פונעם האַרצן האָבן זיי געוווסט, אַז אָפּטרעטן איז נישטאָ וווהין, ווייל הינטער זיי זיינען טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, פרוי און קינדער — הינטער זיי איז דאָס יידישע פאָלק און אויב איר ווילט — אויך די אומדאַנקבאַרע, די פחדנותדיקע, די איבערגעפרעסענע און עגאָיסטישע, אָבער דאָך — די דערווייל נאָך פרייע וועלט!

---



אָפיציר און דאָס וואָרט „באַמאַזשקאַ". אָן אַ „בומאַזשקאַ" קען מען נישט אַריינגיין. ס'איז געווען אוממעגלעך דורכצוברעכן דעם פעלדז נישט מיט קיין טרערן, נישט מיט קיין תחנונים: ניעט! דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דעם אידעאָלאָגישן ריס צווישן מיר און דעם ראַטנפאַרבאַנד.

די פעברואַר־איבערקערעניש אין 48־19: די קאָמוניסטן באַהערשן טשעכיע, פאַרראַטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, דערנידעריקן דעם פּרעזידענט בענעש. די פאָלקס־מיליץ אין די גאַסן. איך ווער פאַרבעטן אין אינפאָרמאַציע־ביוראָ כדי איך זאָל מסכּים זיין צו אַרבעטן פאַר זיי, היות ווי איך בין אַן איבערזעצערין אין דער נייעס־אַגענטור „יונייטעד פּרעס". דער פּחד פאַרן פאָרשנדיקן אויג פון דעם הויזוועכטער, דער טויט פון יאַן מאַסאַריק, דאָס געפיל פון שטיקעניש און די מאַסן־אַרעסטן — דאָס אַלץ האָט מיך צוריקגעפירט צו די יאָרן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע: דאָס זעלבע געפיל פון פולשטענדיקן אָנמאַכט, פון וויסן אַז ס'איז לית דין ולית דיין, אַז ס'איז נישטאָ קיין אמת און קיין כּבוד פאַרן מענטשן, נישט פאַר זיין נפש, נישט פאַר זיין גוף, אַז דאָס איז אַ צוריקקער צום שוואַרצן מיטל־אַלטער. עטלעכע חדשים לעבן אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים פאַרשטאַרקן ביז גאָר דאָס שטרעבן צו ציון און דעם ווילן זיך צו דערווייטערן וואָס מער פון ראַטנפאַרבאַנד. ער גייט מיר אָבער נאָך פוסטריט...

## אָן אַ פונק מאָראַל

ס'האָט נישט קיין זין צוריקצוקערן זיך צו פערזענלעכע דערינערונגען היינט ווען אונדזער קיום ליגט אויף דער וואָגשאָל, ווען נישט דאָס דאָזיקע געפיל וואָס נעמט אַרום כמעט אַלע די וועלכע זיינען ווען עס איז געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט אַ קאָמוניסטישן רעזשים און נישט געלערנט וועגן אים דורך ביכער, אַז די יידישע מדינה קען דערוואַרטן פון ראַטנפאַרבאַנד בלויז צרות. נאָך היינט, צוואַנציק יאָר נאָך סטאַלינען, איז עס אַ גרויזאַמער צינישער רעזשים, וואָס פאַרמאָגט נישט אפילו קיין פונק מאָראַל, פון רעכענען זיך מיטן יחיד, אָט דער פונק וואָס איז פאַרבליבן די דעמאָקראַטישע רעגירונגען. מ'האָט נישט געדאַרפט דאָס דערדריקן דעם אויפשטאַנד אין אונגאַרן און די אינוואַזיע אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס האָט תּמימותדיק געפּרוווט דערגיין צו אַ מענטשלעכן סאָציאַליזם אין די גרענעצן פון רוסלאַנד, כּדי אונדז צו איבערצייגן אַז ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע באַדראָונג פון דער מענטשלעכער פרייהייט ווי אַ קאָמוניסטישער רעזשים. פאַשיסטישע דיקטאַטאָרן קומען און פאַרשווינדן און מיט זייער אַוועקגיין קומט די ענדערונג. פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פון די וואָס הערשן אין איר נאָמען קען מען זיך נישט באַפרייען נישט אין איין דור, נישט אין צוויי און נישט אין דריי דורות.

## שלום, וואָס זיין טייטש איז אונטערגעבן זיך

היינט איז אונדז קלאָר אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז דער גרעסטער שונא פון ישראל, אַ סך אַ גרעסערער ווי די אַראַבער און די דאָזיקע שינאה איז באַזירט נישט אויף אַן אידעאָלאָגישער באַזע נאָר אויף אַ קאַלטן חשבון. זייער אַ קורצע צייט האָט ראַטנפאַרבאַנד זיך געוואַקלט צווישן די יידן און די אַראַבער, בעת ס'האָט זיך געהאַנדלט אין אָפּשוואַכן די בריטישע אימפּעריע. און אויסגעקליבן האָט ער די אַראַבער. נישט צוליב סימפּאַטיעס צו די אַראַבישע פעלקער אָדער צו זייערע „פּראָגרעסיווע" רעזשימען, און אפילו נישט צוליב אַן אידעאָלאָגישער קעגנערשאַפט צום ציוניזם, נייערט צוליב אַ קאַלטן חשבון פון כמות, שטח, אוצרות, פון אַריינדרינגען אינעם ליידיקן חלל וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיטן צוריקציען זיך פון ענגלאַנד. דאָס איז פאַר אים געווען אַ וועג צו באַהערשן דעם מיטעלן מזרח, דעם אַפריקאַנער קאָנטינענט, די נאַפט־אוצרות פון דעם פּערסישן אויסגוס. דורכן ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט איז געוואָרן באַקוועם צו פאַרווירקלעכן אַ צוויי־הונדערט־יאָריקן חלום.

איצט געפינט זיך דער ראַטנפאַרבאַנד אין אַ מאַכט־פּאָזיציע אויפן מיטעלן מזרח.

קיין שום זאַך וועט אים פון דאַנען נישט באַזייטיקן — און אַוודאי נישט די מעסיקדיקע השפעה פון אַמעריקע — און דאָס לעצטע וואָס ער דאַרף איז אַ שלום פון כבוד צווישן די אַראַבישע לענדער און ישראל. אין אַ מצב ווען עס גייען אָן די קאַמפן האָט ער נישט וואָס צו פאַרלירן, אויסער געלט. אין אַ רעזשים וואָס דאַרף קיינעם נישט אָפּגעבן קיין דין וחשבון איז עס נישט קיין פּראָבלעם: אויב די אַראַבער זיגן, פאַרגרעסערט זייער נצחון דעם פּרעסטיזש פון ראַטנפאַרבאַנד, און אויב זיי פאַרשפּילן, וואַקסט זייער אָפּהענגיקייט אין פּרט פון צושטעלן זיי געווער. אויף וואָס וואָלט רוסלאַנד באַזירט איר השפּעה ווען עס וואָלט אינעם ראַיאָן געהערשט שלום? ווען די אַראַבישע לענדער וואָלטן זייערע כוחות און אוצרות פאַרווענדט אויף אויפצוהייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון זייערע איינוווינערס? דאָס דערנענטערט זיי דאָך צום לאַגער פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָט וואָס צו פאַרלירן. אויב דער נאַפט וועט שטראָמען פרייערהייט צום מערב, וואָס וועט ראַטנפאַרבאַנד דערפון געווינען? נישט צוליב יידיש־אַראַבישער פריינדשאַפט האָט ער אינוועסטירט צענדליקער מיליאַרדן אין מיטעלן מזרח.

דער איינציקער שלום וואָס קען אינטערעסירן דעם ראַטנפאַרבאַנד איז דאָס פולשטענדיקע אונטערגעבן זיך פון ישראל. דער וואָס שטעלט אַוועק די השפעה פון אַמעריקע אַנטקעגן דער השפעה פון ראַטנפאַרבאַנד ביים באַהאַנדלען אַ רעגולירונג אויפן מיטעלן מזרח טוט זיך בלויז אַליין אָפּנאַרן. די פאַרייניקטע שטאַטן זיינען טעטיק נישט כדי צו אונטערדריקן די אַראַבישע לענדער נאָר כדי צו דערגרייכן דאָס וואָס ס׳זעט זיי אויס צו זיין אַ גערעכטער שלום, דאָס הייסט אַ פשרה. אַזוי אַרום האָבן די אַראַבער באַלד פון אָנהייב אָן אַן איבערהאַנט פון 75 קעגן 25 אין אַ משא־ומתן צווישן די גרויסמאַכטן. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן אַז אין אַמעריקע קומען און גייען פּרעזידענטן און אויסערן־מיניסטאָרן, בעת די גלאָבאַלע פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד בלייבט אַן אומפאַרענדערטע און ס׳איז נישט וויכטיק וואָסער ביוראָקראַט עס שטייט אין זיין שפּיץ.

אַ דעמאָקראַטיע איז פון דער נאַטור אויס אַ מער אָפּגעהיטע, זי איז מער געמ[illegible]ט דורך דעם שיקול דעת פון דער געזעלשאַפט און פון די שטייער־צאָלערס (באַגרענעצונגען וואָס זיינען נישט חל אויפן ראַטנפאַרבאַנד) און אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט אַמעריקע זיך נישט געקווענקלט בטל צו מאַכן אַ פאַרפליכטונג וואָס איז געוואָרן אַ לאַסט וואָס דאָס לאַנד האָט נישט געוואָלט טראָגן. דאַרפן מיר אָננעמען די פריינדשאַפט פון אַמעריקע, ווי וויכטיק זי זאָל פאַר אונדז נישט זיין, מיט אָפענע אויגן.

## וואָס באַווירקט די דערפאַרונג

מיר האָבן זוכה געווען צו אַ כבוד וואָס מיר האָבן קיין מאָל נישט פאַרלאַנגט: צו ווערן אַ פאַקטאָר אין דעם פאַרמעסט צווישן גרויסמאַכטן. געוואָלט האָבן מיר בלויז אַ קליין ווינקעלע אין דער וועלט פאַר אַ קליין פאָלק, וואָס זאָל האָדעווען טאַלאַנטן, זיך פאַרנעמען מיט תורה און זאָל זיין פּראָדוקטיוו, און פּלוצים — אַ גלאָבאַלע מיליטערישע גרייטקייט צוליב אונדז. מ׳קען אייגנטלעך אפשר פאַרשטיין די מדינות אין דער וועלט וועמען ס׳וואָלט געווען באַקוועמער ווען מיר וואָלטן נישט עקזיסטירט. די צרה איז וואָס מיר זיינען אַזוי עגאָיסטיש און ווילן בלייבן לעבן און אויב ס׳איז פאַראַן עפּעס וואָס האַלט אונדז אָפּ פון זעלבסטמאָרד פאַרן שלום פון דער וועלט איז עס דאָס וויסן אַז ס׳האַנדלט זיך נישט נאָר אין אונדזער פרייהייט. ווייל, מעג עס מערב אייראָפּע יאָ אָדער נישט וויסן, מעג זי עס יאָ אָדער נישט אָפּשאַצן, קעמפן מיר אויך פאַר איר פרייהייט. בלויז דערווייל זעט די פרייהייט אויס צו זיין נישט וויכטיק אין אָנבליק פון דער סכנה פון קאַלטע ווינטערס (איצט ווייסן מיר פאַרוואָס משה רבנו איז נישט געגאַנגען אין דער שווייץ אַזוי ווי מיר האָבן עס זיך נישט איין מאָל געווונטשן; אונדזער ווינטער איז אַ קורצער). אפשר זיינען מיר בלויז אַ קליינער פּינג־פּאָנג באָל צווישן די גרויסמאַכטן און אויב ער וועט בעת דעם שפּיל צעקוועטשט ווערן, זיינען נאָך פאַראַן אַנדערע אין רעזערוו. בלויז פאַר אונדז איז ער אַן איינציקער און מיר ווילן קיין אַנדערן נישט האָבן. און ס׳כאַפּט אָן אַ שרעק אַ טראַכט צו טאָן אַז מיר און אַנדערע גרענעץ־פּונקטן פון אינטערעסן זיינען איצט באַשטימט געוואָרן צו דינען אין דער עפּאָכע פון אַטאָמישן רעמי ווי אַן אַרענע פאַר פאַרמעסטן, פאַר אויספּרווון די עפעקטיווקייט פון דעם מאָדערנעם כלי־זיין, ווי אַ ראַיאָן פאַר מאַנעוורעס אין וועלכן ס׳לעבן צופעליק אויך מענטשן וואָס ווילן לעבן רויִק.



אפשר איז געווען אַ שטיקל נחמה אין דער ידיעה אַז דער ראַטנפאַרבאַנד קעמפט וועגן אונדז מחמת ער גלייבט באמת אַז מיר זיינען אַ רעאַקציאָנער־קאַפּיטאַליסטישער רעזשים, וואָס שטייט אין וועג פּראָגרעס. וואָלט ער כאָטש טאַקע אויף אַן אמת אין דעם געגלייבט. ס׳איז אָבער קלאָר אַז דאָס לעצטע וואָס אינטערעסירט דעם ראַטנפאַרבאַנד אין זייערע באַציונגען מיט די מדינות פון אַזיע אָדער אַפריקע איז דער קוואַנטום סאָציאַליזם וואָס הערשט אין זיי. פאַרקערט: ס׳איז אַ סך לייכטער צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט רעגירונגען וואָס געפינען זיך אין די הענט פון מיליטערלייט אָדער פון ביוראָקראַטן, וואָס שטיצן זיך אויפן מיליטער, איידער מיט סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען געבונדן דורך פאַרלאַמענטאַרישע פּראָצעדורעס. די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע אָדער די לאַגע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דעם אָדער אַנדערן לאַנד שפּילט דאָ קיין שום ראָלע נישט. די דערפאַרונג האָט באַוויזן אַז מיליטערישע רעזשימען וואָס זיינען זשעדנע אויף געווער זיינען אַ סך באַקוועמערע פּאַרטנערס ווי אַלטע קאָמוניסטן מיט אייגענע מיינונגען אָדער מיט מאָראַלישע סקרופּולן. ווייל וואָלט אין די באַציונגען פון ראַטנפאַרבאַנד מיט די מדינות פונעם ראַיאָן געשפּילט וועלכע ניט איז ראָל די טעטיקייט־פרייהייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָלטן מיר דאָך געדאַרפט זיין די צערטל־קינדער פונעם קרעמל. אין וועלכן לאַנד אין מיטעלן מזרח, אַ חוץ אין ישראל, קען דער אויסגעווייילטער פאָרשטייער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויפשטיין אין פּאַרלאַמענט און באַשולדיקן די רעגירונג אין אַגרעסיע אָדער אין אימפּעריאַליזם?...

## אָן אילוזיעס

די אַראַבערס האָפענונגען אונדז צו פאַרטיליקן שטאַמען כאָטש פון אויפריכטיקער שנאה. די סאָוועטן האָבן אונדז אפילו נישט פיינט, דאָס הייסט, נישט מער ווי דער דורכשניטלעכער אַנטיסעמיטיזם וואָס איז אָנגענומען צווישן די פעלקער פון מזרח־אייראָפּע. און זיכער ווערן זיי נישט באַוויגן אין זייערע האַנדלונגען דורך דער שנאה. אמת איז אַז דאָס ליקווידירן די ציוניסטישע ארץ ישראל וואָלט אויך געלייזט דאָס פּראָבלעם פונעם קאַמף פון די סאָוועטישע יידן פאַר עליה, פון דעם אַלעם וואָס זייער מאַסן־אַרויסגיין קען מיט זיך מיטברענגען. אָבער אויב ביי סטאַלינען איז זיך נאָך אפשר מעגלעך געווען פאָרצושטעלן אַ קאַמפּאַניע קעגן ישראל באַווירקט דורך שינאה, דורך אַ ווילן נוקם צו זיין זיך, קען דאָס ביי די ביוראָקראַטן וואָס זיינען היינט אין קרעמל נישט געשען. אויב ס׳איז פאַראַן אַ געפאַר פון ליקווידאַציע, איז עס צוליב סטראַטעגישע אויסרעכענונגען, ריכטיקע אָדער טעותדיקע, וועלכע דינען דעם ציל.

מעג דער ראַטנפאַרבאַנד טאָן וואָס ער וועט טאָן, מעג ער שטרעבן צו אַ דערנענטערונג מיט די פאַרייניקטע שטאַטן, מעג ער פאַרשאַרפן די קאַלטע מלחמה, מעג ער פאַרמערן זיין אַטאָמיש כלי־זיין אָדער עס פאַרמינערן — די כללים פון דער מערב־דיפּלאָמאַטיע, וועלכע איז אין אַ געוויסער מאָס די ירושה פון דער תקופה פון רענעסאַנס, זיינען אויף אים נישט חל. די וועלכע געניסן פון שוץ פון אַמעריקע האָבן תמיד דאָס געפיל אַז אירע פּרעזידענטן, ווי גרויס זייער פּאָליטישע געניטשאַפט זאָל נישט זיין, זיינען נישט פעאיק זיך צו פאַרמעסטן מיטן געדאַנקען־גאַנג פון די קאָמוניסטן נוסח ראַטנפאַרבאַנד. די איינציקע האָפענונג איז אַז ס׳איז פאַראַן אַ קעגנזייטיקע השפעה צווישן שונאים אַזוי ווי אויך מיר האָבן זיך איבערציגט אין דער דאָזיקער מלחמה, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן ווילן זיך אויסלערנען אַ קאַפּיטל אין אָפּנאַרעריי (כלפי דעם

משה שקליאַר

# איך רוף דיך...

איך רוף דיך פון דער מיטן נאַכט —
בני, קינד מיינס, ברודער !
און ס'ענטפערט מיר אַן עכאָ שוואַך—
בני איז נישטאָ מער — — —

איך רוף דיך פונעם מיטן טאָג —
בני, קינדס מיינס, ברודער !
און ס'ענטפערט מיר דער ווינט מיט קלאָג —
בני איז נישטאָ מער — — —

אַוועק איז ער אַנטקעגן בראַנד,
אַזוי ווי ר'האָט פאַרשוואָרן —
באַשיצן ס'לעבן פונעם לאַנד,
וואָס איז אים היים געוואָרן.

געהויערט האָט אויף אים דער פלאַם
פון אַלע בייזע שייטערס,
וואָס געברענט האָבן מיין שטאַם
און ווילן ברענען ווייטער.

איז ער פאַרלעשן אים געגאַן
מיט אייגן בלוט דעם יונגן,
נאָר ערגעץ אינעם מדבר־זאַמד
האָט אים דער פלאַם פאַרשלונגען.

און איך זע אַלץ נאָך ווי ער גייט —
סיידערווייטערט זיך זיין שאָטן.
ווי ער וואָלט פון דער אייביקייט
די שוועל איבערגעטראָטן.

איך זע און רוף אים פון דער נאַכט —
בני, קינד מיינס, ברודער !
און ס'ענטפערט מיר אַן עכאָ שוואַך —
בני איז נישטאָ מער — — —

---

ראַטנפאַרבאַנד, כדי ס'זאָל זיין קלאָר) און אין פעסטן האַלטן זיך אין ציל. און וואָס שייך לעקציעס אויף דער פּאָליטישער אַרענע: אַ קאַלטער שיקול הדעת, מיט אַ מינימום סענטימענטן און אילוזיעס. אייזערנע נערוון און אַ כוח אויסצושטיין און אויסהאַלטן אַזוי ווי מיר האָבן עס פאַרלאַנגט פון אונדזערע זעלנער אין יום־כיפור.

(פאָלק און מדינה)



יצחק יאַנאַסעוויטש / תל־אביב

# דוד בן גוריון ז״ל

בעת זיין לעבן איז קעגן בן גוריון אָפט געפירט געוואָרן אַ קאַמף, אָבער דאָס באַדאַרף פאַרגעסן ווערן, מחמת בן גוריון איז ביי זיין לעבן שוין געוואָרן אַ לעגענדע און מיט אַ לעגענדע איז נישט שייך צו קעמפן; אַ לעגענדע געפינט זיך אויסער דעם שטח פון די קאַמפס־פיילן, זיי מעגן זיין די געצילטסטע און די גערעכטסטע.

דאָס וואָס מ'האָט שוין דענסטמאָל אָנגערופן „לעגענדע״ וואָלט איך כאַראַקטעריזירט אויף אַן אַנדער אופן. דוד בן גוריון, וואָלט איך געזאָגט, איז געוואָרן דער מנהיג, וועלכער האָט מיט זיינע מעשים סינאָנימיזירט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל יידישע געשיכטע וואָס איר נאָמען איז: די ווידעראויפלעבונג פון דער יידישער מדינה. ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די געשיכטע פון דער וועלט איז אַ ביאָגראַפיע־זאַמלונג פון אירע פערזענלעכקייטן. דאָס הייסט, אַז די פערזענלעכקייטן, די פירערס, זיינען עס די וואָס אויף זייערע נעמען ווערן אָנגערופן די עפּאָכעס און די ווענד־תקופות אין די דברי הימים פון דער מענטשהייט. לויט דער דאָזיקער מיינונג איז טאַקע בן גוריון דער סינאָנים פון דער יידישער באַנייטער מלוכהשאַפט און ווי אַזאַ איז ער אַריין און וועט בלייבן אין דער יידישער געשיכטע.

יש קונה עולמו בשעה אחת... און ס'איז מער ווי זיכער, אַז דוד בן גוריון האָט קונה עולמו געווען יענעם פרייטיק, ה' אייר פון יאָר תש״ח, ווען ער האָט קעגן ווילן פון אַ סך געשטעלט אויף זיך און פּראָקלאַמירט דעם ווידער־אויפקום פון מלכות ישראל. מען דאַרף אָבער געדענקען אַז מיט דעם דאָזיקן וואָס „קויפט זיך וועלט״ אין איין שעה, אָדער מיט איין טאַט, איז די זאַך נישט אַזוי פּשוט. אַ מענטש שפּרינגט נישט פּלוצים אַרויס פון דער אומבאַקאַנטקייט און טוט אָפּ אַ זאַך וואָס דערמיט ברענגט ער אַ נייע ווענדונג אין לעבן פון זיין פאָלק. דער ריינער אמת איז אַז אַ מענטש וואָס דערגייט צו אָט אַזאַ שעה, צו אָט אַזאַ טאַט, דערגייט צו איר נאָר דערפאַר ווייל ער האָט זיך צו אָט דער שעה, צו אָט דער טאַט געגרייט אַ גאַנץ לעבן און האָט אַ גאַנץ לעבן עוסק געווען דערין אַז די שעה זאָל קומען. דאָס איז ריכטיק וועגן בן גוריונען, וועלכער האָט דאָס גאַנצע לעבן, ביז דער דאָזיקער געדענקלעכער שעה, געווידמעט דער פאַרווירקלעכונג פון דעם מדינה־אידעאַל און האָט אויך שפּעטער, ווען דער אידעאַל זיינער איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, דורך זיין אַקטיוון און דעצידירידיקן אָנטייל, געוואַכט דערויף אַז די מדינה זאָל ביישטיין די געפאַרן וואָס האָבן אויף איר געלויערט און זאָל זיך דערביי אַנטוויקלען אין דער ריכטונג פון דעם אידעאַל, אָדער דער וויזיע וואָס ער האָט געהאַט איידער ער האָט געהאָלפן זי שאַפן.

דוד בן גוריון האָט נישט נאָר פּראָקלאַמירט די יידישע מדינה, ער האָט אויך אין די יאָרן ווען ער איז געווען איר פירער געשאַפן און פאָרמירט איר געשטאַלט. אַ סך זאָגן אַז אַלץ וואָס ס'איז פאַראַן אין דער מדינה טראָגט אויף זיך דעם חותם פון בן גוריונען. ער האָט פאַרלייגט די פונדאַמענטן אויף וועלכע אַנדערע האָבן שפּעטער געבויט. ער האָט געגעבן די ריכטליניעס וועלכע אַנדערע האָבן פאַרברייטערט אָדער פאַרשמעלערט. אָבער אַלע זיינען געגאַנגען אין זיינע וועגן, אפילו ווען זיי האָבן זיך אים און זיין פּאָליטיק, אין געוויסע מאָמענטן, קעגנגעשטעלט. אוודאי איז ריכטיק אַז בן גוריון האָט די מדינה נישט אויפגעשטעלט אַליין. אָבער ער איז פאָרט געווען איר אַרכיטעק און האָט משפּיע געווען אויף איר תוכן און אויף איר אויסזען מער ווי יעדער אַנדערער אין דעם דאָזיקן דור.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס נישט נאָר יידן נאָר אויך די נישט־יידישע וועלט האָט בן גוריונען באַטראַכט ווי דעם אויפבויער און אָנפירער פון דער יידישער מדינה און דאָס נישט בלויז אין די צייטן ווען ער איז געווען דער ראש הממשלה, נאָר אויך שפּעטער, ווען ער האָט שוין

געלעבט ווי אַ מאָדערנער נזיר אין שדה בוקר. ער האָט, וואָס אַן אמת, געהאַט אַ סך פּאָליטישע קעגנער אין ישראל, אויך אין די טעג פון דער יום־כיפור מלחמה און אין די צערודערטע טעג נאָך איר האָט מען אָפט מאָל געהערט ווי פּשוטע פאָלקס־יידן זאָגן: „ווען דער זקן וואָלט געווען ביי דער מאַכט וואָלט אפשר אַלץ אויסגעזען אַנדערש.“ צי עס וואָלט טאַקע אויסגעזען אַנדערש איז שווער צו וויסן, אָבער אַז דאָס פאָלק גלייבט אין דעם, איז אַ פאַקט. דער דאָזיקער פאַקט זאָגט זייער אַ סך, אפילו ווען מען האַלט נישט פון דעם שפּריכוואָרט „קול המון כקול שדי“.

ביי יידן איז אַן אָדם גדול נאָך ניט קיין אָדם השלם. ער איז נישט קיין איבערמענטש, קיין מענטש וואָס גרייזט נישט און מאַכט נישט קיין פעלערן. אפילו משה רבנו האָט געמאַכט פעלערן און איז צוליב זיי באַשטראָפט געוואָרן מיטן נישט טאָרן אַריבערטרעטן דאָס צוגעזאָגט לאַנד. אויך דוד בן גוריון האָט אין זיין לעבן געמאַכט טעותים און זיי האָבן זיך שפּעטער איינגעגעסן אין דעם געוועב פון דער מדינה, אין איר סטרוקטור און אין איר גייסט. מען מוז אָבער מודה זיין אַז אויך די בן גוריונישע טעותים און גרייזן זיינען געווען אַ פועל יוצא פון זיין איבערגעגעבנקייט צו דעם אידעאַל פון דער מדינה־עקזיסטענץ און צו איר ראָל און פּאָזיציע אין דער יידישער געשיכטע.

די געשיכטע וועט קאָרעגירן די דאָזיקע טעותים און זי וועט זיי פאַרגעסן. זי וועט פאַרגעסן בן גוריונס וועלן אויסמעקן פון יידישן פאָלקס־געשעען דאָס אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען נאָך יהושע בן־נון ביז צו דער גרינדונג פון מקווה ישראל. זי וועט פאַרגעסן זיין קאַמף קעגן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס דערמיט האָט ער אפשר געבראַכט דערצו אַז „ציונות“ זאָל ווערן אַ שם גנאי ביי דער ישראלדיקער יוגנט. זי וועט פאַרגעסן זיינע אַרויסזאָגונגען וועגן דער בודיסטישער פילאָסאָפיע און וועגן אַ סך אַנדערע פראַגן וואָס האָבן אַ שייכות מיט דעם גייסט פון יהדות. זי וועט אפילו פאַרגעסן זיינע קאַמפן מיט פאַרדינסטפולע מענטשן.

אָט די אַלע נעגאַטיווע זייטן פון זיין כאַראַקטער וועט די געשיכטע, ווי ס'איז איר טבע, פאַרדעקן מיטן שטויב פון שכחה, אָבער זי וועט געדענקען זיין קנאות, זיין ציל־געוועגדקייט, זיין עקשנות ביים שאַפן די מדינה און ביים אויסבויען אירע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס. זי וועט אויך געדענקען די געשיכטע, אַז להכעיס דעם וואָס ער האָט אַ מאָל געוואָלט אַ מדינה אַ ככל הגוײמדיקע, האָט ער זיך אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אַרומגעזען אַז אונדזער אידעאַל איז צו זאָגן און קלאָר צו מאַכן אין וואָס דער דאָזיקער אור לגויים דאַרף זיך אויסדריקן און וואָס עס דאַרף זיין אונדזער אַנדערשקייט פון וועלכער די פעלקער פון דער וועלט זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל.

דוד בן גוריון איז נאָך ביי זיין לעבן געוועזן אַ דענקמאָל. ער איז געווען דער דענקמאָל פאַר דער דאָזיקער רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, וואָס האָט דערפירט דאָס יידישע פאָלק צו אַ באַנייטער מלוכהשער היים. און וויפל זיינע קעגנער האָבן דעם דאָזיקן דענקמאָל נישט געוואָלט צעשטערן, וויפל ער אַליין האָט מיט זיינע פאַרביסענע מחלוקות נישט געריסן שטיקער פון דעם דאָזיקן דענקמאָל, איז עס נישט זיי, נישט אים, געלונגען דעם מאָנומענט אַראָפּצונעמען פון זיין פּיעדעסטאַל. ער איז געבליבן שטיין אין זיין פולער גרויס אויך אין די יאָרן פון זיין צוריקגעצויגנקייט פון פּאָליטישן לעבן און ער וועט אויפגיין נאָך גרעסער איצט, נאָך דעם ווי ער איז אַוועק אין דעם דרך כל בשר, כדי צו פאַרבלייבן אין דער אייביקייט פון יידיש געשיכטלעכן זכרון.

דער גורל האָט געוואָלט אַז ער זאָל אַוועק פון אונדז אין אַ צייט ווען די מדינה לעבט איבער די שווערסטע נסיונות אין איר 25־יעריקער עקזיסטענץ. אין אַ געוויסן זין קאָן מען זאָגן אַז מיר זיינען איצט צוריקגעקומען, אין אַנדערע פאָרמען און אין אַנדערע באַדינגונגען צו די צייטן פון מדינה־בראשית, ווען די פראַגע וועגן יאָ־זיין אָדער נישט־זיין האָט געשוועבט פאַר זיינע אויגן און האָט אים געבראַכט, ווי ער אַליין דערציילט עס אין זיינע זכרונות וועגן יענע היסטאָרישע



# אהרן צייטלין

## איר זאָגט...*)

**איר זאָגט: וואָס דרייט ער אונדז אַ קאָפּ**
מיט ווירקלעכקייטן אַנדערע ווי די,
וואָס מיר קענען מיט די חושים אונדזערע? מיטביידע פיס
שטייען מיר אויף דר'ערד דאָ־הי,
פעסט און זיכער און געוויס.
מיר וועלן צוגעווינען די לבנה אויך
צו טריט פון מענטשנס פיס.
מיר וועלן איינפירן די ווירקלעכקייט די אונדזעריקע
אויף די שטערן —
און זיי וועלן ווערן
ערדן, ווי די ערד די אונדזעריקע.
אויך דאָרט, אויף יענע ערדן,
וועלן מיר מיט ביידע פיס
שטיין פעסט און זיכער און געוויס.

נאָר שטייען דען די פיס אייערע, נאַרן?
שטייט די ערד?
פאַרקערט.
אַ טייל בלויז פון די הימלען איז די ערד.
מיט איר צוזאַמען קרייזט
אַ מענטש, מיט איר צוזאַמען — זיינע פיס.
בלויז דאָס איז זיכער און געוויס:
אַלץ איז גייסט און איז אין גייסט,
**אַלץ איז אין די הימלען — און איז הימלען.**

*) מעגלעך, ס'איז דאָס לעצטע ליד, וואָס אהרן צייטלין ז"ל האָט געשריבן. ער האָט עס דאַטירט: כ"ז אלול, א' דסליחות, תשל"ג. דאָס ליד ווערט אויך געדרוקט אין „גאָלדענע קייט“, נומער 82.

טעג, צו זאָרג און טרויער ווען די מאַסן אין גאַס האָבן געיובלט און זיך געפרייט מיט מדינה־אויפקום.

עס ווילט זיך אָבער האָפן און גלייבן, אַז זיין אַוועקגאַנג אין דער איצטיקער שווערער צייט וועט ברענגען דערצו, אַז די פירערס און דאָס פאָלק אין ישראל זאָלן אים אויפסניי דערזען און זיך אויפסניי אינספּירירן פון די פּאָזיטיווע מאָמענטן אין זיין לעבנס־אַקטיוויטעט וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ גרויסן אידעאַל און אַ גרויסן ציל.

בן גוריון די לעגענדע פון אונדזער דור, בן גוריון דער סינאָנים פון דער באַנייטער יידישער מלוכהשקייט, בן גוריון דער דענקמאָל פון יידישן עקשנותדיקן עקזיסטענץ־ווילן און קאַמפס־ווילן דאַרף אונדז מהיום והלאה יעדע רגע דערמאָנען ווי שווער עס איז אָנגעקומען די מדינה צו שאַפן און ווי שטאַרק מיר מוזן זי אָפּהיטן ווי אַ נחלה פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

(פאָלק און מדינה)

משה שטאַרקמאַן / ניו־יאָרק

# אהרן צייטלין ז״ל

אהרן צייטלין ז״ל איז אַ פּראָבלעם פאַר איטלעכן וואָס וויל אָדער מוז בלויז עסעיסטיש טאַקע מאַכן בלויז אַ פּרווו צו כאַראַקטעריזירן אים דורך זיינע שריפטשטעלערישע דערגרייכונגען. פאַר אַזאַ כאַראַקטעריסטיק איז נייטיק אַ גאַנץ בוך. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ צוויי־שפּראַכיקן, מיט אַ העברעיש־יידישן וואָרט־שאַפער און בעל־מחשבה.

שילדערן זיינע אויפטוען אין בלויז איינס פון די צוויי לשונות — מיינט כאַראַקטעריזירן נאָר אַ האַלבן צייטלין. טאָמער איז דאָס נאָך ווינציק שוועריקייט, האָבן מיר פאַר זיך צוגאָב־שוועריקייטן. אהרן צייטלין איז אַ דראַמאַטורג, דערציילער, מאָלער פון פען־פּאָרטרעטן, פובליציסט, עסעיסט און פאָרשער אין אַ ספּעציעלן און אייגנאַרטיקן וויסנשאַפטלעכן געביט — פאַראַפּסיכאָלאָגיע; און זיינע וויכטיקע בייטראָגן אויף איטלעכן באַזונדערן געביט טאָרן ניט פאַרקוקט ווערן.

אהרן צייטלין האָט אַריינגעגאָסן אין זיינע פּערפעקטע כלים פון שלמותדיקע דיכטערישע פאָרמען די חזיונות, יגונות און נסיונות פון דעם מאָדערנעם מענטש, וואָס אין דער פּנימיותדיקער וועלט פון זיינע בענקשאַפטן, פאַרלאַנגען און געזאַנגען, קען מען ניט אָפּטיילן דעם פּ אָ ע ט פון דעם י י ד. זיי דערגאַנצן איינער דעם צווייטן, און זיי זיינען די עדות־זאָגערס, אַז ער איז אינספּירירט דורך יידיש־פאָלקישער מסורה, דורך אונדזער נאַציאָנאַלער געשיכטע, דורך דער קבלה, —וויפל פון צייטלינגס געטרייע לייענערס האָבן ניט געשעפּט אייגענע אינספּיראַציע פון זיין שאַפונג „מטטרון״? און דורך חסידות אין דער ריינסטער פאָרם.

דער פאַקט וואָס אהרן צייטלין איז אַ זון פון אַזאַ הויך־ראַנגיקן פילזייטיקן שעפערישן גדול ווי ס׳איז געווען הלל צייטלין, הי״ד, איז אַ טעמע פאַר זיך גופא, כדי צו באַטראַכטן די ראָל פון אָפּשטאַם און סביבה אויף דער אַנטוויקלונג און אויף דער טעמאַטיק פון וואָרט־קונסט ביי יידן. מער ווי אַ רמז אויף אַזאַ השפעה געפינען מיר אין אהרן צייטלינס ליד: „ניגון, פון טאַטן געהערט״:

זינג איך אַ ניגון, פון טאַטן געהערט...
זינג איך חב״דיש:
השם אלוקיכם, השם אלוקיכם
אמת . . .
איז עס אַ קדיש
נאָך אַ וועלט, וואָס וועט מער שוין
ניש וועלטן?

נישט אמת !
אין אָט דעם געזאַנג דעם חב״דער
קומט דער אמת אַרויס אַזאַ אדיר,
אַז אַן אמת אַזאַ מוז פאַרגעלטן
אפילו פאַר מאַידאַנעקס, פאַר
טרעבלינקעס . . .

פאַרגעלטן — ווי אַזוי?

איך ווייס נישט. דאָס ווייסט נאָר דער
אמת.

זינג איך דאָס געזאַנג און פאַרזינג עס
טיף אין זיך— נעם עס
אין מיין תמצית אַריין און באַנעם עס:
השם איז —
אמת !

וויבאַלד, ווידער, אמת —
מוז ער דאָך, מוז ער
דעם חשבון באַצאָלן אין גאַנצן,
באַצאָלן באמת — — —
השם אלוקיכם,
אוי, השם אלוקיכם —
אמת !

דאָס דאָזיקע ליד איז סימבאָליש פאַר דעם נוסח, ניגון און פאַר די וואָרט־צירופים, צייטלינס, אין דעם גרעסטן טייל פון זיין דיכטונג.

יידישע טראַדיציע, נאַציאָנאַל היסטאָרישע דערפאַרונגען און באַשטימטע יחידים־פּערזענלעכקייטן אין פאַרשידענע תקופות, קבלה און חסידות געהערן צו די עיקר־לאַנדשאַפטן פון צייטלינס שירה — בפירוש אָדער ברמיזא. אָבער יידישע טראַדיציע איז איבערצייטלעך— דערפאַר



תמיד נייע, פריש און מאָדערנע טעמאַטיק. דער טראַדיציאָנאַליזם אין פאַרגלייכן, בילדער און וואָרט־צירופים האָט קיין מאָל ניט געשטערט צייטלינען צו זיין אַ דיכטער פון זיין אייגענער עפּאָכע, פון זיין אייגענעם דור — אַ היינטצייטיקער פּאָעט.

זיין אַ דיכטער פון דער אייגענער יידישער עפּאָכע, פון אייגענעם יידישן דור, — מיינט זיין אי אַ מקונן — אַ דיכטער־באַוויינער פון דריטן חורבן, פונעם אומקום פון זעקס מיליאָן יידן — אי אַ דיכטער־באַזינגער פון דער אתחלתא דגאולה, וואָס ס׳שטעלט פאָר מיט זיך דער אויפקום פון מדינת ישראל. צווישן די צייטלין־לידער פון חורבן און די לידער פון גאולה־אויפשיין שטייען די לידער פון יידישן גייסטיקן געראַנגל — געראַנגל פון יאוש מיט אמונה:

האָב איך דען אַ ברירה נישט צו גלויבן
אין יענעם לעבעדיקן גאָט, וואָס טויט
מיך צוליב צוועקן,
וואָס כ׳קען זיי נישט אַנטדעקן,
און נאָך דעם ווי ער מאַכט מיין לייב
צו אַש —
נעמט ער מיך ווידער וועקן?
און ווען איך שטורעם קעגן אים אין
בונט —
איז ער דער, וואָס בלוטיקט אין מיין
וווּנד,
און מיינע ווײ־געשרייען זיינען זיינע
שבחים.

— — — — — — — — — —

אני מאמין — איך גלייב:
צוליב מיר, דער שארית ישראל,
וועט דער גאָט פון ישראל,
ווען ס׳וועט אָנהייבן קצ׳ן
איבערפורעמען די קרעאַטור,
שמידן נישט־געוועזענע געזעצן.
צו זיין רעכטער האַנט וועט ער מיך זעצן.
און מיין דערלייזער וועט אין שטויב
צעטרעטן אַלע געצן.

פון אהרן צייטלינס דיכטונג לערנען מיר— ווי מיר לערנען פון דער גרויסער דיכטונג בכלל — אַז הויכע מחשבה קען פילטרירט ווערן דורך טיפע געפילן און אַז אין שירה זאָלן מיר קענען געפינען תשובות צו אַ סך האַרבע שאלות און ביטערע ספקות פון דעם סאַמע שטאַרקסטן מאמין אין השגחת הבורא. טראַכטן און פילן קומען ביי צייטלינען שטענדיק צום אויסדרוק אין געבענטשטער מזיגה פון אינהאַלט, פאָרם און קלאַנג. זיין שפּראַך־מוזיק, די נגינה פון זיינע פערזן און זייער אַרכיטעקטור, זיינען אַזוי איינס מיטן תוכן, אַז דער געניטער לייענער, וואָס קען אונטערשיידן צווישן סענטימענטאַליזם און ליריק, ווערט באַרוישט פון צייטלינס לידער, אויב ער, דער לייענער, האָט נאָר וואַכעדיקע חושים צו באַנעמען די אייגנאַרט, די באַזונדערטקייט און די חדישומדיקייט אין צייטלינס שירה בכלל.

אין די פערזן פון זיין „ליד צום סאַבראַ״ האָט אהרן צייטלין איינגעלידערט אַלץ, וואָס קען און דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דער ראָל פון מדינת ישראל אין דעם אָפּהיטן און ממשיך זיין די נאַציאָנאַלע היסטאָריש־גייסטיקע ירושה פון די גלות־יידן, מיר ציטירן די אַריינפיר־שורות:

פאַרנעם !
כאָטש אין ישראלס ספר הדורות
בין איך אַ נקודה אָן פאַרנעם,
ווערט מיין זאָג דיר געזאָגט
אין נאָמען אַ צוויי־טויזנט־יעריקער
קלעם,
אין נאָמען פון פאַרפייניקטער קדושה,
וואָס איז דיין ירושה
און דיין שורש.
מעגסט וועלן צי נישט — ביסט יורש,
מתקן זיין דאַרפסטו די טרערן,
וואָס דורות האָבן פאַרגאָסן
דורך תיקון־חצותן,
אַ זין דאַרפסטו געבן דעם בלוט,
וואָס האָט זיך געגאָסן
צוויי טויזנט יאָר
און — זעקס מיליאָן האַרבער—
אַ זין די מאַידאַנעקס, אַ זין די
טרעבלינקעס,
ס׳דערלאַנגען דיר דורות אַ ווײַן איבער
וויינען,
אַ טונקל געטראַנק פון יידישע פּיינען—
קער נישט דעם קאָפּ אַוועק, טרינק עס!

צייטלין האָט געשריבן דאָס ליד אין תש״ח־1948, אינעם יאָר ווען ס׳איז אויס־

גערופן געוואָרן די זעלבסטשטענדיקייט פון מדינת ישראל. אַז די סאַברעס האָבן געענטפערט אויף זיין רוף האָט מען געזען ניינצן יאָר שפּעטער, אין תשכ״ז־1967, אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווען מדינת ישראלס קינדער זיינען געגאַנגען אין שלאַכט קעגן דעם שונאס חיילות, וואָס האָבן געוואָלט אומברענגען די יידישע מדינה, און אויך איצט — אין דער „יום־כיפור מלחמה.“ די סאַברעס זיינען געגאַנגען פון נצחון צו נצחון, ווייל זיי האָבן געפילט אַז הינטער זיי זיינען געגאַנגען דורות גלות־יידן און זייערע קדושים. דער נצחון פון די סאַברעס האָט צוריק אָנגעצונדן פאַרלאָשענע יידישע פונקען אין די הערצער פון אָפּגעפרעמדטע יידן — אַריינגערעכנט סאָוועטישע יידישע יוגנטלעכע — און געעפנט אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע, טאַקע ווי אהרן צייטלין האָט פריער געמאָנט אין די סיום־שורות פון „ליד צום סאַבראַ“:

עפּענער יונגער פון ווער־וויסט־סאַראַ
תקופה!
דיינע העלע העלדישע הענט
זע איך און זאָג:
נאָך אַ זיג
איבער דער רשעות דעם שונאס,
וויל איך נצחונות
איבער דעם גוי אין דעם יידן גופא!
איך רוף דיך צום טאָג פון גאונות!
זאָל אויפגיין פון עמק — עמקות,
און אויף אַלט, אויף אייביק, אויף טיף
זאָל געגרונטפעסטיקט זיין
תל־אביב.
צו דער תורה פון אַ לעבן, געבויט
אויף די סתרי־תורה פון יידישן טויט—
יעמוד!

—

צייטלין איז אַ דיכטער פון נגלה און ניסתר. לייענט מען זיך אַריין אין זיינע לידער; קלעטערט מען מיט אים צו זיינע וויזיאָנערישע הייכן און טראַכט מען מיט אים אין זיינע עמאָציאָנעלע טיפן, קומט אַ וווּנדערלעכע אַנטפּלעקונג: זיין נסתר שיילט זיך אויס צו בלאַנקענדיקער ליכטיקייט, און זיין נגלה דרינגט אַריין אין די תהומען פון דעם גאַנצן מסתוריון פון יידישן גראַנגל מיט זיך און מיט דער וועלט. אין צייטלינס לידער געפינט מען ניט בלויז פערזן, נאָר אפילו איינצלנע שורות, וואָס אין זיי ווערן געגעבן, מיט פּאָעטישן צימצום, אי חידות, אי פּתרונות, וואָס זיינען צענטראַלע טעמעס פון דער יידישער היסטאָריאָזאָפיע, פון אונדזערע נאַציאָנאַלע געדיכטס־פילאָסאָפיע. צייטלין האָט דיכטעריש באַרייכערט אונדזער היסטאָריאָזאָפיע מיט וואָרט־צירופים, וואָס קענען העלפן איטלעכן יידישן בעל־מחשבה באַנוצן זיך מיט אויסדרוקס־מיטלען, וואָס זאָלן אים העלפן קלאָרער אַרויסצוזאָגן זיינע געדאַנקען, אַזוי אַז זיי זאָלן אויך קענען אַריינדרינגען אין די מוחות און אין די הערצער פון לייענערס. אַ שאָד, וואָס מיר האָבן ניט אין בוך־פאָרם אויף מאַמע־לשון אהרן צייטלינס איין היסטאָריאָסאָפיש ווערק: „מדינה וחזון מדינה“, וואָס איז אַרויס אין תל־אביב אין 1965.

פאַר מיר ליגן איצטער די צוויי ריזיקע בענד פון צייטלינס „אַלע לידער און פּאָעמעס“ (אַרויסגעגעבן דורכן וועלט־פאַרבאַנד פון די בערגען־בעלזענער, 1968־1970). די דאָזיקע צוויי בענד אַנטהאַלטן כמעט אַלץ, וואָס אהרן צייטלין האָט געשאַפן אויף יידיש ווי אַ דיכטער.

דער אַריינפיר צום ערשטן באַנד און די הקדמה צום צווייטן באַנד גיבן דעם לייענער, און נאָך מער דעם פאָרשער, שליסלען צו באַשטימטע טיילן פון צייטלינס קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע, און די וועלן אַ סך באַהילפיק זיין דעם גרויסן קריטיקער, וואָס וועט זיך אונטערנעמען צו שרייבן דאָס גרויסע בוך וועגן דעם גרויסן פּאָעט.

אי ביים לייענען די צוויי בענד, אי ביים בלעטערן זיי פון דאָס ניי, ווערט מען פאַרחידושט פון צייטלינס אָריגינעלקייט. ניט בלויז וואָס ער זאָגט און זינגט, נייערט אויך ווי אַזוי ער זאָגט און זינגט, האָט מען ביי קיין אַנדערן פּאָעט קיין ענלעכעס ניט געהערט אָדער געלייענט. יעדער אמתער פּאָעט איז אמתדיק מיט דער נייקייט, איינציק־אַרטיקייט און ספּעציפישקייט אין זיין יצירה. די קינסטלערישע אָריגינעלקייט פון פּאָעט גיט דעם לייענער די מעגלעכקייט צו אונטערשיידן צווישן דעם דיכטער וואָס איז אַ זינגער און דעם פערזן־שרייבער, וואָס איז אַ נאָכזינגער אָדער איבערזינגער.



פון צווישן אונדזערע היינט־צייטיקע הויך־באַגאַבטע פּאָעטן טיילט זיך אויס צייטלין אויך מיט דעם, וואָס אין זיין דיכטונג געפינט מען אויך לידער אָדער באַזונדערע פערזן, וואָס פון זיי שפּיזלען אַרויס געצאַמטע איראָניע און שאַרף־שפּיציקע סאַטירע.

איטלעכן פּאָעטס לידער־זאַמלונגען שטעלן פאָר מיט זיך זיין עמאָציאָנעלע אויטאָביאָגראַפיע, די טאָגביכער פון זיינע וויזיעס און פון זיינע אַריינדרינגענישן אין די אייגענע נשמה־ און געפיל־וועלטן. אין די צוויי בענד „אַלע לידער און פּאָעמעס“ איז איינגעגלידערט די גרויסע קינה פון דעם פּוילישן ייד, וואָס האָט איבערגעלעבט אַלע פּיינען און גרוילן פון דריטן חורבן, כאָטש ער איז בעת די מלחמה־יאָרן ניט געווען אין וואַרשע נאָר ער האָט געוווינט אין ניו־יאָרק. מיר האָבן געוואָלט ציטירן פון דער דאָזיקער קינה — און וואָסער ליד מיר האָבן אויפגעמישט — האָבן מיר געוואָלט ברענגען ווי אַ מוסטער. זיינען מיר אַרויס פון דער פאַרלעגנהייט דורך אויסקלייבן דאָס לעצטע פון די דריי באַגלייט־לידער צו דער פּאָעמע אין פּראָזע „יאַנוש קאָרטשאַק לעצטער גאַנג“. דאָס ליד הייסט „ביז משיח קומט“ און איז געשריבן אין טאָן און נוסח פון יידישע פאָלקסלידער. די דריי פערזן לייענען זיך אַזוי:

ווייט האָט דיך פאַרטראָגן
יעקע מערדערס רויך.
יידל מיטן פידל,
שפּיל מיר פון דער הויך!

ס'האָט דער דייטש דער קין
אונטן דיך פאַרלענדט —
שפּיל ביז ס'וועט דאָס רשעות
ברעכן רוק און לענד.
בויגט אַראָפּ איר גויים
אייער קאָפּ — און שטומט.
יידל שפּילט זיין לידל
ביז משיח קומט!

און איצט, צום סיום און סך־הכל פון אונדזערע שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אהרן צייטלין דעם פּאָעט.

כאָטש גענייגט צו מיסטיציזם, איז צייטלינס וויזיע קיין מאָל ניט פאַרטונקלט.

אין זיין טעמאַטיק איז ער אי מאָדערן, אי טראַדיציאָנעל. ער איז מאָדערן ביים געבן אַדעקוואַטן אויסדרוק די געפילן, האָפענונגען, בענקשאַפטן, אָפּנאַרערישן און ראַנגלענישן פון דעם היינטצייטיקן ייד; ער איז טראַדיציאָנעל אין זיין שאַפערישן באַנוץ פון אויסדרוקן, אידיאָמען, מעטאַפאָרן, אימאַזשן, סימבאָלן און אַלעגאָריעס, כדי איבערצוגעבן אין מוזיקאַלישע קאַדענצן, וואָס ס'טוט זיך אין דער עמאָציאָנעלער וועלט און אין די וויזיעס פון דעם שאַפערישן ייד, וואָס זיין יידישקייט איז דער שליסל צו זיין אוניווערסאַליזם. דורך פאַרשמעלצן אָדער צוזאַמענגיסן דאָס טראַדיציאָנעלע מיטן נייעם האָט צייטלין באַרייכערט אונדזער דיכטונג מיט אַ נייעם וואָקאַבולאַר און מיט אַ נייער מעטרישער מוזיק, וואָס אין זיי הערט מען ווידערקול פון אַ וועלטס ווייגעשריי, בעיקר פון יענעם טייל מערב־וועלט, וואָס איז אויפן ראַנד פון גייסטיקן באַנקראָט.

אַז צייטלין שרייבט אין סאַטירישן טאָן, האַלט ער זיך ניט צוריק פון אָנווענדן „פּראָסטע ווערטער“ און וואָרט־פאַרבינדונגען פון טעגלעכן רעד־נוסח. — אָבער דאָס מינערט ניט, נאָר באַרייכערט דעם פּאָעטישן ווילקלאַנג פון אַזעלכע לידער. ער ווערט קיין מאָל ניט באַצווינגען דורכאויס פון עמאָציע, און זיין דיכטונג קומט אָפּט צום אויסדרוק מיט אַן אומדערוואַרטעטן דראַמאַטישן קלימאַקס אָדער סוף־פּסוק. ניט אומזיסט שליסט־איין זיין יצירה אויך די דראַמאַטישע קונסט.

צייטלין דער מאמין קומט צום אויסדרוק אין אַ גאַנצער ריי גרעסערע און קלענערע לידער. דער מאמין האָט אים פאַרהיט פון ווערן אַ דיכטער פון יאוש און אונטערגאַנג אין די יאָרן פון פערזענלעכע עינויים און פאָלקישע קאַטאַסטראָפעס. טאַקע ווייל אין זיינע לידער קומט צום אויסדרוק דער מאמין, פילט מען אין זיי אויך דעם אויסדרוק פון אוניווערסאַליזם, וואָס פאַרבינדט דעם גלייביקן יחיד מיטן באַשאַפער פונעם אוניווערס.

אהרן צייטלין געהערט צו יענע פּאָעטן אַנדערע, וואָס זייער שאַפן איז געזיכערט מיט נצחיות אין דער נאַציאָנאַלער קולטור פון יידישן פאָלק.

אברהם גאָלאָמב

# לזכר אהרן צייטלין ע״ה

אהרן צייטלין איז דאַכט זיך געווען דער לעצטער אָפּצווייַג פון דער משפחה צייטלין. דער ערשטער ייד מיטן נאָמען צייטלין, וואָס איז מיר באַקאַנט, איז געווען אין די צייטן פון דער קייסערין יעקאַטערינע, דער באַרימטער „שר יהושע צייטלין" — דער יידישער פריץ פון אוסטיע, אין מאָהילעווער גובערניע. (מען קען וועגן אים לייענען אין שניאורס ראָמאַן „קייסער און רבי"). אַ ייד — אַ רייכער פריץ אין רוסלאַנד, חלומט וועגן אַ יידישער אַקאַדעמיע. זיין איידעם, אברהם פרץ, שוין אין פעטערבורג און זיך געשמדט, און אַן אוראייניקל פון אָט דעם יידישן פריץ איז שוין אַ געבאָרענער גוי, גריגאָרי פרץ, וואָס חלומט ווי איינער פון „דעקאַבריסטן", ווי רוסלאַנד זאָל פטור ווערן פון יידן...

דעם משפחה־נאָמען צייטלין טראָגט אויך דער באַרימטער געלערנטער היסטאָריקער און תלמודיסט, פראָפעסאָר שניאור זלמן צייטלין פון דראָפסי אוניווערסיטעט אין פילאַדעלפיע. צי ער איז געווען אַ קרוב מיט דער משפחה פון הלל צייטלין — ווייס איך ניט. בכל אופן איז אהרן צייטלין געווען דער זון פון הילל. דער איינציקער וואָס איז צופעליק ניט אַריינגעפאַלן צו די דייטשישע רוצחים. ער איז געשטאָרבן פרייטאַג, ראש השנה, און זונטאַג אויף מאָרגן נאָך ראש השנה איז זיין אָרון אָפּגעשיקט געוואָרן צו דער קבורה אין ארץ ישראל. געוואָלט האָט ער נאָך לעבן דאָרט. ניט געלונגען. אַן אָרט פאַר זיין אָרון איז יאָ געפונען געוואָרן לעבן דעם קבר פון ש. י. עגנון.

אהרן צייטלין האָט געהאַט אין זיך די אייגנשאַפטן פון אַ טראַדיציאָנעלן יידישן שרייבער. קודם כל איז ער געווען צווייישפראַכיק, ער האָט געשריבן אויף יידיש און אויף העברעיש, און האָט זיך אויך אויסגעלעבט אין ביידע שפראַכן. און די שפראַכן זיינען ביי אים געווען ניט סתם שפראַכן, וואָס מען לערנט זיי אויס און מען באַנוצט זיך ניט מיט זיי. זיי זיינען ביי אים געווען אָרגאַניש זיינע. די נשמה פון אַ מענטשן האָט איר שפראַך און דער גוף האָט אַ שפראַך. איך האָב אַמאָל זייער גוט געקענט מיט אַלע קנייטשן רוסיש, זיכער בעסער ווי 90 פראָצענט רוסן. אָבער עס איז געווען די שפראַך פון מיין גוף, ניט פון דער נשמה. אַן אויסגעלערנטע. מיט דער שפראַך פון נשמה רעדט מען צו זיך, מען טראַכט אויף דער שפראַך, מען רעדט צו זיך אַליין, מיט זיך. אָט דאָס מיין איך אַז צייטלין איז געווען צווייישפראַכיק, ביידע יידישע שפראַכן זיינען געווען ביי אים נשמה־שפראַכן.

ער איז געווען היימיש ווי אין דער יידישקייט פון גלות אַזוי און ניט ווייניקער אויסגעבונדן מיט דער יידישקייט פון ארץ ישראל. איך שרייב ארץ ישראל און ניט איין וואָרט „ישראל" נאָר, ווייל מיטן וואָרט ישראל מיין איך אַרומצונעמען אַלץ וואָס דאָס גאַנצע פאָלק אין ארץ ישראל ווי אין די גלותן אַלע — האָט געשאַפן און וואָס עס שאַפט ווייטער אָן אויפהער... ישראל סימבאָליזירט דאָס גאַנצע פאָלק אומעטום. מען טאָר חלילה ניט אויסטיילן ישראלים ווי די בירגערס פון ארץ ישראל, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו דעם יידישן פאָלק אין די גלותן און ניט צו דער געשיכטע פון דעם גלותדיקן פאָלק.

די צייטלינס און אַנדערע פאַרבינדן דאָס גלותדיקע פאָלק וואָס האָט אויפגעבויט די מדינה און אויך די מדינה גופא אין איין גאַנצקייט. דער טאַטע איז געגאַנגען צום דייטשישן טויט אויסגעפוצט אין אַ גלותדיק־יידישן טלית און תפילין. אַזוי דערציילט די היסטאָריש־אמתע לעגענדע, און דער זון, דער איינציקער זון, וואָס האָט אויסגעמיטן דעם דייטשישן טויט, האָט דאָס גלותדיקע געבראַכט קיין ארץ ישראל.

פאַראַן שרייבערס גרויסע בריות: זיי קענען האָבן אַלע טאָג אַ קאָלום אין צייטונג און זיי זאָגן גאָר ניט. זיינען אויך ביי יידן דאָ אַזוינע שרייבערס? — דאַכט זיך אַז יאָ — דער עיקר דער לייענער זאָל זיך אַ ביסל פאַרוויילן. פאַראַנען אויך שרייבערס וואָס שטעלן אַזאַ פנים פון פרומע יידן און אַליין עסט מען בשר



קוויטש, אַז עס גייט אַ רויך. פאַראַן אַזוינע. אהרן צייטלין איז געווען אַן ערלעכער יידישער שרייבער. ער האָט געגלייבט אין יידישקייט, אין געטלעכקייט פון יידישקייט, און אָט דער גלויבן האָט ערלעך אַרויסגעאָטעמט פון איטלעך וואָרט וואָס ער האָט געשריבן. און אָט דער גלויבן, באַגלייט פון וויסן, איז אין איטלעך געשריבן וואָרט — דאָס איז עכטקייט, און אין היינטיקע צייטן איז אַזאַ ערלעכקייט גאָר ניט קיין אָפטע דערשיינונג.

אהרן צייטלין איז געווען אַן ערלעכער יידישע שרייבער. ער האָט געלעבט אין יידישקייט; און זיין יידישקייט איז געווען אַ גאַנצע, אַלץ וואָס עס איז ביי יידן, אַלץ פון יידן, אַל דאָס יידישעס. ער איז געווען דער היפוך פון אַזוינע יידן וואָס שרייען אַז זיי האָבן ליב דער מאַמען, ווייל זיי האָבן פיינט דעם טאַטן. זיי קלייבן אָפ איין שטיקל יידישקייט, און זיי פאַרדעקן מיט דעם זייער נעגאַציע צו יידישקייט בכלל. גאַנצע יידן זיינען איצט גאָר ניטאָ קיין סך. און אהרן צייטלין איז געווען אַ גאַנצער ייד.

איך האָב פריער געשריבן: „די היסטאָריש־אמתע לעגענדע". געמיינט — עס זיינען דאָ צווייערליי אמתן: פאַראַן אַ פאַקטישער אמת: „איך האָב נעכטן געגעסן מיטאָג." עס איז אמת, אָבער קיין געשיכטע איז דאָ ניטאָ. עס איז אַ פאַקטישער אמת, אָבער ניט קיין היסטאָרישער אמת. עס זיינען קיין ארץ ישראל אָנגעקומען אַ פאָר צענדליק יידישע שרייבערס. אַלע זיינען זיי נאָר פון רוסלאַנד. דאָס איז אַ היסטאָרישער אמת, ניט נאָר אַ פאַקטישער. צי איז הלל צייטלין הי״ד געגאַנגען צום טויט אין טלית און תפילין צי ניט — דאָס איז ניט וויכטיק, צי דאָס איז אַ פאַקטישער אמת אָדער ניט. דאָס האָט ניט קיין היסטאָרישן ווערט. אַז הלל צייטלין הי״ד איז יאָ געגאַנגען צום טויט אין דער היסטאָריש־יידישער קליידונג — איז היסטאָריש וויכטיק. עס איז זיכער אַ סוף פסוק פון היסטאָרישן פוילישן יידנטום.

אהרן צייטלין האָט געחלומט צונויפצוזאַמלען אַלץ וואָס דער פאָטער הלל האָט געשריבן. האָט ער עס ניט באַוויזן. עס וואָלט געווען אַ מין סומירונג פון יידישער מחשבה אין גלות! דאָס אַריינגעפירט אין דער יידישקייט וואָס קומט אויף אין דער מדינה — דאָס איז אַ טייל פון דער „קולטור־צירקולאַציע" וואָס זי איז אין לעבן פון אַ פאָלק אַזוי וויכטיק ווי די בלוט־צירקולאַציע אין לעבן פון אַ יחיד.

עס איז ביי אונדז גאָר אַ זעלטענע דערשיינונג אַ זון זאָל גיין אין די וועגן פון זיין פאָטער. על פי רוב איז עס טראַגיש ניט אַזוי. דער פאָטער שטאַרבט, טראָגן די קינדער אַרויס די ביכער וואָס דער טאַטע האָט געלאָזן, טראָגט מען דאָס אַרויס — די מיסט־פירערס זאָלן דאָס אַוועקפירן. ברענגט מיר דאָ ווען אַ פריינד אַ „חיי אדם", וואָס ער האָט געפונען אין אַזאַ קעסטל מיט ביכער מיט נאָך עפעס... און דער „עפעס" איז געווען — אַ יידישער טלית... דער חיי אָדם האָט געהאַט אַ רוסישן שטעמפל: „פון די ביכער פון דעם און דעם אין כאָראַל"... אַ גאַנצע געשיכטע: אַ ייד אין רוסלאַנד האָט עמיגרירט, מיטגענומען דאָס בייטיקסטע. ניט געקאָנט זיך געזעגענען מיטן „חיי אָדם", האָט ער עס מיטגענומען מיט זיך קיין אַמעריקע. די קינדער דאַרפן עס ניט. מען וואַרפט אַרויס. די שטאָטישע יידישע ביבליאָטעק ווערט פאַרשאָטן מיט ביכער, וואָס יינגערע יידן שיקן אַריין: דאָס איז געבליבן פון טאַטן און מיר דאַרפן עס ניט.

עטלעכע דורות פון אַ יידישער משפחה — אַ פאַקטישער און היסטאָרישער אמת: אָט איז די געשיכטע. איך גיב ניט אָן דעם נאָמען. אַ רב אין אַ ליטווישער שטאָט. זיינע צוויי זין אין אַמעריקע. איינער — אַ דאָקטאָר, דער צווייטער — אַ יידישער און העברעישער שרייבער. ביידע באַרימטע יידן, האָבן געלאָזן "ספרים אין דער יידישער שאַפע אַריין". איך האָב זיי און היט זיי. צי וועט מיין זון זיי דאַרפן? איך ווייס ניט. מיינע אייניקלעך — זיכער ניט. דעם שרייבערס טאָכטער האָט חתונה געהאַט ניט מיט קיין ייד. געלאָזן אַ זון אַ קאַטאָליק. איז דער זיידע — דער יידיש־העברעישער שרייבער געשטאָרבן. איז געקומען דער קאַטוילישער אייניקל, צוגענומען פון באַנק די פאָר טויזנט דאָלער וואָס דער זיידע — דער

העברעיש־יידישער שרייבער — און באַליבטער שרייבער — האָט געלאָזן, און אַוועקגעפאָרן.

חסל סידור אַ רבנישע משפחה אין אַמעריקע. דאָס איז אַ פאַקטישער אמת און אַ היסטאָרישער אמת אייַנצייטיק. איך גיב ניט קיין נאָמען מחמת מיין דרך־ארץ צו אַ יידיש־העברעישן שרייבער, וואָס זיינע ספרים זיינען מיר ליב ביז איצט. צי וועלן זיי דאַרפן מיינע אייניקלעך — זיכער אַז ניט.

גייט אַרום אַ פריינד, זייער אַ טיכטיקער און אַן אַקטיווער טוער פאַר יידישער קולטור, טענהט ער מיט מיר זייער אָפּט: פאַר וועמען האָרעווען מיר? וואָס לאָזן מיר? איך ענטפער אים ניט: איך ווייס ניט וואָס אים צו ענטפערן. מיר זיינען אַלע די לעצטע פון אַ תקופה.

אהרן צייטלין איז געווען אַן אַקטיווער יורש פון דעם פאָטער זיינעם, דעם קדוש ר׳ הלל צייטלין. געשטאָרבן ראש השנה תשל״ד, געקומען צו קבורה אין ארץ ישראל. דער היגער זשורנאַל „חשבון“, דער איינציקער אין אַמעריקע אויסער ניו־יאָרק, האָט זיך געקליבן צו פראַוועןדעם יובל פון אהרן צייטלין — פינף און זיבעציק יאָר. איז דער יובל געוואָרן אַ הספד. אַזוי אויך איז געשטאָרבן יעקב גלאַטשטיין אין מיטן די צוגרייטונגען צו אַ יובל, אַזוי איז איצט געשטאָרבן אהרן צייטלין. תהי נשמתו צרורה בצרור החיים. אָט די אותיות תנצב״ה זעט מען אויף אַלע מצבות. דאָס איז די איינציקע ברכה וואָס מען קען ווינטשן אַ טויטן — זיין גייסט זאָל זיין פאַרבונדן אין בונד פון לעבן, פון אַ לעבעדיקן פאָלק.

פאַראַן אַזוינע נעמען וואָס שטאַרבן ניט כל זמן עס לעבט דאָס פאָלק. דער נאָמען איז אַריינגעוועבט אין דעם אוצר פון פאָלק. אַזאַ נאָמען איז, למשל, רש״י, אָדער דער רבינו תם, וואָס מאַנגער האָט אַריינגעפלאָכטן אין אַ ליד. אויב דאָס יידישע פאָלק וועט ניט אויסגיין, וועט אויך דער נאָמען ניט אויסגיין. תנצב״ה!

איש יאיר / מאָנטרעאַל

## דער עוקץ איד

איז עס יושרדיק, איז עס?
גראַמט זיך עס מיט שכל?
אינסופיק — דאָרט — אַ היכל
פילפאַלדיק, דאָך אומטייליק;
איין גוס, באַנומען טויב,
איין שטומער מיר, אומצייליק.
און . . . קאַפּויערדיק־אוממעסטיק
אַ דגשל, אַן איכעלע,
אַ שפּילקע פּיין פאַרנעסטיקט
אין לעבעדיקן לייב.
אַ פּולסירנדיקער וויטיק,
אַ גלי־פליגס קפיצת־דרך —
ביט־ווו, ניט ווען, אָן ערך.

איז עס יושרדיקלעך, ווייל,
דער גרילץ אין קאָסמאָס־ניגון,
דער וויטיק־צאָן אין צאָנלאָז מויל?

לעש־אויס, צעטרעט די גליענדיקע קויל!
עוקר־זיי די שפּילקע פּיין,
פאַרדאַמטן צלם — איכל —
פון — אַנדערש־קדושדיק — אָנוכי.




# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניואיטי פאָנד

איר קענט האָבן

אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן

מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי־הכנסה און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

✡

שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט
פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע :

דר. אירווינג מאָסקאָוויטש, קאַונסיל פּרעז. • נחום מוכסן, אָרג. דירעקטאָר

MR. FRED KAHAN, Executive Vice-Pres.

JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

**5410 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90036**

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name..........................................................................

Address......................................................................

City..........................................................Zip Code..................

עלי שעכטמאַן / תל אביב *)

# לאָמיר היטן דאָס פייער פאַר די קומענדיקע דורות

אַ פּרעמיע פון ראש הממשלה גאָלדע מאיר פאַר אַ יידישן שרייבער איז אַ גרויסער יום־טוב פאַר דער יידישער ליטעראַטור, און פאַר אַלע אירע פריינד אין דער וועלט. אַזאַ פּרעמיע פון ראש הממשלה פון מדינת ישראל פאַר יידישער ליטעראַטור־שאַפונג קאָן זיין אַ גרויסער נחת־רוח און געבן אַ רחבת־הנפש.

אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן דער גרויסער כבוד און די גרויסע זכיה צו באַקומען אָט די פּרעמיע פאַר אויספילן אין נישט גרינגע באַדינגונגען און אומשטענדן אַ נאַציאָנאַלע שליחות: טראָגן ווייטער דאָס פאַרבלוטיקטע יידישע וואָרט נאָך דער סטאַלין־נאַכט פונעם לאַנגן מעסער איבער דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, איבער אירע שעפערס און בויערס אין ראַטנפאַרבאַנד — שלמה מיכאָעלס און דער ניסתר, משה קולבאַק און דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש און דוד האָפשטיין, איזי כאַריק און מאַקס עריק און נאָך קדושים, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן און אויסגעגאַנגען אין גרויסע יסורים אין די לאַגערן פאַר *זיין יידן* און *פאַר שאַפן אין יידיש*. זיי געהערן אַלע צו דעם גאָלדענעם אוצר פון יצירה ביים יידישן פאָלק. אַוודאי קאָן מען געפינען ביי פּרץ מאַרקישן, ביי דוד בערגעלסאָנען און ביי אַלע אַנדערע פעלערן און פלעקן. אָבער וועלכער באמת גרויסער צדיק איז אויף זיין וועג נישט געשטרויכלט געוואָרן און קיין מאָל נישט געפאַלן?

אַ לאַנגן און זייער שווערן וועג אַהער האָבן דורכגעמאַכט די דיכטערס, שרייבערס, ליטעראַרישע פאָרשערס, קינסטלערס, קולטור־טוערס און אַלע יידן און יעדער ייד באַזונדער, אין זייער עליה פון די קאָמוניסטישע לענדער קיין ישראל. מ׳טאָר אויף קיין רגע נישט פאַרגעסן: די עליה, אין איר יסוד, איז נישט קיין עקאָנאָמישע, נאָר אַן אידעישע, אַ טיף אידעישע, אַ טיף נאַציאָנאַלע. און אָט דערפאַר קומט אויס צו פירן דאָרטן, און דאָ אין ישראל, און אין דער גאָרער וועלט, אַזאַ פאַרביטערטן געראַנגל, אַזאַ שווערן קאַמף פאַר דער עליה אין גאַנצן גענומען, און פאַר יעדן עולה באַזונדער. די עליה איז דאָך אַ פונק פייער אינעם סאָוועטישן סטויג היי פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

נישט קיין גרינגער איז אויך געווען מיין וועג אַהער פונעם ווייטן פאָלעסיער דאָרף אין אוקראַינע, הגם מיין וועג איז קיין מאָל נישט פאַרפאַלן געוואָרן אין די זאַמדן. פון מיין ערשטן טראָט אין דער ליטעראַטור, אין יאָר 1928 — געווען נאָך דעמאָלט דער בלי־פּעריאָד פון יידיש — האָב איך מיט שרעק געפרעגט: וווהין גייען מיר? דער ערשטער בוך מיינער האָט טאַקע געהייסן: „אויפן שיידוועג“ — וועגן דעם אונטערגאַנג פון שטעטל נאָך דער רעוואָלוציע.

אָבער דאָך און פאָרט האָב איך געגלייבט אין דעם סאָציאַליסטישן רוסלאַנד, ווו מיר יידן האָבן פאַרגאָסן אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע אַזוי פיל בלוט און געבראַכט אַזוי פיל קרבנות, וועלן מיר די רעכט און די מעגלעכקייט באַקומען צו אויפבויען אַ ניי שיין יידיש לעבן — אַ רייכע ליטעראַטור און קולטור. איך האָב אויך געגלייבט: איך בין דאָ, אויף אוקראַינע, אַזאַ באַלעבאָס ווי ס׳איז באַלעבאָס דער שרייבער איוואַן לע, דער שרייבער אַנדריי האָלאָווקאָ. מיר יידן לעבן דאָך אויף דער ערד נאָך איידער ס׳האָט זיך אויסגעפורעמט דאָס אוקראַינישע פאָלק. שוין צוריק מיט טויזנט יאָר, אין דעם 1013טן יאָר, איז אין קיעוו געווען אַ יידישער פּאָגראָם.

בין איך אַזוי, נאָך אַלץ גלייבנדיק, כמעט זעקס יאָר אויפן שיידוועג געשטאַנען, געפּרוווט פאַראַקערן מעזשעס, און סוף כל סוף דערזען: אויף מיינע פאַראַקערטע מעזשעס קאָן דער ייד ניט זייען און קאָן קיין גערעטעניש ניט אַראָפּנעמען... מיר האָט אָנגעהויבן נאָכגיין שמואל האַלקינס ליד:

„רוסלאַנד, ווען ניט מיין גלויבן מיין
שטאַרקער אין דיר,
וואָלט איך איצט אַנדערש געטענהט,
איך וואָלט געזאָגט: דו האָסט אונדז
פאַרפירט,
פאַרבלענדט האָסט אונדז, יונגע
ציגיינער...“

און אין גיכן האָט די פאַרבלענדעניש גענומען זיך אָפּטאָן פון מיינע אויגן. איך האָבן דערזען: די לוחות ליגן צעבראָכן... האָב איך זיך געלאָזט אין די פאָלעסיער וועלדער אַריין, אין די געדיכטענישן פון פאָלק — צו די באָיאַרס, צו מיינע זיידעס, צו די געזונטע יידן — מיט לייב און נשמה! גענומען קוקן אין דער וועלט אַריין דורך יענע פענצטער וואָס מיין עלטער־זיידע, איצעלע נאַהאַדיער — געהאַנדלט מיט וואַלד, געטריבן פליטן — פלעגט באַלד נאָך סוכות פאַרוואַרפן אַלע טועכצן, אַרויפשטעלן אויפן וואָגן אַ קאַסטן גלאָז, געפאָרן אַליין דורך דאָרף און שטעטל און ווו נאָר געזען אַ צעבראָכענע טאַפליע, אַריינגעשטעלט אַ נייע, און בעתן אָנגלאָזן, אפילו אין די צוויי גרויסע פענצטער, דורך די לאַנגע פון אויבן ביז אַראָפּ טאַפליעלעך האָב איך גענומען אַריינקוקן אין יידישן לעבן.

---

*) עלי שעכטמאַן איז איינער פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק עולה געווען קיין ישראל, ווו ער האָט לעצטנס באַקומען די גאָלדע מאיר פּרעמיע פאַר דער יידישער ליטעראַטור. די דאָזיקע פּרעמיע איז איינגעשטעלט געוואָרן פון גאָלדע מאיר, ראש הממשלה פון מדינת ישראל, בכדי אויסצוצייכענען אַ יידישן שרייבער און במילא די יידישע ליטעראַטור. די פּרעמיע איז אויסגעטיילט געוואָרן צו עלי שעכטמאַן פאַר זיין ראָמאַן „ערב“, וואָס ביז איצט זיינען דערשינען אין בוכפאָרם זיינע ערשטע צוויי טיילן און די ווייטערדיקע טיילן דאַרפן ערשט דערשיינען. אַן אָפּהאַנדלונג פון דאָזיקן ראָמאַן ווערט צוגעגרייט פאַרן קומענדיקן נומער „חשבון“. דאָס וואָס ווערט דאָ איבערגעגעבן איז עלי שעכטמאַנס רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן בעת ער האָט באַקומען די פּרעמיע פון ראש הממשלה, גאָלדע מאיר.



און דעמאָלט, טאַקע אין יענער צייט, האָט דער נסתר געשריבן „משפחה מאַשבער“, דוד בערגעלסאָן — דעם ערשטן בוך „ביים דניעפּר“, שמואל האַלקין — „בר כוכבא“ און „שולמית“; מיכאָעלס האָט אויפטרייסלענדיק געשפּילט דורך דעם „קיניג ליר“ די גרויסע טראַגעדיע פונעם יידישן פאָלק, וואָס האָט צעטיילט, צעגעבן אַלעמען זיינע רייכטימער און איז געבליבן איינער אַליין אין דער וועלט פון געוויטער.

איך גיי פאַרביי די מלחמה־יאָרן — מ׳דאַרף אויף זיי אַ טאָג מיט אַ נאַכט... אין 1947 האָב איך זיך אומגעקערט פון דער אַרמיי אַהיים, אַוועק מיט מיין פרוי אויפן באַבי־יאַר, וואָס איז נאָך נישט געווען פאַרשאָטן. איבערן טיפן טאָל האָט געפלאָסן אַ ריטשקעלע. אַ ווייב, אויסגעגלייכט, דאָס פּנים צו דער זון, אויף די אויסגעצויגענע הענט האָט זי געהאַלטן צוויי ווייסע ביינדעלעך און געשריען: — מאַמע! טאַטע!... אויף מאָרגן האָט מען מיך גערופן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע שרייבער, ווו דער פאָרשטייער פון שרייבער־פאַריין, איוואַן לע, האָט באַשולדיקט איציק קיפניסן אין נאַציאָנאַליזם, ציוניזם, ווייל אין אַ דערציילונג ביי אים טראָגט אַ ייד אויף דער לאַץ אַ מגן־דוד. אין גיכן האָט מען אַרעסטירט דוד האָפשטיינען. איבער די יידן אין רוסלאַנד האָט זיך געשטעלט די לאַנגע שוואַרץ־בלוטיקע סטאַלין־נאַכט.

נאָך סטאַלינס טויט, נאָך די 28 יאָר פון זיין הערשאַפט, פון 1925 ביז 1953 — אינטערעסאַנט דאָ צו באַמערקן, אַז פונקט מיט הונדערט יאָר צוריק, פון 1825 ביז 1853, האָט אין רוסלאַנד געהערשט ניקאָלאַי דער ערשטער, די סאַמע פינצטערע צייט דעמאָלט פאַר יידן — נאָך סטאַלינס טויט, אַז מ׳האָט מיך אַרויסגעלאָזט פון טורמע, ס׳איז בטל געוואָרן דער ענין וועגן די „מערדער אין ווייסע כאַלאַטן“, אָט די סאָוועטישע אויפלאַגע פון אַ בייליס פּראָצעס! די מ.ג.ב. האָט מיר אונטערגעוואָרפן דעם בילבול, אַז איך האָב געזאָגט: „מ׳האָט שוין גענוג געצאַפּט יידיש בלוט, יידן וואָלטן שוין באַדאַרפט האָבן קריסטלעך בלוט.“ מ׳האָט אַ פּנים געדאַרפט האָבן אויפן דאָקטוירים־פּראָצעס

אויך אַ יידישן שרייבער, ס'זאָל פולער און קלאָר זיין דאָס בילד פונעם יידישן פּרצוף... דאָרטן האָט מען מיר אויך אונטערגעטראָגן, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז יוסף אָפּאַטאָשו, ביי זיין באַזוך אין 1934 אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט מיך פאַרווערבירט פאַר אַ שפּיאָן לטובת אַמעריקע... און באַשולדיקט אַויך אין פירן אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע, דהיינו: מ'שטעלט נישט קיין דענקמאָל די קדושים פון באַבי־יאַר, מ'ליקווידירט די יידישע קולטור...

און מ'האָט מיר דאָרטן אָפן און קלאָר געזאָגט: איר, ד"ה יידישע שרייבער, פאַרהאַלט די אַסימילאַציע; איר שטערט די סאָוועטישע בירגער פון יידישן אָפּשטאַם צו באַהעפטן זיך צו דער קולטור פונעם ברידערלעכן רוסישן פאָלק...— און אויך מיר דערקלערט: די יידישע אינסטיטוציעס זיינען פאַרמאַכט געוואָרן דערפאַר, ווייל זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נעסטן פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, ציוניסטישן אימפּעריאַליזם, אין אַגענטן פון ישראל...

דעמאָלט איז דאָרטן, אין טורמע, ווי די מ.ג.ב. האָט מיט מיר צוויי חדשים, נישט נאָר בייטאָג, נאָר אויך אין דער נאַכט, ביזן קאַיאָר, געקנעלט דעם מאַרקסיזם־לעניניזם, איז שוין מיר ביזן סוף קלאָר געוואָרן: נאָך אוישוויץ און טרעבלינקע, נאָך פּאָנאַר און באַבי־יאַר, קומט מען פאַרניכטן און אין גאַנצן אויסלעשן אויך דאָס גייסטיקע לעבן פונעם רוסלענדישן יידנטום, איינעם פון די שענסטע שבטים אין יידישן פאָלק, דעם שבט, וואָס האָט געגעבן אַזוינע שטאַרקע נאַציאָנאַלע, רעוואָלוציאָנערע און רעליגיעזע באַוועגונגען, אַזוי פיל וואונדערלעכע דיכטער און שרייבער אין ביידע אונדזערע לשונות, גרויסע דענקער און היסטאָריקער, גאונישע סקולפּטאָרן און קינסטלער, וועלט־באַרימטע געלערנטע, אַזוי פיל גרויסע און שיינע געשטאַלטן און פּערזענלעכקייטן. אויף אָט דעם שבט איז פאַרהויבן געוואָרן די האַק, און דאָס מאָל אונטער דער פאָן פון אונטערנאַציאָנאַליזם, צו פאַרוויסטן אויף דור־דורות.

אַלע יידישע שרייבער זיינען נאָך דעמאָלט געווען אין די לאַגערן, וועגן די קדושים, די הרוגי מלכות, האָט מען נאָך נישט געוווּסט; דער פּחד ביי יידן, וואָס האָט זיך געשטעלט בעתן גרייטן דעם דאָקטוירים־פּראָצעס, איז נאָך נישט צעגאַנגען געוואָרן — ס'איז נאָך געשטאַנען יענע שרעק פון וואַרטן אין די נעכט, אַז אָט קומט מען נעמען אַרויספירן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנעס ערגעץ אין די קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט די קרימער טאַטאַרן. דאָס סאָוועטישע יידנטום איז דעמאָלט דערשלאָגן און שטום געבליבן.

אין אָט דער שווייגעניש האָב איך גענומען שרייבן דעם ראָמאַן „על נהרות בבל“. אָבער אין יענע אומשטענדן האָט שוין דער נאָמען אַליין געקאָנט אויסגעבן און מסרן... האָט מיין פרוי — דער איינציקער אין יענער צייט מאַטעריעלער און גייסטיקער אָנשפּאַר — מיר געגעבן דעם נאָמען „ערב“ און דערקלערט: ערב אונדזער גרויסן חורבן, ערב אונדזער גרויסער אויפלעבונג, דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה, און בכלל איז דאָס יידישע פאָלק אין זיין געשיכטלעכן גאַנג תמיד געווען פאַר אַן ע ר ב...

אין יענער שווערער שטילקייט, ביים באַבי־יאַר, האָט דער מאָלער דניאל אין „ערב“ געשריען: כ'קאָן נישט צוזען, ווי דורך מיין טאַטנס אויגן קוקט אַרויס דער פאָלקס־אומגליק... יעדער פויגל האָט זיין ליד, האָט זיין נעסט. איך בין פאַרבליבן אָן אַ ליד... וואָס קאָן דען זיין שרעקלעכער, ווי צו בלייבן אָן דיין אייגענער ליד, אַרומגיין ווי אויף אַ ביתעולם, אַ שטומער.

און איווע שרייט: מיר דאַרפן אַ דאַך איבערן לעבן! נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, נאָר אַ דאַך איבערן לעבן!

און שמריה פאַרן טויט שרייט דאָרטן מיט די לעצטע כוחות:

— מ־ש־י־ח!

און יצחק באַיאַר: גר אָנוכי בארץ, אַ פרעמדער בין איך דאָ אין לאַנד!

און אויף דער לוויה, שרייט ער, יצחק, צו די באַיאַרס, וואָס שפּאַנען איבערן פאַרפּסחדיקן וואַלד־וועג, מיט די אייזערנע שטעקנס אין די הענט, די אויגן צוגעזשמורעט, און די ביינער גייען זיי פון צאָרן אונטער די קאַרטענע רעקלעך.



— אויב די וועלט האָט דרך־ארץ פאַר אַ מגושמדיקן כוח, שלאָגט נאָך אין אונדז דער אָדער פון שמשון הגיבור, לעבט נאָך אין אונדז דער אָדער פון די חשמונאים, דאָס בלוט פון מתתיהו הכהן איז נאָך אין אונדז נישט פאַרקילט געוואָרן. ס'וועט זיך נאָך היינט געפינען צווישן אונדז אַ יהושוע בן־נון, וואָס וועט קאָנען אויפהויבן די האַנט און אָפּשטעלן די זון פון אונטערגאַנג...

און די מומע ליבע, פאָרנדיק מיט יצחק באַיאַר פון דער שטאָט, וו זיי האָבן צוגעזען אַזוי פיל וויי און מאַטערנישן, זיך אָנגענומען מיט ביטערע יסורים, זיצט זי, די מומע ליבע, אויפן זאַק שטרוי, די געליענע שאַל איבערן קאָפּ — דער ביינאַכטיקער ערב־ווינטערדיקער ווינט זאָל איר אַזוי נישט פאַרשלאָגן די אויגן, און שרייט צו גאָט:

— דיין וועלט, רבונו של עולם, איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט שנאה, מיט גאַל און מיט סם. ראַטעווע זי, דיין וועלט, פון אָט דעם מבול שנאה. אויף דיין וועלט גיסט זיך מענטשלעך בלוט ווי וואַסער... הער, רבש"ע, ווי דאָס פאַרגאָסן בלוט שרייט צו דיר!... שנאה וועט באַלד פאַרפלייצן און דערטרינקען אַלע הייליקייטן און אַלע ריינקייטן... רבש"ע, באַווייז אַ נייעם רעגנבויגן, אַ רעגנבויגן פון ליבשאַפט!

יאָ, אין „ערב“ שרייען אַלע — פונעם בעל־העגלה, דעם אַשמדאי, ביזן אַלטן דיין, דעם מקובל, ר' נתן לאַנדע. אַ יידישער שבט שרייט, רופט און מאָנט... און מיין געשריי איז דערהערט געוואָרן, און ס'איז דערהערט געוואָרן „דאָס געזאַנג צווישן ציין“ פון דעם טאַלאַנטפולן פילגעפּרוווטן דיכטער, יוסף קערלער, און פון אַנדערע דיכטער און שרייבער, די אסירי עם ישראל, וואָס זיינען געקומען אַהער דורך טורמעס, לאַגערן, עלנט און איינזאַמקייט; אונטערן געוואַי פון קיטשקאָס, איוואַנאָווס, יעווסייעווס, קאָלעסניקאָווס און אַנדערע.

גרויסע פּראָבלעמען שטייען ביי היינטיקן טאָג פאַרן יידישן פאָלק. די גרעסטע זאָרג פון אַלע יידן אין דער וועלט דאַרף אָבער זיין די זאָרג פאַר מדינת ישראל, ווייל מדינת ישראל איז די נשמה, דאָס האַרץ, דאָס אויג און דער פילבאַרער אויער פונעם יידישן פאָלק אין אַלע זיינע תפוצות.

די יידישע ליטעראַטור — אָט דער וווּנדערלעכער ראַשיק־צעבליטער גאָרטן, וואָס איז אויפגעגאַנגען און זיך אַנטוויקלט ווי אַ פאָלקס־ליטעראַטור, טאָר אויך אויף ווייטער נישט אַרויס פון שפּאַן. מ'דאַרף אַקערן און זייען פאַרן פאָלק ווייטער. דאָס יידישע וואָרט, וואָס איז ווילד, וואָס איז מילד, וואָס איז טייער, ווי דוד האָפשטיין ז"ל האָט געזונגען וועגן יידיש, דאַרף אויך ווייטער, און באַזונדער דאָ אין ישראל, געבן פּרוכטן...

נישט אין דער טעמע, נישט אינעם שטאָף, און אַוודאי נישט אין די אַריינגעבראָקטע פסוקים פון תנ"ך און גמרא ליגט דער נאַציאָנאַלער תוך פון אַ ווערק, נאָר אין דעם אויפהויבן, אינעם אַרויסהויבן און דערהויבן דער גייסט, די נשמה, די שיינקייט פונעם פאָלק. דאָס איז דער עיקר, דאָס איז דער מהות, דאָס איז די שליחות פון דער גאַנצער ליטעראַטור און פון איר יעדן שעפער באַזונדער.

קיין מער וויכטיקע פרעמיע און אַזאַ, וואָס זאָל מיר זיין אַזוי ליב און טייער, ווי אָט די פרעמיע וואָס איך באַקום פון גאָלדע מאיר, וועט שוין געוויס אין מיין לעבן מער נישט זיין... פאַר מיר איז אָט די פרעמיע מער ווי אַ ליטעראַרישע, אַ סך, אַ סך מער!

איך וויל דאָ ווינטשן אונדזער ראש־הממשלה, אַז צום 26טן יום־העצמאות זאָל זי, גאָלדע מאיר, אונטערשרייבן דעם לאַנג־געגאַרטן שלום־אָפּמאַך מיט אונדזערע אַראַבישע שכנים — אַ שלום אין פריינדלעכע און געזיכערטע גרענעצן.

אַ גרויסן יישר־כוח דעם קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל, בראש מיט דעם פריינד יצחק קאָרן, פאַר דער איניציאַטיוו צו שאַפן אַזאַ הויכע און וויכטיקע פרעמיע פאַר ליטעראַרישער שאַפונג אין יידיש, פאַר אויפהייבן און שטעלן פּראָבלעמען פאַר יידישער ליטעראַטור און קולטור, פון יידישע שרייבער־עולים, פאַר דער זאָרג אַרויסצוגעבן זייערע ביכער, און אַז די ביכער זאָלן פאַרשפּרייט ווערן און דערגיין צום לייענער.

לילי בערגער / פּאַריז

# דאָס ווערן און אומווערן פון אַ קינסטלער

ס'איז געווען אין אויגוסט 1943. פּאַריז איז געווען צעטראָטן פון דייטשע שטיוול. פּאַריז איז אָפיציעל געווען „יודנריין". די איינצלנע יידישע משפחות, פאַרבליבענע אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט, זיינען פאַרשטעקט געווען אין באַהעלטענישן, אָדער אָנגעהאַלטן זיך אויף „אַרישע פּאַפּירן". אַנדערע — און נישט קליין איז געווען זייער צאָל — זיינען געווען סאָלדאַטן פון דער אונטערערדישער אַרמיי, וואָס האָט געפירט מלחמה קעגן היטלעריסטישן משחית.

אין אַ פּאַריזער קליניק האָט מען פון אַ דאָרף מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט געבראַכט צו פירן אַ שווער־קראַנקן אונטער אַ פרעמדן נאָמען. דעם געלבלאַסן פּאַציענט מיטן צעוויטיקטן גוף האָט מען אין איילעניש, דעם זעלבן אָוונט, האַלבע נאַכט, אָפּערירט. ס'איז געווען צו שפּעט. אויף צומאָרגנס פרי, זעקס שעה נאָך דער אָפּעראַציע, האָט דער 49־יעריקער פּאַציענט אויסגעהויכט די נשמה.

דאָס איז געווען דער גרויסער קינסטלער ח י י ם  ס ו ט י ן.

אין דער שטיל איז אויך פאָרגעקומען סוטינס לוויה. בלויז עטלעכע פריינד, שרייבערס, מאָלערס, און צווישן זיי פּיקאַסאָ, האָבן באַגלייט סוטינען צו זיין אייביקער רו אויפן בית־עולם פון מאָנפּאַרנאַס. ווען מען האָט נאָך דער מלחמה געמאַכט דער חשבון פון דער צאָל קרבנות צווישן די יידישע קינסטלערס אין פּאַריז, וואָס זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן און זיך נישט אומגעקערט, איז צוגערעכנט געוואָרן חיים סוטין.

* * *

זינט נאָך דער מלחמה האַלט מען אין איין אַנטדעקן סוטינען אויפסניי. דאָס מיינט נישט מ'זאָל אים חס וחלילה אין גאַנצן האָבן פאַרזען פאַרן לעבן. אייניקע קונסט־קריטיקערס, כלערליי קונסט־מבינים האָבן געזען אין אים אַ זעלטענע דערשיינונג אין דער מאָלעריי. קונסט־הענדלערס און קאָלעקציאָנערן האָבן מיט דער נאָז דערשמעקט, אַז מ'וועט אַ מאָל קאָנען אָפּלעקן אַ גוט ביינדל. אין אַ געוויסן פּעריאָד האָבן זיי זיך געיאָגט נאָך זיינע בילדער, וואָס זיי האָבן אָפּגעקויפט בזול. חיים סוטין האָט זיך אָבער נישט געיאָגט אויסצושטעלן זיינע לייוונטן. אויך אין דעם פּרט איז ער געווען אַן אייסנאַם צווישן די קינסטלערס. ער פלעגט זיך קעגנשטעלן מ'זאָל אים איינאָרדענען אַן אויסשטעלונג.. צי דאָס איז געווען דערפאַר ווייל ער איז אַליין געווען איבער זיך דער שטרענגסטער קריטיקער, געפּאָדערט פון זיך אַ סך און געוואַרט צו דערפירן זיין מאָלעריי צו דער העכסטער שלימותדיקייט, אָדער צוליב זיין געמיט־צושטאַנד, ספקות און אומגלויבן, וואָס האָבן אים צייטנווייז דערפירט צו פאַרניכטן אַ סך בילדער צווישן וועלכע ס'זיינען געווען מייסטערווערק. אַזוי צי אַזוי, פאַר זיין לעבן האָט ער בלויז איין מאָל אויסגעשטעלט זיינע בילדער.

אין די יאָרן נאָך דער מלחמה זיינען די גרעסטע צאָל אויסשטעלונגען פון סוטינס ווערק פאָרגעקומען אין די פאַרייניקטע שטאַטן ווו עס געפינען זיך אַ היפּשע צאָל פון זיינע לייוונטן. אויף די עטלעכע אויסשטעלונגען אין פראַנקרייך האָבן געפעלט די באַרימסטסטע בילדער; די באַזיצערס — קאָלעקציאָנערן, קונסט־הענדלערס, פּריוואַטע מענטשן — האָבן אָפּגעזאָגט זיי אויסצולייען. איז איצט געקומען אַ פאַרגיטיקונג. אין דעם אָפּטייל פון לוווער, „אראנזשערי"־מוזיי האָט זיך געעפנט אַן אויסשטעלונג פון איבער הונדערט גרויסע לייוונטן. אין פינף גרויסע זאַלן זיינען אויסגעשטעלט סוטינס מייסטערווערק און ווי עס געשעט ביי הויכער קונסט, איז זי פאַר יעדער מאָל, ווען מען קוקט זיך איין איר אויפסניי, אַ נייע אַנטדעקונג, אַ נייע אַנטפּלעקונג.

גייסטו פון בילד צו בילד און פון יעדערן טויכט אויף פאַר דיר אויפברויז און שטורעם, טיפע טראַגיק, מענטשלעכע דראַמע און יידישע גורלדיקייט. צי דאָס איז אַ



געשאָכטענער לעבעדיקער בעל־חי, צי אַ שטיללעבן, אַ פּייזאַזש אָדער אַ פּאָרטרעט, דערבליקסטו און דערפילסט מיט אַלע חושים דעם שטראָמענדיקן צער און או, מעט, מיסטעריע און ליידנשאַפט, טרויער און פּראָטעסט, געראַנגל און גלייכצייטיק דערוואַכונג. דאָס איז דער תמצית פון סוטינס קונסט. זי איז אַ דינאַמישע, ברויזנדיקע און פול מיט דראַמאַטיזם. און דאָס אַלץ באַקומט דער קינסטלער אַרויס נישט מיט דער ליניע, פאָרעם, קאָמפּאָזיציע, נאָר ראשית כל דורך דער מאָלערישער מאַטעריע, וואָס פליסט ביי אים אומגעצוימט, דורך זיין אייגנאַרטיקן פּענזל־שמיר, דורך דעם ליריזם פון דער פאַרבן־סובסטאַנץ, וואָס ברויזט מיט עמאָציעס און ספּיריטועלקייט.

חיים סוטין איז אַ פענאָמען אין דער היינטצייטיקער מאָלעריי. ער איז צו קיינעמען נישט ענלעך, הגם ער האָט געהאַט זיינע באַליבטע גרויסע מאָלערס, ווי רעמבראַנדט, קאַראָ, קורבע, וואַן גאָג, סעזאַן, טולוז לאָטרעק. זיינע געקוילעטע אָקסן האָט ער זיכער פאַרטראַכט אונטערן איינפלוס פון רעמבראַנדטס געקוילעטן אָקס, אָבער ווי אַנדערש איז סוטין פון האָלענדישן מייסטער, פון סעזאַנען, וואַן גאָגן, פון וועלכע ער האָט אַ סך געלערנט. ווי אַנדערש איז ער געווען פון די אַלע, וואָס זיינען ווי ער רייף געוואָרן אונטער די זונענשטראַלן פון דער גרויסער פראַנצויזישער קונסט.

פון די מזרח־אייראָפּעישע לענדער, איבערהויפּט פון פוילן, זיינען געקומען קיין פּאַריז צענדליקער און צענדליקער יונגע יידישע מאָלערס, דורשטיקע נאָך וויסן, נאָך קענטעניש. זיי האָבן אַלע זיך צוגעאייגנט, יעדערער אויף זיין אופן, עפּעס פון דער אַזוי גערופענער „פּאַריזער שול". די מאָדערנע פראַנצויזישע פּלאַסטישע קונסט, מיט אַלע אירע אַוואַנגאַרדישע פּעריאָדן און אומוואַנדלונגען, שטיצט זיך אין גרונט אויף דער טראַדיציע פון דער גריכיש־ראָמאַנישער קונסט, וואָס האָט געהאַט אירע פּרעציזע ליניעס, פאָרמען, פלאַכן און פּראָפּאָרציעס, די האַרמאָנישקייט פון ליניעס, אַ גראַציעזע אַרכיטעקטאָניק און דער עיקר, אַ רייכע קאָלאָריסטיק. חוץ דער קאָלאָריסטיק. וואָס איז אויך זיינע אַן אייגענע, אַ שטראָמיקע און שרייענדיקע פון ווייטיק; האָט חיים סוטין ווייניק וואָס זיך צוגעאייגנט פון דעם אַלעמען. אויך דער עקספּרעסיאָניזם, וואָס וויקלט זיך דורך אין זיין מאָלעריי און קומט צום אויסדרוק אין דער דעפאָרמירונג פון מענטשלעכע פיגורן, איבערהויפּט פונעם פּנים און די הענט, איז נישט ענלעך צום קאָנווענציאָנעלן עקספּרעסיאָניזם. ס'איז זיינער אַן אייגענער, וואָס האָט געשטראָמט פון די טיפענישן פון זיין אייגן האַרץ.

ער איז, ווי שוין געזאָגט, אַ באַזונדערע דערשיינונג אין דער מאָלעריי און דאָס נישט בלויז אין פראַנקרייך. ווייל סוטין שטייט היינט לעבן די גרעסטע מאָלערס אין צענטער פון דער וועלט־קונסט. און נישט איין קונסט־קריטיקער פרעגט זיך היינט ווי אַזוי דאָס אַמאָליקע, אָרעמע, קרענקלעכע יינגל פון אַ קליין ליטוויש שטעטל, נישט באַקומענדיק פון זיין היים קיין בילדונג, איז דערגאַנגען צו פאַרנעמען אַן אויבן אָן אין דער וועלט־מאָלעריי?

די רעטעניש פּרוווט מען בדרך כלל אויפקלערן מיט זיין טראַגיש לעבן. „דער הונגער, די קראַנקייט, די שרעק, האָבן אויסגעשפּינט אַזאַ נשמה־צושטאַנד, וואָס האָט אויפגעשטורעמט אין זיין מאָלעריי..." — שרייבט דער פראַנצויזישער קריטיקער האַנרי סערוויאַ. אַנדערע פאַרגלייכן אים אין דעם פּרט צו קאַפקאַ און דאָסטאָיעווסקין. איז דאָס אמת, אַז סוטינס מאלעריי איז שטאַרק באַווירקט פון זיין טראַגיש לעבן, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען. אָבער אמת איז אויך, אַז דער גרויסער קינסטלער איז אַ קינד פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, פון דעם יידישן גייסטיקן שטורעם און דראַנג, וואָס איז אויפגעשטיגן אין די דאָרטיקע יידישע אָרעמע שטעטלעך, אין די איינגעהויקערטע הייזקעס, ווו יידישע יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך געריסן צו בילדונג, צו — אויב נישט נאָך העכער, ווי שמעטערלינגען צו ליכט.

* * * * *

חיים סוטין איז געבוירן געוואָרן אין 1893 אין אַן אָרעמער שניידער־משפּחה אין ליטווישן שטעטל סמילאָוויטש, וואָס איז זיכער אויף דער מאַפּע נישט אָנגע־

צייכנט. ער איז געווען דאָס צענטע פון עלף קינדער ביי טאַטע־מאַמע. אין שטוב איז געווען מער מיילער צום עסן ווי ברויט אָנצוזעטיקן די שטענדיק הונגעריקע מיילער. סוטין האָט דערציילט, ווי אַזוי די מאַמע האָט געהאַלטן דאָס ברויט אונטער אַ שליסל, אַז די כאַליאַסטרע קליינוואַרג זאָל זיך נישט וואַרפן אויף דעם. דער פאַרהאָרעוועטער און פאַרביטערטער טאַטע, דער שניידער, פלעגט דעם כעס אויסלאָזן צו די קינדער. צום מיינסטן קלעפּ האָט אַריינגעכאַפּט דאָס אומרואיקע ייִנגל חיים. ער איז געווען אומדערטרעגלעך, געמאַכט מענטשעלעך אויף וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט: אויף שטיקלעך פּאַפּיר, אויף קליידער, אויף די ווענט פון די הייזקעס, האָט אָנגעפּאָרטרעטלט אַלץ און אַלע און אַלעמען וואָס ער האָט געזען אַרום זיך און דערמיט אַרויסגעפירט פון די כלים די שטעטלדיקע ייִדן. זיין דראַנג צום צייכענען האָט אים דערפירט צו גנבה. ער האָט באַגנבעט די שטוב צו קויפן אַ בלייפעדער... טרוקן איז אים דאָס נישט דורך; האָט באַקומען מער קלעפּ, ווי מען באַצאָלט פאַר אַזאַ פאַרברעכן.

צו צען יאָר האָבן אים די עלטערן אָפּגענומען פון חדר און געשיקט צו משפחה לערנען די שניידערישע מלאכה. דער קליינער חיים האָט נישט געהאַט קיין חשק צו ווערן אַ שניידער, האָט דער קרוב געפּסקנט, אַז מען פאַרדינט נישט דאַרף מען נישט עסן און דאָס ייִנגל האָט באַקומען אַזוי פיל, וואָס האָט קוים אונטערהאַלטן דאָס חיות אין אים. די מאַמע פלעגט אים פון צייט צו צייט צושיקן אַ לעבל ברויט מיט אַ הערינג, אָבער קיין חשק צו שניידעריי האָט עס נישט צוגעגעבן.

לית ברירה האָבן די עלטערן אים אָפּגעגעבן צו אַ פאָטאָגראַפער אין מינסק. אויך דאָ האָט ער קיין האָניק נישט געלעקט, געווען שטענדיק מיט אַ ליידיקן מאָגן, וואָס האָט אים דערפירט צו זיין כראָנישער מאָגן־קראַנקייט.

אין מינסק אָבער זיינען זיינע צייכענונגען אַריינגעפאַלן צו אַ צייכענונגס־פּראָפעסאָר און ער, דער פּראָפעסאָר, האָט געגעבן צו פאַרשטיין די עלטערן, אַז דאָס ייִנגל וועט אין אַ צען יאָר אַרום קאָנען פאַרדינען אויף זיין לעבן גיכער מיט צייכענונגען ווי מיט אַן אַנדער פאַך. דערצו האָט ער זיך אונטערגענומען צו געבן אים לעקציעס.

אין צווישן־צייט איז אָבער געשען אַן אומגליק: זייענדיק ביי זיך אין שטעטל, האָט דער יונגער חיים אין געהיים געמאַכט אַ צייכענונג פון רב ביים דאַווענען. דער שטעטלדיקער קצב האָט דאָס געהאַלטן נישט נאָר פאַר אַ חילול השם נאָר אויך פאַר אַ פחיתות הכבוד לגבי דעם רב. כדי אָנצולערנען איין מאָל פאַר אַלע מאָל דעם „בעל־עבירה“, האָט ער פאַרנאַרט דאָס ייִנגל צו זיך און אַזוי אים צוגערעכט געמאַכט, אַז ער איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פון זיינע קצבישע הענט.

אָנברעכנדיק אים מיט אַ שטעקן די ביינער האָט ער זיך אַ ביסל צופיל פאַרגאַלאָפּירט און אים צעבראָכן אַ פוס. הכלל מ'האָט געמוזט איבערפירן דאָס ייִנגל אין שפּיטאָל און דעם קצב האָט דאָס געריכט צוגעפּסקנט צו באַצאָלן 15 רובל אַנטשעדיקונג. די סומע האָט דערנאָך דערמעגלעכט דעם 16־יעריקן בחורל צו פאָרן קיין ווילנע אין אַ צייכענונג־שול, ווו ער איז אין גיכן געוואָרן דער בעסטער שילער.

אין 1913 איז דער 19־יעריקער סוטין געקומען קיין פּאַריז. ווי אַלע אָרעמע, וואָגלדיקע קינסטלער האָט ער אַריינגעטראָטן אין באַרימטן, דעמאָלסדיקן „לאַ ריש“ — דעם בינשטאָק, נישט ווייט פון די שעכטהייזער אין 17טן קוואַרטאַל. דאָרט האָט ער באַגעגנט פּיקאַסאָ, מאָדיליאַני, קיקאָין, שאַגאַל און פיל אַנדערע שפּעטערדיקע מייסטערס. זיי האָבן צוזאַמען געהונגערט, צוזאַמען געטרוימט וועגן בעסערע צייטן און יעדערער האָט אויף זיין אייגענעם אופן געהויבן זיך צ די הויכקייטן פון קונסט.

דער אויסגעדאַרטער, קרענקלעכער יונגער סוטין, מיט די איינגעבויגענע אַקסלען און גלאַנציק־אומעטיקע אויגן, האָט באַלד פון אָנהייב געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין באַזונדערן זשאַנער. דער פוילישער דיכטער און באַקאַנטער קונסט־הענדלער זבאָראָווסקי, וועלכער האָט אַרויסגעהאָלפן נישט איין פאַרהונגערטן קינסטלער פון „לאַ ריש“ און באַזונדערס זיך פאַרנומען מיט מאָדיליאַני, איז אפשר געווען דער ערשטער



צו דערזען דעם אייגנאַרטיקן טאַלאַנט פון סוטינען. ער פלעגט איינלייגן וועלטן אָפּצושטעקן ערגעץ זיינס אַ בילד — וואָס באַטרעפט היינט שווערע מיליאָנען — כדי דער יונגער סוטין זאָל האָבן מיט וואָס אָפּצוטרייבן דעם הונגער. נישט איין מאָל איז דער קינסטלער אַריינגעפאַלן צום האַרציקן זבאָראָווסקין און געבעטן דערווייל אַ פּאָר פראַנק איבערצוקומען עטלעכע טעג.

אַ צופאַל האָט פאַריאָגט די שוואַרצע נויט און גלייכצייטיק אַרויסגעפירט סוטינען אויף דער ברייטער וועלט. אַן אַמעריקאַנער קונסט־הענדלער האָט געזען ביי זבאָראָווסקין סוטינס עטלעכע בילדער און זיך דערקענט אויף זיי. ער האָט גלייך אויפן אָרט אָפּגעקויפט 25 לייוונטן. דאָס איז געווען ערשט אין יאָר 1925. מ'האָט געזאָגט, אַז סוטין האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן צו עסן צו דער זעט און קליידן זיך לייטיש. ביי זיינע אַלע שפּעטערדיקע דערפאָלגן איז ער אָבער פאַרבליבן מיט אַ בלאַס אויסגעצערט פּנים, מיט איינגעבויגענע אַקסלען, ווי אַן אויסגעצערטער ישיבה־בחור. פאַרבליבן איז אים אויך אויפן גאַנצן לעבן אַ שווערע מאָגן־קראַנקייט, וואָס האָט, בעת עס זיינען געקומען שווערע צייטן, פאַרקירצט אים די יאָרן.

אין דעם שוואַכן, קרענקלעכן גוף איז אָבער געזעסן אַ שטאַרקער גייסט, אַ נשמה פון הוילער יצירה און אַ דורשטיקע נאָך וויסן. אין די שווערע באַדינגונגען האָט סוטין אַ סך געלערנט, געלייענט, דעראָבערט זיך שטופנווייז אַ ברייטע קולטור און גלייכצייטיק געאַרבעט ווי אַ טיטאַן. הונדערטער בילדער זיינען אַרויס פון אונטער זיין פּענזל, צענדליקער האָט ער צעשניטן מיט אַ מעסער, פאַרברענט. ס'פלעגט געשען, אַז ער איז געקומען צו אַ קונסט־הענדלער, אַ קאָלעקציאָנער און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן מ'זאָל אים צוריקגעבן אַ בילד, אויסבאַהאַלטנדיק מיט וואָסער ציל ער וויל עס צוריקנעמען. ס'פלעגט אויך געשען, אַז מ'האָט אים אָפּגעזאָגט צוריקצוגעבן אַ לייוונט און שפּעטער איז סוטין דאַנקבאַר געווען, ווייל דאָס זעלבע בילד, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ נישט געראָטנס און פאַרמשפּט עס צום אומקום, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מייסטערווערק.

חיים סוטין האָט געאַרבעט ווי אַ באַנומענער. פון איין אַרבעט־סעאַנס האָט געקאָנט געבוירן ווערן אַ בילד. צום גרעסטן טייל אָבער האָט ער זיך צוריקגעקערט מיט עקשנות צו זיינע בילדער.

צום מאָלן האָט ער געדאַרפט האָבן פאַר זיך אַ מאָדעל, אַ מאָטיוו, אַ נאַטור־סיטואַציע. ווען ער האָט געמאָלן אַ פּייזאַזש אין אַ רעגנדיקן טאָג און דאָס וועטער האָט זיך געענדערט, פלעגט ער דערנאָך מיט ליכט אויסקוקן אויף אַ רעגן. ער פלעגט מאָלן אין פעלד אונטער אַ גאָסרעגן אָדער אונטער אַ ברענענדיקער זון, ווען ער איז געווען אין דרום־פראַנקרייך אָדער אין די פּראָווינצישע פּירענייען־בערג. דאַקעגן האָט סוטין קיין מאָל נישט געמאַכט קיין אַנדערע צוגרייטונגען, קיין שום סקיצן צו אַ בילד. די צוגרייטונג איז געווען אַן אינערלעכע, אַ נשמהדיקע. דאָס איז געווען אַן אָנזאַמלונג פון געפילן, עמאָציעס, ליידנשאַפטן, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך און ספּאָנטאַן זיי אויסגעגאָסן אויפן לייוונט. ער האָט בפועל ממש אויסגעגאָסן דורך די פאַרבן, דורך דער מאָלערישער סובסטאַנץ אַ שלל מיט געפילן און מחשבות, אַרויסגעבראַכט מיסטעריעזע, כישופדיקע וועלטן.

סוטין האָט אויך קיין מאָל פריער נישט אָנגעצייכנט אַ בילד. ער האָט מיט פּענזל געמאַכט עפּעס אַ קאָנטור, וואָס איז בלויז פאַר אים אַליין פאַרשטענדלעך געווען. די צייכענונג איז געקומען מיטן לייגן די פאַרבן, מיטן ראַשיקן שמיר פונעם פּענזל. די ליניעס און די פאָרם האָבן באַקומען בלוט און פלייש מיטן מאָלן. מעגלעך אַז דאָס האָט געשטאַמט נאָך פון זיין ערשטער פּראַקטיק, ווען ער האָט אויף די ווענט פון די שטעטלדיקע הייזקעס געוואָרפן אַ פלעק, אויף גיך אַ פיר געטאָן מיט בליי, מיט אַ האָלץ־קויל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן טאַטנס פּרעסאייזן. דערביי איז די טעכניק פון אויפבויען אַ בילד דערגאַנגען ביי אים ביז דער העכסטער פולקאָמענהייט.

ער האָט זיך ביי דער אַרבעט באַנוצט מיט אַ פערציק פּענדזלען. יעדער פּענדזל האָט געדינט צו אַ באַזונדערן ניואַנס, צו

אַן אַנדער אינטענסיווקייט פון די פאַרבן. דאָס איז אַ מאָלעריי, וואָס פאָדערט אַ נישט געוויינלעכע נערוון־אָנשטרענגונג. ער האָט טאַקע געמאָלן ווי אין פיבער, ווי אַ מיסטעריעזער, אומגעצוימטער כוח וואָלט געפירט מיט זיין האַנט, מיט זיין פענדזל און געוואָרפן הייס־גליענדיקע פאַרבן־לאַווע אויף לייוונט. אַ קאָלירן־סטיכיע פלייצט און זי מאָדעלירט זיך פון זיך אַליין, קאָנסטרואירט זיך. פאַרב און פאָרם זיינען איינס, נישט פאַנאַנדערצוטיילן, פונקט ווי מאַטעריע און גייסט זיינען נישט קיין צוויי באַזונדערטקייטן.

פונקט ווי פאָול סעזאַן האָט ער פאַרשטאַנען אַרויסצובאַקומען אַלץ פון דער פאַרב, פון דער מאָלערישער סובסטאַנץ אין איר רייכער פאַרשיידנאַרטיקייט. ער איז טאַקע געווען באַגייסטערט פון סעזאַנען פונקט ווי פון רעמבראַנדטן, גאָיאַ, על גרעקאָ, וואַן גאָג, און דאָך איז זיין טעכניק געווען אַן אייגן־פערזענלעכע. אַזוי צום ביישפיל האָט מען געפרווט פאַרגלייכן זיין קונסט אין איר שטורמישן ברויז צו וואַן גאָגס מאָלעריי, אָבער אין גרונט איז עס אַנדערש. וואַן גאָג, מאָלנדיק אפילו אין די ערנסטע קריזיס־צייטן פון שווערן שגעון, האָט איינגעהאַלטן אין זיין וויברירנדיקער מאָלעריי אַ גלייכגעוויכט. ביי סוטינען, דאַקעגן, איז אומעטום און שטענדיק אַ צעטרייסלעניש, ווי עפעס אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע וואָלט אַלץ פאַנאַנדערגעטרייסלט. דער וואַלד, די ביימער, די הייזער און הייזקעס — אַלץ איז אין צעשטורעמטער באַוועגונג.

סוטין איז אַ מאָלער פון אינסטינקט, פון אייגענע געפילן און עמאָציעס. זיין קונסט איז אַ סוביעקטיווע, מער ווי ביי עמעצן אַנדערש. זעלטן ווען אַ קינסטלער אידענטיציפירט זיך אַזוי מיט זיין קונסט ווי סוטין. די דראַמע, וואָס ער גופא האָט דורכגעמאַכט, די שוואַרצע נויט, דער הונגער, די וואָגלעניש, די אַנונגען וועגן דער קאַטאַסטראָפע, וואָס דראָט זיין שטאָט האָבן טאַקע געלייגט אַ שטעמפל אויף זיין גאַנצער קונסט. האָט שטענדיק געטראָגן אין זיך אַ גרויסן ווייטיק, אַן אַנגסטיקע שרעק; ער האָט געהאַט פאַר די אויגן אַ וויזיע פון עפעס שרעקלעכעס.

יעדער פענדזל־שמיר איז אַ שטיק ווייטיק, אַ ליידנשאַפטלעכער אויסגוס. די מאָלערישע מאַטעריע פולסירט, ווירבלט, קנוילט זיך, ברויזט מיט אומרו, אַנגסט און מיט טראַגיק־וויזיע. די געדעמפטקייט, אינטענסיווקייט פון די פאַרבן שאַפן אַ נישט געוויינלעכע דראַמאַטישע שפאַנונג.

סוטינס קאָלירן זינגען נישט, ווי שאַגאַלס קאָלירן. זיי שרייען, קלאָגן, שטורעמען, פראָטעסטירן און וואָרענען. און מערקווערדיק: גלייכצייטיק דריקן זיי אויס אַ סך נשמה־ליבשאַפט. דער בלוי, גרין, געל, בלוי־שוואַרץ, דער זעלטענער ווייס און דער עיקר דער רויט פאַרמאָגן אין זיך אַ מיסטישן און מאַגישן כוח, זיי טראָגן אין זיך דעם כישוף פון סודות־פולער יצירה.

כ'האָב געהאַט געזען אין מוזיי פון דער אַמאָליקער צעשטערטער שטאָט פאָמפיי אַן אויפגעלעבטן דאָרטיקן רויט, וואָס איז אייגנטימלעך געווען אין יענע צייטן בלויז פאַר דער קונסט פון יענער שטאָט, דער באַרימטער פון אירע קונסט־פאַרמעגנס. מ'האָט גערעדט און מען דערמאָנט נאָך היינט וועגן רויט פון פאָמפייא. אַזוי קאָן מען אויך רעדן וועגן רויט פון סוטינען. אַזאַ געדעמפטקייט, אַזאַ הייסער ברויז איז זעלטן צו זען. זיין רויט איז לעבעדיק בלוט, וואָס פליסט פון אויפגעשניטענע אָדערן און דאָס בלוט זידט און קאָכט. שטייסטו פאַר זיינע „אָפגעשונדענע אָקסן", פאַר די געשאָכטענע עופות, פילסטו, ווי דורך דער רויטער פאַרב ריזלט דאָס לעבעדיקע בלוט און עס דוכט זיך דיר, אַז דאָס זיינען נישט קיין טויטע ברואים, עס ראַנגלט זיך בפירוש דאָס לעבן מיטן טויט, עס וויל נישט אָפטרעטן פאַרן טויט.

מ'האָט דערציילט, אַז צום מאָלן דאָס ערשטע מאָל דעם „געשאָכטענעם אָקס" האָט סוטין געקויפט אַ זייטל פלייש און עס אויפגעהאָנגען אויפן באַלקן, אַזוי ווי עס הענגט אין אַ שעכטהויז. כדי עס זאָל אין דער צייט פון מאָלן נישט פאַרלירן דעם אמתן קאָליר, האָט ער אין שכנותדיקן שעכטהויז געקויפט ליטערס בלוט און פון צייט צו צייט באַגאָסן דאָס פלייש. ס'איז געווען זומער. דאָס זייטל אָקס האָט אָנגעהויבן זיך צעלייגן און אַרויסגעבן



נישט קיין אָנגענעמע ריחות. די שכנים האָבן סוטינען אָנגעקלאָגט אין פאָליציי־קאָמיסאַריאַט. סוטין איז געווען פאַרצווייפלט, ווען אַ פאָליציי־קאָמיסאַר איז געקומען און געפאָדערט אַראָפצונעמען דעם משונהדיקן מאָדעל. ער האָט ווי אַ קינד מיט טרערן אין די אויגן געבעטן זיך מ'זאָל אים לאָזן פאַרענדיקן דאָס בילד. זיין גוטער מלאך, דער אויבן־דערמאָנטער זבאָראָווסקי, איז געלאָפן אין אַפטייק, געבראַכט אַ שטאַרקע דעזינפעקציע, וואָס האָט פאַרטריבן דעם גערוך און דער פאָליציי־קאָמיסאַר איז איינגעגאַנגען אַז דאָס זייטל פלייש זאָל בלייבן ביזן פאַרענדיקן דעם לייוונט. ענלעכע געשעענישן פלעגן זיך טרעפן ביים מאָלן זיינע געקוילעטע עופות, וואָס מיר זעען אין אַ גרויסער צאָל אויף דער אויסשטעלונג.

אין יעדן געקוילעטן עוף צאַפלט לעבן. דאָס פלעמעלע לעבן וויל זיך נישט אונטערגעבן דעם טויט. סוטין האָט געהאַט דערציילט, אַז אַלס אַ יינגל האָט ער ביים שוחט זיך צוגעקוקט מיט גרויס צער צום געראַנגל פון אַ געשאָכטענעם האָן. יענעם טראַגיזם פון לעבן, די מיסטעריע פון טויט האָט ער אויף פאַרשיידענע אופנים טראַנספאָזירט אויפן לייוונט.

מ'וואָלט געקאָנט דערציילן אַ סך עפיזאָדן, וואָס האָבן באַגלייט סוטינען ביים מאָלן. לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו דער אויסשטעלונג.

אין אַ געוויסן זין איז זי אַ רעטראָספעקטיווע, הגם ס'איז אַ קליינער טייל פון סוטינס קונסט־פאַרמעגן. פאַראַן אָבער דאָ בילדער פון די ערשטע יאָרן אין פאַריז און פון די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. אָט שטייען מיר פאַר אַ שטיללעבן, וואָס דאַטירט פון 1916: אַ טעלער אויפן טיש און אויפן טעלער דריי מאָגערע הערינג; צוויי גאָפלען שטרעקן זיך צו זיי הונגעריקע, גיריקע הייבן זיי אָן זיך אַריינשניידן אינעם לייב פון די הערינג. דו פילסט דעם הונגער. מסתמא איז דאָס אַ דערמאָנונג פון די יינגלשע הונגער־יאָרן. און דו פילסט אויך און הערסט ממש ווי די הערינג שרייען מיט די אָפענע מיילער, ווי דאָס איינע אויג קוקט מיט יאוש און טויט־שרעק.

און אָט איז דאָס באַקאַנטע בילד „די פרוי אין רויטן" פון 1922. נישט קיין אַלטע און נישט קיין יונגע. אַ פרוי מיט איר גורל. דאָס פנים דעפאָרמירט דורך אַ שמייכל־גרימאַסע. די צוזאַמענגענומענע ביינערדיקע הענט אויסגעדרייט. הענט וואָס פראָטעסטירן קעגן ביזן גורל. דער גרויסער טונקעלער הוט הערשט איבער דעם שטויס, צעכוואַליעטער, רויטער מאַטעריע, אָבער דער בליק רייסט זיך דורך צו אונדז. דאָס קאַלטע, מאָנענדיקע אויג דרינגט דורך, פונקט ווי דער אַלמנהס קליינע רויטע אויגן, וואָס זיינען רויט געוואָרן פון וויינען. נישט מעגלעך אויך צו בלייבן גלייכגילטיק צום קוק פון דער אַלטער אַקטריסע. אויגן צעטראָגענע, וואָס זעען שוין גאָר נישט פאַר זיך; הענט דעפאָרמירטע, פול מיט מענטשלעכן צער און אומגליק.

די הענט ביי סוטינען קאָנען זיין אַ טעמע פאַר זיך. עס דערמאָנט זיך, אַז דער גרויסער פראַנצויזישער סקולפטאָר, ראָדען, האָט מאָדעלירט אַ סך הענט און דאָס באַזונדערע, ער האָט דורך זיי אויסגעדריקט אַ געמיט־צושטאַנד, איבערגעגעבן שטריכן, אפשר אויך מענטשלעכע אייגנשאַפטן. סוטין אַנטבלויזט דורך די טראַגיש־דעפאָרמירטע, ביינערדיקע הענט דעם טיפסטן מענטשלעכן צער, דראַמאַטיזם, געראַנגל. אין די נאַקעטע צעדרייטע הענט פון דער אַלטער אַקטריסע, אָדער אין די צוזאַמענגענומענע מיט אומגעלומפערטער באַוועגונג הענט פון דער יונגער פערמע־מיידל איז אויסגעגאָסן דער ביטערער שיקזאַל, די טראַגישע אומבאַהאָלפנקייט און אוממעכטיקייט פון מענטש.

אונדזער קינסטלער האָט געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט צו מאָלן בעקער־יינגלעך, קריסטלעכע כאָר־יינגלעך, לאַקייען, יעגער־יינגלעך. און אין פלוג דוכט זיך, אַז געוויסע אַזעלכע בילדער, געמאָלן אין שאַרלאַט־רויט און אין בלענדיקן ווייס, זיינען מער רואיקע, מער געמיטלעכע, אפילו מיט די אָפגעשטאַנענע אויערן און מיטן צעקרימטן שמייכל. אין דער אמתן וויברירט אויך אין זיי אַ פאַרבאָרגענער אומרו, אַ געהיימע, מיסטעריעזע אַנגסט.

און אָט הענגען זיך די אויגן אָן אין אַ בילד, וואָס פאַרבלענדט דיך. דער רויט

שימערירט, שלענגלט זיך, קלעטערט באַרג אַרויף. וואָס איז דאָס? כ'וואָלט געזאָגט עפּעס אַזאַ לירישע טראַנסקריפּציע. רויטע טרעפּ, וואָס דראַפּען זיך אין דער הויך און אַרום זיי אַ ווינקל פון דער שיינער דרומדיקער שטאָט קאַן, איינגעוויקלט אין דורכזיכטיקן ליכט. די טרעפּ זעען אויס ווי אַ קאַסקאַדע אין דעם פּילפאַרביקן אַרום.

סוטין טראַנספאָרמירט, שאַפט איבער די נאַטור אויף פאַרשיידענע אופנים ווי אַ מכשף. אָט איז אַ דאָרף מיט זיין רייכער לאַנדשאַפט אין דרום־פראַנקרייך. אויף דעם בילד פאַר וועלכן דו שטייסט שטייגט אויף דאָס דאָרף אין אַן אמתער אָרגיע פון קאָלירן, וואָס קנוילן זיך, פלעכטן זיך ליידנשאַפטלעך צוזאַמען און אין דעם אַלעמען איז פאַראַן אַ ווונדערלעכע האַרמאָניע. טראָץ דער אומרואיקער וויבראַציע, האָט דער קינסטלער פון די פייזאַזשן אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַ ברייטער נאָטע לירישע און צאַרטע קאָלירן. דער וואַלד, דאַקעגן, האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען דאָס גרין אין זיינע פילצאָליקע ניואַנסן און דורך זיי, די ניואַנסן, דורך דער אָנגעלאָדנקייט פון דער פאַרב מער ווי דורך דער ליניע, אַריינצוברענגען דעם וואַלד אין אַזאַ טרייסלעניש, ווי אַ געוויטער וואָלט דורכגעגאַנגען דורך אים.

סוטין האָט אויך געמאָלן אַ סך פּאָרטרעטן, איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן. ס'איז נישט מעגלעך פאַרבייצוגיין פאַר זיי און זיך נישט פאַרהאַלטן לענגער. וואָס ציט דיך צו? אַ גרויסע אַרטיסטישע רייפקייט, אַ מייסטערשאַפט. אַזאַ אויסערגעוויינלעכע קאַרגשאַפט און זויבערקייט פון דער ליניע און אַזאַ אַנטבלויזונג פון דער אינערלעכער וועלט פונעם מענטש. ס'איז אַ קונסט, וואָס דערגראָבט זיך צו די טיפענישן פון מענטשנס נשמה.

ס'איז כדאי באַזונדער צו דערמאָנען אַ אַ בילד, וואָס האָט מיך צוגעשמידט צום אָרט. דאָס איז אַ פערד. סוטין פאַרמענטשלעכט זיינע בעלי־חיים. דאָס פערד איז נישט נאָר פאַרמענטשלעכט, נאָר אויך דורכויס פאַריידישט. אין סוטינס בילד קאָנסטו דערזען פאַר זיך די קליאַטשע פון אונדזער זיידן מענדעלע מוכר ספרים. אַ פערד אַ דראַמע, אַזוי ווי דער זיידע האָט דאָס געזען: די פעל אָפּגעקראָכן, אָפּגעריבן, דער ווידל אויסגעצופּט, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, די אויגן קוקן מיט אומעט און טרויער. דאָס פערדישע מויל האָט צומאָל נישט קיין חשק צו פאַרזוכן פון צעבערל האָבער, וואָס שטייט פאַר אים. וויפל טראַגיק, וויפל יידישע גורלדיקייט איז פאַראַן אין דעם אויסגעמאַטערטן, פאַרלוירענעם פערדישן באַשעפעניש!

חיים סוטין איז דורכויס אַ יידישער מאָלער דורך זיין אופן פון אויפפאַסן זיין מאָלעריי, דורך דער טראַגישער וויזיע. צו מאָלן אַזאַ סימבאָליש באַשעפעניש דאַרף מען זיין טיף דורכגעדרונגען מיט יידישער גורלדיקייט און אַ סברה, אַז מען דאַרף אויך האָבן גוט געקענט דאָס ווערק פון מענדעלען. סוטין האָט דאָס בילד געמאָלן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע: אין אַ גאַמע ברוין; דורך דער ניואַנסירטער וואַרעמער קאָליר גיסט דער קינסטלער אויס זיין ליבשאַפט.

ס'האָט ווער געהאַט געשריבן, אַז דער סוד פון סוטינס קונסט ליגט אין דער ליבשאַפט און אין דעם טיף־מענטשלעכן, וואָס פליסן פון זיין מאָלעריי. דאָס איז אין דער ערשטער ריי גילטיק פאַרן בילד מיטן סימבאָלישן פערד. דעם לייוונט האָט ער געמאָלן אין די דרייסיקער יאָרן. היינט וואָלט סוטין זיכער געפונען אַן אַנדער סימבאָל אויסצודריקן זיין צוגעבונדנקייט און איבערגעגעבנקייט צו זיין פאָלק.



שמואל ווייס

# פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס

## זאַמלונגען פון הילפס־פאָנדן פאַר יידישע הצטרכותן

אין אונדזער אָפּטיילונג גיבן מיר בלויז איבער די ראשי־פּרקים פון דער פילפאַכער טעטיקייט פון לאָס אַנגעלעס, ווי דער צווייט־גרעסטער יידישער ישוב אין אַמעריקע, אַנטוויקלט אויפן געביט פון געלט־זאַמלונגען פאַר אידישע באַדערפענישן סיי פאַר היגע הילף און דערציונג־אינסטיטוציעס, סיי פאַר יידישע נויטן איבער דעם לאַנד און אין אייראָפּע און סיי פאַר מדינת ישראל.

די גרעסטע און וויכטיקסטע געלט־קאַמפּאַניע ווערט געפירט פון דעם „פאַראייניקטן יידישן וועלפעיר פאָנד" (אין אַנדערע שטעט ווערט עס גערופן „יונייטעד דזשויש אַפּיל") וועלכער שטייט דאָ הי אונטערן אויפזיכט פון דעם יידישן פעדעראַציע קאַונסיל — די דאַך־אָרגאַניזאַציע פון כמעט אַלע יידישע קהלישע קערפּערשאַפטן.. ס'איז דער ממשותדיקער „דאַך" פון דעם ריזיקן בנין אויף 590 נאָרט ווערמאָנט עוו., וואָס ווערט טייל מאָל באַצייכנט ווי דער היכל פון כמעט אַלע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע קערפּערשאַפטן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט קהלשער טעטיקייט.

אין דעם פאַראייניקטן וועלפעיר פאָנד באַטייליקן זיך איבער 500 אָרגאַניזאַציעס, איינשליסלעך אַלע אַרבעטער רינג ברענטשעס און אַלע צווייגן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, דורך וועלכע דער וועלפעיר פאָנד שטרעקט אויס זיינע הענט צו יידישע משפחות אין ל. א. און אַרומיקע שטעטלעך. אַרום זיבן חדשים אין יאָר, צווישן ראש השנה און פּסח, ווערט געפירט דער קאַמפּיין פון „יונייטעד דזשויש וועלפעיר פאָנד". דער קאַמפּיין־סעזאָן זאַמלט יעדן יאָר צווישן 20 און 27 מיליאָן דאָלער. אין פעברואַר 1974 איז שוין באַריכטעט געוואָרן אַז די קאַמפּאַניע פאַר פאָנדן האָט שוין איבערגעשטיגן די סומע פון 26 מיליאָן, דאָלער אין די זאַמלונגען גייען אָן ביז איבער פּסח.

אין די געלט־זאַמלונגען וואָס ווערן געפירט דורך וואָלונטירן, באַטייליקן זיך אַרום 64 טויזנט יידן. אָבער עס ווערט געשאַצט, אַז אַרום 150 טויזנט יידן אין ל. א., וואָס זיינען בכוח אַריינצולייגן די הענט אין די קעשענעס און ביישטייערן צו דעם קאַמפּיין, זיינען נאָך ביז היינט ניט אָנגערירט געוואָרן פון אָט־די נייטיקע זאַמלונגען. ווי אַזוי אַריינצוציען אָט די צענדליקער טויזנטער יידישע משפחות אין דער הילפס־טעטיקייט פון יידישן כלל איז איינע פון די פּראָבלעמען מיט וועלכע די היגע געמיינדע פירער ראַנגלען זיך.

אַחוץ דער פאַראייניקטן וועלפעיר פאָנד ווערן געפירט זאַמלונגען פאַרן יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, פאַר זיינע קאָנסטרוקטיווע פּראָיעקטן פון לאַנד־אַנטוויקלונג אין ישראל און פאַר זיינע ירושה־פונדאַציעס; פון דער ישראל־באָנד אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט נאָכן אויסברוך פון דער יום־כיפּור מלחמה פאַרקויפט דאָ־הי פאַר איבער 32 מיליאָן דאָלער באָנדס; פון דעם הסתדרות קאַמפּיין, וואָס זאַמלט געלט פאַר די נייטיקע פּראָיעקטן און דערציונג, געזונטשוץ (קופּת חולים) און אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער ישראל אַרבעטערשאַפט. אַחוץ, פאַרשטייט זיך, קלענערע זאַמלונגען פאַר יידישע רעליגיעזע און יידיש־וועלטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען מחויב אַריינצופּאַסן זיך אין דער באַגרעניצטער צייט צווישן סוף פון אַלגעמיינעם וועלפעיר פאָנד און דעם אָנהייב פון אַ נייער קאַמפּאַניע.

## יערלעכע אסיפות אין ל.א.

פון די גרויסע יערלעכע אסיפות אין ל.א. וועלן מיר אין היינטיקן נומער „חשבון", מחמת דוחק אין פּלאַץ, פאַרצייכענען בלויז די קאָנפערענץ פון ייוו"א. די קאָנפערענץ פון אַרבעטער רינג ראַיאָן אין קאַליפאָרניע און אַריזאָנאַ, די יובל־קאָנפערענץ פונעם הסתדרות קאַמפּיין און דעם חנוכת הבית יום־טוב פון יידישן קולטור־קלוב.

# די קאָנפערענץ פון ייוו״א

די 27טע יערלעכע קאָנפערענץ פון ייוואָ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 3טן און 4טן נאָוועמבער, 1973, האָט היי־יאָר געהאַט אַלס גאַסט־רעדנער פּראָפ׳ אָסקאַר לערמער פון מאָנטרעאַל.

די קאָנפערענץ איז דערעפנט געוואָרן דורכן פאָרזיצער פון ייוואָ־קאָמיטעט, פּר׳ אַלעקס ראָבין. דער פאָרזיצער האָט מיטגעטיילט, אַז ס׳איז געווען אַ מאָמענט ווען ס׳איז געשטאַנען די פראַגע פון אָפּלייגן די קאָנפערענץ צוליב דער יום־כיפור מלחמה, ווען די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט האָט זיך אַגאַנזשירט אין שאַפן געלט פאַר ישראל. דער ייוואָ־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן די קאָנפערענץ נישט אָפּלייגן, אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז בעת דער יערלעכער קאָנפערענץ פירן מיר ניט אָן קיין געלט־אַקציעס, מיר מאָנען איין ביי אונדזערע מיטגלידער, פריינד און סימפּאַטיקער בלויז זייער יערלעכן אָפּצאָל. פּר׳ ראָבין האָט בעת דער דערעפענונג אונטערגעשטראָכן, אַז דער ייוואָ האָט פאַרוואָרפן אַ בריק צו דער יידישער אינטעלעקטועלער וועלט.

די קאָנפערענץ איז באַגריסט געוואָרן דורך דער יונגער פּראָפעסאָרין, זשאַנעט האַדאַ, וועלכע איז איצט אַגאַנזשירט ווי אַ פּראָפעסאָרין פאַר יידיש אין קאַליפאָרניע אוניווערסיטעט. די יונגע פּראָפעסאָרין איז ענג פאַרבונדן מיט ייוואָ אין ניו יאָרק. דער ייוואָ האָט באַוויזן שאַפן באַדייטנדע סומען פאַר סקאַלערשיפּס, וואָס מאַכט מעגלעך די יידישע יוגנט שטודירן די יידישע שפּראַך און יידישע ליטעראַטור.

אין ווייטערדיקן טייל איז דורכגעפירט געוואָרן דורך ד״ר אברהם זיגלבוים אַ פיינע קולטור־פּראָגראַם.

דער וויצע־פאָרזיצער פון ייוואָ, פּר׳ תנחום ברייס, האָט דורכגעפירט דעם יערלעכן אַפּיל. דער אָנוועזנדיקער עולם האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן.

די קאָנפערענץ איז פאַררופן געוואָרן דורך די פאָרשטייערס פון אַרבעטער רינג, ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, און אין נאָמען פון קאַונסיל פון די יידישע לייען־קרייזן.

עס איז באַערט געוואָרן דער אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם אהרן צייטלין.

אין זיין הזכרה נאָך אהרן צייטלין ע״ה האָט אַלעקס ראָבין, פּאָזיצער פון ל.א. ייוואָ קאָמיטעט, וועלכער האָט געעפנט די 2טע זיצונג זונטאָג אין דער פרי, צווישן אַנדערעס געזאָגט:

ס׳איז היינט פונקט 36 טעג נאָך אהרן צייטלינס פּטירה. עס איז כּידוע צוויי מאָל ח״י... פרעגט זיך, פאַרוואָס אונטערשטרייך איך די ציפער פון 36? ווי געמאָלט זיך צוויי מאָל חי אויף אַ טויטן, אויף אהרן צייטלין ז״ל? איז דאָס אָבער יאָ געמאָלט. ווייל ער האָט געגלייבט אין צוויי לעבנס, אין השארת הנפש. ער האָט געגלייבט אַז דער מלאך המות האָט ניט קיין שליטה איבערן מענטש, ווייל דער מענטש איז אין זיין מהות אומשטערבלעך. ער האָט וועגן דעם אַ סך געשריבן, שטרעבנדיק צו באַווייזן, אַז דער מענטש איז ניט געבוירן צו שטאַרבן; אַז דער טויט איז בלויז אַן איבערגאַנג אויף יענער זייט, ווו עס הערשט אמת און קדושה.

אין דעם זין קען מען זיין אָנדענק באַגלייטן מיט צוויי מאָל ח״י און אים אַריינעמען אין דער קאָליע פון די למד־וואָווניקעס. צייטלין האָט געלעבט אין די הימלען אין אַ וועלט פון גייסט. גייסט איז ביי אים געווען אַ דימענסיע ווי ביי איינשטיינען צייט.

פאַרוואָס פילן מיר זיך אַזוי פאַריתומט מיט זיין טויט?

ווייל מיר האָבן פאַרלוירן אַ גרויסן שריפטשטעלער, אַ גרויסן פּאָעט, אַ פּובליציסט און עסייאיסט, אַ שרייבער מיט גרויסער ערודיציע אויף אַלע שטחים. ער איז געווען דער שרייבער פון אונדזער דור מיט אַ נאַציאָנאַלער שליחות; אַ גרויסער סטיליסט אין ביידע אונדזערע שפּראַכן, סיי יידיש און סיי העברעיש.

איך האָב אַ סך מאָל געהאַט דעם געפיל אַז ער איז געווען דער יידישסטער פּענמענטש פון אונדזער צייט! דער מקובל און מקונן. ער איז געגאַנגען אין די וועגן פון זיין באַרימטן טאַטן, הלל צייטלין, דער יידישער נביא, וועלכער איז אומגעקומען בקדושה ובטהרה, אָנגעטאָן אין טלית ותפילין. ביידע האָבן דערגרייכט אַ מדרגה פון שלמות. כבוד זיין אָנדענק.



די קאָנפערענץ הערט אויס דעם באַריכט פון עקזעקוטיוו סעקרעטאַר, פריינד יוסף טילעס. דאָ אין שטאָט איז דער ייווא טעטיק שוין 27 יאָר. מיר פירן דורך אונדזערע יערלעכע קאָנפערענצן אַלע יאָרן. ווען נאָר מ׳האָט די מעגלעכקייט דערצו פירן מיר דורך קולטור אַקטיוויטעטן זעלבשטשטענדיק, פון צייט צו צייט בשותפות מיט דער היגן יידישן קולטור־קלוב. בעת דער פאָריקער יערלעכער קאָנפערענץ האָבן מיר אָנגעגעבן, אַז עס האָבן זיך מיט זייערע ביישטייערונגען באַטייליקט 345 יחידים און 51 אָרגאַניזאַציעס; מיר האָבן אויך באַקומען פון ירושות די סומע פון $1500. דאָס יאָר האָבן מיר אַריינגענומען ביישטייערונגען פון 350 יחידים און 36 אָרגאַניזאַציעס די סומע פון $9000. צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם גענ. סעקרעטאַר פון ייוואָ אין ניו־יאָרק, שמואל לאַפּין, האָבן מיר דאָ געשאַפן פאַר דעם ספּעציעלן פאָנד איבער $3000. פריינד טילעס שטרייכט אונטער, אַז די קאָנפערענץ ווערט אָפּגעהאַלטן אין אַ פיבערישן צושטאַנד אין שייכות מיט דער יום־כיפור מלחמה. שטיצנדיק ישראל דאַרפן מיר ניט פאַרנאַכלעסיקן אונדזערע נויטן דאָ אויפן אָרט; ספּעציעל דאַרפן מיר אָנהאַלטן אונדזערע קולטור־פּאָזיציעס, וואָס העלפן אויך אָנהאַלטן אונדזער נאַציאָנאַלן און קולטורעלן באַוווסטזיין.

## די 53-סטע יערלעכע קאָנפערענץ פון אַרבעטער רינג

די דערעפענונג פון דער 53סטער יערלעכער קאָנפערענץ פון אַרבעטער רינג, וואָס איז פאָרגעקומען אין קולטור־צענטער פון אָרדן, איז געווען געווידמעט דעם צען־יאָריקן יובילייט פון דעם פּראַכטיקן צענטער, וואָס איז נאָך היינט דער שענסטער קולטור־בנין אין דעם מערבדיקן טייל פון לאַנד. די שטימונג פון דער יום־כיפור מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן עטלעכע טעג פאַר דעם דערעפענונג יום־טוב, האָט נאַטירלעך באַווירקט די שטימונג פון דעם צוזאַמענקונפט. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק דורכן פאָרזיצער סעם פּאָול, וועלכער האָט געעפנט דעם צוזאַמענקונפט און דורך די צוויי הויפּט־רעדנער, נייטן גערשאָוויטש און אברהם פּרענק, דירעקטאָר פון הסתדרות קאַמפּיין אין די מערב שטאַטן. ביידע רעדנער האָבן באַטאָנט די נייטיקייט פון אַ באַנייטער הילפס־קאַמפּאַניע פאַר ישראל.

דער צווייטער טייל פון דער קאָנפערענץ איז, פּונקט ווי פאַראַיאָרן, פאָרגעקומען אין דער קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט אין סאַנטאַ באַרבאַראַ, ווו דוד גאָלדמאַן, עקז. סעקרעטאַר פון דעם אָרדן, האָט אָפּגעגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט פון דעם צענטער און פון דער אָרגאַניזאַציע בכלל. גאָלדמאַן האָט אין רעדע באַטאָנט די גרויסע זאָרג וואָס דער אָרדן האָט אין איצטיקן מאָמענט וועגן דעם גורל פון מדינת ישראל, און האָט צוגעזאָגט צו אַקטיוויזירן די ברענטשעס אין אַ באַנייטן הילפס־קאַמפּיין. דער רעדנער האָט באַריכטעט אַז די ברענטשעס האָבן זיך אָפּגערופן אויף אַלע געלט־קאַמפּיינס ווי: וועלפעיר פאָנד, הסתדרות, יידישער אַרבעטער קאָמיטעט און שטיצן אויך די „צוקונפט״, „פרייע אַרבעטער שטימע״ און אַנדערע.

דער סעקרעטאַר שטעלט זיך אָפּ אויף דער היים פאַר עלטערע, ווו דער אַ. ר. האָט איבער זיבעציק מיטגלידער.

נאָכן באַריכט איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פּאַנעל, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט: לעאָ וואָלט, דייוו דייווידסאָן און סעם פּאָל. אין דער דיסקוסיע האָבן זיך באַטייליקט אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער.

ביים קאָנפערענץ באַנקעט, שבת אָוונט, אונטער דער פירערשאַפט פון פּאָל, פאָרזיצער פון ראַיאָן קאָמיטעט, איז געווען בלויז איין גאַסט־רעדנער, סעמיועל קעי, פאָרזיצער פון דער ל. א. היים פאַר עלטערע מענטשן.

נאָכן באַנקעט איז געוויזן געוואָרן די פילם: „דאָס לעבן און טעטיקייט פון גאָלדע מאיר, פּרעמיערשע פון ישראל.

קאַרל פיין איז געווען דער פאָרזיצער פון דער זיצונג זונטאָג פרי. די קאָנפערענץ איז באַגריסט געוואָרן פון פריינדין קליינפעלד אין נאָמען פון דער א. ר. אָקזילערי פון דער „שטאָט פון האָפענונג״; מאיר וויינטרויב, אין נאָמען פון „פאָר־

ווערטס״; אסתר אַפּטייקער, אין נאָמען פון גאָלדען רינג קלוב, און הערי גאָראַ, אין נאָמען פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

## הסתדרות קאַמפּיין האָט געשאַפן צוויי און אַ האַלב מיליאָן דאָלער

ביי דער יובל־קאָנפערענץ פון הסתדרות אין לאָס אַנגעלעס, האָט אַברהם פרענק, דירעקטאָר פון קאַמפּיין, באַריכטעט, אַז פאָריקן יאָר איז געשאַפן געוואָרן צוויי און אַ האַלב מיליאָן דאָלער.

היינטיקס יאָר האָפן די טוערס פון דעם הסתדרות קאַמפּיין צו שאַפן אַ סומע, וואָס זאָל איבערשטייגן פאָריקן יאָר, נעמענדיק אין אַכט די גרויסע נויטן נאָך דער יום־כיפּור מלחמה, ספּעציעל די גרעסערע באַדערפענישן פון קופּת חולים, וועמענס שפּיטאָלן און מעדיצינישע קליניקס נעמען איבער אונטער זייער השגחה די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן.

אין דעם הסתדרות קאַמפּיין באַטייליקן זיך די פּיאָנערן־פרויען, דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד, דער טרייד יוניאָן קאָונסיל, דער קאַונסיל פון לאַנדסמאַנשאַפטן און פון אַרבעטער רינג דיוויזיע. די אָפּטיילונג פון אַרב. רינג ברענטשס, אונטער דער אָנפירונג פון הערי ראָטבלאַט, האָט לויטן געדרוקטן באַריכט, וואָס איז פאַרטיילט געוואָרן צו איבער 2000 דעלעגאַטן, געשאַפן פאָריקן יאָר איבער צוועלף און אַ האַלב טויזנט דאָלער.

די דעלעגאַטן האָט מיט גרויס יראת הכבוד באַערט דעם אָנדענק פון בן גוריון, דעם גרינדער פון דער מדינה און איינער פון די פּיאָנערן פון הסתדרות.

די קאָנפערענץ האָט דערווילט עדוואַרד מיטשל און סיוון האַמבורגער אַלס ראַיאָן וויצע־פּרעזידענטן. אַלס נייע מיטגלידער צו דער עקזעקוטיווע זיינען דערווילט געוואָרן: סאַראַ נאַשעלסקי, ען שאָר און רוט ווילסאָן. אַלס פאַרטרעטער פון די פּיאָנערן פרויען—אַלע פריערדיקע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע, וועלכע זיינען פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון רעבעקאַ גאָלדבערג, סעקרעטאַרין פון נאָמינאַציע קאָמיסיע, זיינען ווייטער דערווילט געוואָרן פאַר אַ נייעם טערמין.

## ל.א. יידישער קולטור־קלוב באַנייט זיין טעטיקייט מיט אַ פייערלעכן חנוכת הבית פון זיין נייער היים

דער 46 יאָר אַלטער יידישער קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס האָט מיט פרישער ענערגיע און ענטוזיאַזם געפייערט דעם חנוכת הבית פון אַ נייער היים, אַ פּראַכטיק אויסגעבויטן אוידיטאָריום, וווּ ער וועט קענען דורכפירן זיינע קולטור־אונטערנעמונגען. אַן עולם פון איבער 250 האָט אָנגעפילט דעם נייעם פּראַכטיקן זאַל באַלד ווי די טירן האָבן זיך געעפנט און איבער 60 מענטשן האָבן געמוזט בלייבן אין דרויסן זיך צוצוהערן צו די רעדעס. דער נייער אוידיטאָריום איז אויסגעבויט געוואָרן פון די פאָנדן וואָס דער קולטור־קלוב האָט געקראָגן ביים פאַרקויפן דעם אַלטן בנין אויף מאָנראָ גאַס, וואָס איז ניט געווען מער צוגענגלעך פאַרן יידישן עולם.

אויף דעם חנוכת הבית איז אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן די קולטור־צוזאַמענאַרבעט מיט דעם אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג, אויף 8339 דריטער גאַס. דער בנין פונעם אינסטיטוט, וווּ עס זיינען קאָנצענטרירט די מייסטע אינסטיטוציעס פון דער היגער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, וועט מיט דעם צוגאָב פון דעם יידישן קולטור־קלוב ווערן אַ קולטור־צענטער פון יידן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. דאָס איז טאַקע באַטאָנט געוואָרן פון אַלעקס ראָבין, אַ לאַנג־יאָריקער תושב אין ל. א. און אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין היגן יידישן קולטור־לעבן, ביים אָנהייב פון דער פייערונג.

אַחוץ פאַרטרעטער פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד זיינען ביי דער שמחה אויך געווען פאָרשטייער פון אַרבעטער רינג, ייוואָ, „פאָרווערטס״ און פון היגן ליטעראַרישן זשורנאַל ״חשבון״.

אין זיין דערעפענונג־רעדע האָט אַלעקס ראָבין צווישן אַנדערעס געזאָגט:

„היינט אָוונט, קוקנדיק אויפן עולם, פילנדיק די שטימונג, קומט מיר אויף די ליפּן די טראַדיציאָנעלע יידישע ברכה: שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה. מיר האָבן לאַנג געבענקט, לאַנג געוואַרט, לאַנג



געהאָפט אויף אַן אייגן ווינקל אין האַרץ פון דעם יידישן געגנט, ווייל ס׳איז פאַר אונדז געוואָרן צו שווער צו קומען אין אונדזער אַלטן לאָקאַל, אָדער פאָרן ווייט בכלל. אָט די האָפענונג איז איצט מקוים געוואָרן, און דערפאַר איז שהחיינו דער פּאַסיקסטער אויסדרוק פאַרן היינטיקן חנוכת הבית, ווייל דאָס איז דער לייטמאָטיוו פון אונדזערע געדאַנקען און מחשבות ביים איבערטרעטן די שוועל פון אונדזער נייער היים.

„ח נ ו כ ת מיינט באַנייאונג און ווען מיר זאָגן באַנייאונג מיינען מיר ניט נאָר דעם בנין נאָר טאַקע זיך אַליין אויך. מיר באַנייען אונדזער אַרבעט, אונדזער קולטור־טעטיקייט, און זאָגן אָן, אַז מיר זיינען נאָך דאָ; אַז מיר נייטיקן זיך נאָך אין אַלץ וואָס דער קלוב שטעלט מיט זיך פאָר. מיר נייטיקן זיך אין דער אָפּפרישונג, וואָס דער קולטור־קלוב נוסח גיט אונדז און אַז מיר גיבן זיך אַ נדר ממשיך צו זיין די טראַדיציע פון קאַרגע פינף צענדליק יאָר קולטור־קלוב.

„מיר דערמאָנען, אַז נאָך זיין נע־ונד איבער אַ יאָר צייט, ווערט דער יידישער קולטור־קלוב ווייטער דער צענטראַלער אַדרעס אין לאָס אַנגעלעס פאַר אַלע געביטן פון יידישער שאַפונג און דער וואַרעמער ווינקל פאַרן יידישן וואָרט און פאַרן יידישן בוך, ווי ס׳זאָגט עדות אונדזער רייכע ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך אַריינגעצויגן אַהער צוזאַמען מיט אונדז און וואָס איז דאָ אויסגעשטעלט.

„דאַטעס אין לעבן זיינען ווי סטאַנציעס פון וואַנען מ׳קוקט אויף פאָרויס און אויף צוריק. דאַטעס זיינען וויכטיק און זיי זיינען דאָ ביי פעלקער און שטעט און ווו נאָר אַ ציבור. אפילו משפחות האָבן דאַטעס, וועלכע זיינען פול מיט באַדייטונג און אינהאַלט. דאַטעס טראָגן אויך מיט זיך התחייבות, פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דערמאָנונגען.

„1974 אָדער תשל״ד ווערט אַ דאַטע וואָס וועט איינגעקריצט ווערן אין אונדזער קאָלעקטיוון זכרון, וואָס מיר וועלן געדענקען און אָפּצייכענען ווי דאָס יאָר ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין דעם בנין פון אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג, ווייל דאָס מיינט ניט בלויז אַ.נייער לאָקאַל. דער גאַנצער פאַרטראַכטן זיך, אַז מיר זאָלן ווערן שכנים דאָ אין דעם בנין האָט אַ סך טיפערע באַדייטונג. ס׳איז אַ פאַרשטענדעניש פאַר די נייע באַדינגונגען אין וועלכע מיר געפינען זיך.

„אַמאָל ווען מיר זיינען געווען יונג אין יאָרן און פון קולטור עשירות, האָבן מיר זיך געקענט דערלויבן צו פאַנאַנדערשפּרייטן מיט אַ סך אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס און ס׳איז געווען כל המרבה הרי זה משובח. וואָס מער אַלץ בעסער. אָבער איצט, אַז מיר זיינען געוואָרן עלטער און ווייניקער, איז אַ צייט פון פאַראייניקונג סיי אין גייסט סיי אין שטח. מיר מוזן קעמפן איינצוהאַלטן פּאָזיציעס און דער טיילווייזער „מוירדזשער״ מיט אונדזערע שכנים און אונדזער אינוועסטירן אַזוי פיל געלט אין דעם בנין פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג איז אַן אויסדרוק פון קומען אַנטקעגן דער נייער צייט. און מיר זיינען זיכער אַז דער זווג וועט עולה יפה זיין און אַנדערע וועלן אונדז נאָכטאָן.

„לאָמיר האָפן אַז אין אונדזער נייער היים וועט זיין ליכטיק, וואַרעם, וועט זיך נאָך לאַנג הערן דאָס בעסערע יידישע וואָרט פול מיט חן און אינהאַלט.

„אין דעם גייסט באַגריס איך אייך אַלעמען אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג. איך באַגריס דער מיטגלידערשאַפט פון קלוב, און אויך דעם אינסטיטוט. מיר דערמאָנען מיט כבוד די פּיאָנערן, גרינדער פון קלוב, וועלכע זיינען ניט מער מיט אונדז, אָבער זייער גייסט איז דאָ אין זאַל, ווען מיר הייבן אָן אַ באַנייטן קאַפּיטל. נאָך אַ מאָל, זייט אַלע געגריסט.״

באַזונדערע אַנערקענונג איז אויסגעדריקט געוואָרן אין די באַגריסונג־רעדעס פאַר שלמה צוקערמאַן, פּרעזידענט פונעם קלוב און אַ ספּעציאַליסט אין דעם בויפאַך, ווו ער האָט אויסגעפּלאַנט און דורכגעפירט די בוי־אַרבעט פון דעם נייעם אוידיטאָריום. דער שיינער רחבותדיקער זאַל, באַצירט מיט בילדער פון די אָנגעזעענסטע יידישע שריפטשטעלערס, כלל־טוערס און אָנפירערס אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַרומגעשטעלט מיט שרענק מיט איבער 8000 ביכער פון דער

אַלטער ביבליאָטעק פונעם קלוב, מאַכט באמת אַ הערלעכן איינדרוק. ווי עס האָט דערקלערט משה כהן, וויצע־פּרעזידענט פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד אין זיין באַגריסונג־רעדע, ווערט געפּלאַנט צו שאַפן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג מיט ביכער וועגן יידישער געשיכטע־פאָרשונג, וואָס וועט זיין אַ נוצלעכער צוגאָב צו דער רייכער ביבליאָטעק.

באַגריסונג־רעדעס האָבן געהאַלטן שלמה צוקערמאַן, וועלכער איז דורך זיין פּראַקטישער אַרבעט געוועזן דער הויפּט־מחותן אויף דער שמחה; תנחום ברייס, שמואל ברייבין, מאָריס (אלימלך) דייטש, וועלכער האָט באַזונדערס האַרציק גערעדט וועגן זיין פריינד צוקערמאַן, און אפרים שטיין, דער פּרעזידענט פונעם אינסטיטוט.

יעקב קאַהאַן, דער טיכטיקסטער און חשובער פירער פון דער היגער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און פון הסתדרות קאַמפּיין, האָט געמאַכט דעם אַפּיל פאַר פאָנדן צו דעקן די דעפיציטן פון דער בוי־אַרבעט. דער אַפּיל האָט אַריינגעבראַכט איבער זעקס טויזנט דאָלער.

אַ פולער באַריכט פון די ביישטייערערס צום קולטור־קלוב וועט דערשיינען אין קומענדיקן נומער „חשבון‟.

דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם איז דורכגעפירט געוואָרן פון ניצי נימאַן, זינגערין, און אַנדרעי בעלאָו, פידל־קינסטלער.

---

# לאס אנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

באַגריסט אברהם גאָלאָמב זייער חשובן מיטגליד.

אין שווערן געראַנגל וואָס אונדזער יידישער סעקטאָר פירט אָן פאַרן עקזיסטענץ, איז גאָלאָמבס וואָרט שטענדיק אַ דערמוטיקונג.

די פאַרוואַלטונג



# חשבון

## באַזונדערע הוספה

## לכבוד דעם 85-טן געבוירניאָר פון

## ר' אברהם גאָלאָמב שליט"א

אברהם גאָלאָמב

# אַלגעמיינע אידעען וועגן יידישקייט

## אַ ר יי נ פ י ר

אַז מען דערגייט צו 85, איז מען זיך נוהג ביי לייטן צו פּראַוועען יום־טוב מיט באַגריסונגען און סעודות. לויט דער יידישער טראַדיציע איז חשובער ניט סתם אַ יום־טוב, נאָר אַ חשבון הנפש: אַ מענטש איז געוועזן אַ לערער ביי יידן מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט; אַלע מאָל אין סאַמע קאָך פון יידישן לעבן; האָט אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן, מיט דער הילף פון גוטע פריינד, פיר צענדליק ביכער אין יידיש און איינס אין העברעיש; פאַרעפנטלעכט היפשע טויזנטער אַרטיקלען; געטריי אַלע מאָל צו אידעאָלאָגיעס; ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ סך אידעען, וואָס גרעסערע און אָנגענומענערע יידישע דענקערס האָבן ניט באַוויזן אַרויסצוזאָגן; געוואַנדערט מיט זיינע אידעען פון איין חורבן צו דעם צווייטן; געבליבן כמעט איינער פון אַ דור, פון אַ דור לערערס וואָס האָבן געחלומט, געבויט און... עטלעכע מאָל באַוויזן צו אַנטלויפן פון חורבן, וואָס גוים האָבן חרוב געמאַכט די אויפגעבויטע חלומות; געטראָגן זיין חלום צו אַנדערע יידן. — איז וואָס איז פון זיין אַרבעט דאָך געבליבן ביי געבליבענע יידן?

פון לערערס געקראָגן אויפן שפּיץ מעסער, פון שולן — נאָך ווייניקער, דאָך גלייבט ער צו זיין אַריינגעוואַקסן טיף אין יידישקייט און אַז זיינע געדאַנקען און אידעען, וואָס ער האָט באַוויזן דורכצוטראָגן דורך די חורבנות — אויך זיי זיינען טיף יידישע.

די אידעען ביי אַ פאָלק זיינען עלטער פון דעם לעבן פון אַ יחיד. בכלל זיינען דעם פאָלקס אידעען אַ ניסתר, וואָס ווערט כסדר צוביסלעך אַריבערגעפירט אין ניגלה. איז עס אַ פראַגע צי האָב איך יאָ זוכה געווען צו האָבן אַ קליינעם חלק אין דעם ניגלה פון יידישן פאָלק? האָב איך געבעטן פריינד מיר צו דערלויבן צו מאַכן אַזאַ חשבון הנפש. צו אָט דעם ציל מאַך איך אַ קיצור פון אַלע מיינע שריפטן און דאָס שטעל איך צום עקזאַמען פון מומחים. איך בעט זיי בכל לשון של בקשה צו קריטיקירן אָן רחמנות צו אַן עלטערן יידן.

לויט דער יידישער אגדה האָט דער מלאך המוות ניט קיין שליטה אויף די וואָס האַלטן אין לערנען. איך שטעל ניט אָפּ מיין אַרבעט. צי וועל איך באַוויזן אויסצופּאַרטיקן אַלץ וואָס איך דאַרף, ווייס איך ניט. איבערהויפּט פאַרדריסט מיר וואָס איך בין צו ווייט פון דער אָנגעוואָרפענער אַרבעט צו דער פילאָסאָפיע פון דער יידישער ישיבה־דערציונג, וואָס איך גלייב אַז זי איז העכער פון דער אַלגעמיינער. זי איז אָבער ניטאָ אויך אין שולן, וואָס טראָגן דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן נאָמען. איך בין איצט צו ווייט פון אַזאַ אַרבעט. ברענג איך דאָ דעם קיצור פון מיינע דורכגעאַרבעטע און דורכגעווייטאָגטע אידעען צו דעם עקזאַמען לשם דעם חשבון הנפש.

# 1. די יידישע געשיכטע גייט אין תקופות

א.—געשיכטע־תקופות זיינען ביז איצט געווען עטלעכע:

אַברהם אָבינו האָט שוין מקיים געווען כל התורה כולה אָן אַ געשריבענער תורה. זיין יידישקייט איז ביי אים און ביי אַנדערע אָבות, בכלל ביי יידן אויך אין מצרים די ערשטע בעל פה־תקופה. דאָס איז די פאַרתנכישע בעל פה־תקופה.

ב.—יידן האָבן קיין מאָל ניט געשאַפן קיין נאַציאָנאַלע מאַטעריעלע גיטער אַחוץ ספרים. דערפאַר וועלן מיר די ווייטערדיקע תקופות אָנרופן מיט די נעמען פון ספרים. די פאַר־תנכישע תקופה, די תנ"ך־תקופה, די תלמוד־תקופה אין ארץ ישראל און אין בבל — זי שאַפט דעם תלמוד. די תקופה פון גלות אייראָפּע, וואָס לעבט מיט דעם תלמוד; אשכנז־תקופה און די תקופה פון מזרח־אייראָפּע מיט דער נייער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן.

ג.—פון דער תלמוד־תקופה אָן האָבן יידן געלעבט צווישן פעלקער אָבער אין פאַרזיכיקע שטעטלעך. איצט זיינען קיין יידישע שטעטלעך מער ניטאָ. עס הייבט זיך אָן די תקופה פון אורבאַניזם.

ד.—יעדער איבערגאַנג פון תקופה צו תקופה האָט דעם פאָלק געקאָסט גרויסע סכומים יידן, וואָס זיינען פאַרלוירן געגאַנגען. איצטיקער איבערגאַנג דראָט מיט נאָך גרעסערע סכנות. עס שטייט אין ספק דער קיום פון פאָלק בכלל.

ה.—עס זיינען אויסגעגאַנגען אַלע יידישע ישובים וואָס האָבן זיך צו שטאַרק פאַרבונדן מיט גלות־לענדער און מיט זייערע קולטורן; עס זיינען אונטערגעגאַנגען די ישובים, וואָס די „קולטור־צירקולאַציע“ איז אין זיי געווען צעשטערט. (וועגן דער קולטור־צירקולאַציע — אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל). די ביידע פּראָצעסן קומען פאָר אין אַלע נייע יידישע ישובים. דאָס יידישע פאָלק פון היינט שטעלט מיט זיך פאָר בלויז אַ שארית ישראל, בלויז אַ רעשטל.

ו.—אין יעדער תקופה איז פאַראַן איין שבט (אָדער יישוב) וואָס פירט די יידישע געשיכטע. דאָס איז דער „העגעמאָן־שבט.“ די אַנדערע ישובים—ווי זיי גייען מיט, ווי זיי האַלטן זיך אָן אים.

ז.—אין יעדער תקופה קען אַ יישוב זוכה זיין צו ווערן אַ העגעמאָן, אויב ער פאַרמאָגט אַ פאָלקישן מאַסיוו, וואָס לעבט מיט אַ טראַדיציאָנעלן שטייגער, הגם ער פאַרמאָגט ניט קיין תורה. דער שבט פון עם־ארצים — ער איז דער יסוד פון קיום האומה. דער פאָלקישער טראַדיציאָנעלער שטייגער — ער איז דער יסוד פון קיום. פאָלקישער שטייגער דאָס איז די תורה שבעל פה פון יעדער תקופה. ניט די געבילדעטע חכמי האומה האַלטן אויף דעם קיום, נאָר דווקא דער עם־ארצים־שיכט, וואָס לעבט מיט דער טראַדיציע, וואָס „קיין תורה האָבן זיי ניט אָבער מעשים האָבן זיי“ (רמב"ם) — „והם טובים לישוב“ גיט ער צו. די נייע יישובים האָבן ניט אַזאַ עם־ארצישן שיכט. דערפאַר איז די סכנה גרעסער.

## 2. די אַנטוויקלונג פון דער יידישער תורה

א.—דאָס וואָרט תורה איז דער טייטש אָנווייז, באַלערנונג. אין די ערשטע פיר חומשים קומט דאָס וואָרט תורה תמיד ווי פּרטימדיקע אָנווייזן צו פאַרשיידענע איינצלנע פאַלן. ערשט אין ספר דברים קומט שוין „ספר התורה“ ווי אַ זאַמלונג פון אַלע אָנווייזן, פון דער אַלגעמיינער לערע פון יידישן פאָלק אין גאַנצן. דאָס וואָרט דת איז אין תנ"ך פאַראַן נאָר אין מגילת אסתר (אפשר טאַקע פון פּערסיש). ביי די חז"ל איז שוין פאַראַן אויך אַ יידישער שטייגער, וואָס איז ניטאָ פאַרשריבן אין דער תורה. „דת משה ויהודית“ (כתובות עב, א'). און רש"י דערקלערט: „יהודית — שבנות ישראל נוהגות אף על גב דלא כתיבא“. שפּעטער איז דער „דת יהודית“ אַזוי פאַרמערט געוואָרן, אַז מען האָט שוין גערעדט וועגן צוויי תורות — תורה שבכתב און תורה שבעל פה, אָדער „מדאורייתא“— פון דער תורת משה, און „מדרבנן“ — פון די געלערנטע אָנפירערס (שוין שמאַי!).



אין תורת משה זיינען דאָ מצוות—באַפעלן, מען הייסט; אין „מדרבנן“ קומען ניט מצוות נאָר הלכות, גאַנג, פירונג, שטייגער. מצוות — פון גאָט; הלכות — אויך הייליק, געטלעך, אָבער פון פאָלקישן פיר. עס קענען זיין „הלכות מרובות“ — אַ סך „ומקרא מעט“— אָן אַ סמך אין דער תורת משה. גאַנצע אידעען נייע זיינען צוגעקומען אויך „מדרבנן“ (שכר ועונש, עולם הבא פאַר יעדער ייד באַזונדער, תחיית המתים).

ב.—פאַרוואָס דער נאָמען „מדרבנן“ און ניט דירעקט — פון פאָלק? — ווייל ביים פאָלק זיינען דאָ מעשים, פּראַקטיק. דאַרף מען די מעשים איבערגעבן אין ווערטער. דאָס איז די אַרבעט פון די „רבנן“.

ג.—שפּעטער איז די שטייגער־תורה געוואָרן נאָך וויכטיקער. די תורת משה איז ניט מער תורה, נאָר „מקרא“—לעקטור גאָר. פאַר לערנען מקרא קריגט מען ניט קיין שכר אויף יענער וועלט. די גאַנצע תורה איז נאָר צום דרשנען (מאי תורה — מדרש תורה. קידושין מ"ט ב').

ד.—די פאָלקישע טראַדיציע, די תורה שבעל פה, די קבלה געפורעמט אין הלכות, וואָס מדרבנן איז געוואָרן אין די אויגן פון חז"ל נאָך העכער. זי איז מחייב אויך גאָט. זי באַפעלט אים, און ער פאָלגט! גאָט לערנט די תורה פון זיין פאָלק. גאָט באַשאַפט די וועלט לויט דער תורה („מביט בתורה ובורא את העולם“ — מדרש רבא בראשית פ"א). די וועלט פירט זיך לויט פעסטע געזעצן, גזרות, וואָס גאָט קען זיי גאָר ניט ענדערן — „גזרה היא מלפני“ איז פאַרפאַלן!

ה.—די מאַכט פון גאָט ווערט כסדר פאַרמינערט קעגן דער מאַכט פון דער תורה. מען פאָלגט ניט קיין בת־קול פון גאָט, ווייל די תורה זאָגט אַנדערש.. גאָטס כוח ווענדט זיך אָן דער פירונג פון ישראל: מער יידישקייט — איז גאָט שטאַרקער, און פאַרקערט. די תורה גיט כוח דעם פאָלק און אויך זיין גאָט.

ו.—עס קען אויסקומען אַז גאָט האָט געגעבן די יידן ניט אַ גאַנצע תורה נאָר אַ חלק. די תורה פון וועלט־באַשאַף איז דעם יידישן פאָלק קיין מאָל ניט געגעבן געוואָרן, די „תורת הקוסמוס“. שפּעטער איז געקומען די „תורת האדם“, נאָך שפּעטער — תורת בני נוח, און ערשט אברהם האָט בעל פה געקראָגן די „דת יהודית“, וואָס מוז כסדר אַלץ וואַקסן, אין יעדער דור, אפילו מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש — אַלץ וואַקסט אין דער יידישקייט, אין תורת ישראל.

ז.—די כל התורה כולה איז אַ ניסתר. די תורות הקוסמוס שטודירן אַלע וויסנשאַפטן, אַלע זיי שטרעבן צו אַן אַלגעמיינער פאָרמול וואָס זאָל פאַרבינדן אַלע איינצלנע פאָרמולעס. „דאָס וועט זיין די פאָרמול פון גאָט“ האָט געזאָגט אַ קריסט (פּאַונקאַרע). אַ ייד וואָלט געזאָגט — די פאָרמול פון דעם „אחד“, וויילע אַלע תורות און אַלע וויסנשאַפטן שטרעבן צו אחדות הוועלט.

ח.—די חכמי אתונא האָבן זייערע אידעען געפורעמט אין ווערטער. די חכמי ישראל האָבן געפורעמט אידעען אין מעשים, פירונגען. דאָס זיינען די הלכות.

## 3. יידישע רעליגיע

א.—דאָס יידישע פאָלק איז דאָס איינציקע צווישן אַלע שכנישע פעלקער וואָס האָט ניט קיין רעליגיע, וואָס איז געבוירן און אַנטוויקלט זיך ביי אַ צווייטן, פרעמדן פאָלק. אַלע פעלקער האָבן זייער היינטיקע רעליגיע אָנגענומען, ווען מען איז שוין געווען אַ פאָלק מיט אַ קולטור און מיט אַן אָרגאַנישער רעליגיע, וואָס מען איז מיט איר געוואַקסן און זי האָט זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיטן פאָלק. ווי זייער קולטור האָט זיך צונויפגעלעבט מיט דער נייער, פרעמדער רעליגיע — איז ניט אונדזער פּראָבלעם. נאָר זייער נייע רעליגיע קען זיין סטאַטיש, זי דאַרף ניט וואַקסן און זיך אַנטוויקלען; זייער קולטור און רעליגיע זיינען צוויי אומאָפּהענגיקע געביטן. די יידישע רעליגיע אָבער איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיטן פאָלק און מיט זיין קולטור.

ב.—בכלל איז די יידישע רעליגיע ניט קיין גאָט־רעליגיע, נייערט זי איז אַ פאָלק־רעליגיע. אַלע מאָל און כסדר האָט די יידישע רעליגיע געזאָרגט פאַרן קיום פון פאָלק, כמעט גאָר ניט דערציילט וועגן מהות פון גאָט. די יידישע רעליגיע

אַנטוויקלט זיך מיטן פאָלק און זי קען ניט זיין סטאַטיש.

ג.—אַ גאָט־רעליגיע קען מען בייטן און בלייבן אין דער זעלביקער קולטור. אַ פאָלק־רעליגיע קען מען ניט בייטן סיידן מען בייט דאָס פאָלק.

ד.—די רעפאָרמער פון אַלע מדרגות באַמיען זיך צו מאַכן די יידישע רעליגיע אויך אַ גאָט־רעליגיע, אָפּצוטיילן די רעליגיע פון דער קולטור. עס זאָל קענען זיין דער שטייגער פון הויפּטפאָלק און די רעליגיע אומאָפּהענגיק, באַזונדער. די יידישע פאָלק־רעליגיע איז אָבער אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער קולטור פון פאָלק.

ה.—די אָרטאָדאָקסיע ווידער וויל מאַכן די יידישע רעליגיע סטאַטיש, אָן אַן אָרגאַנישער אַנטוויקלונג. זי אנערקענט בכלל ניט קיין קולטור, אויב עס איז ניט פיקסירט אין פיקסירטער געשריבענער רעליגיע.

ו.—היסטאָריש איז ביי יידן געווען די פאָרמול גאָר די יידישקייט איז אונדזער רעליגיע. ווייל די אָרטאָדאָקסיע עס איבערמאַכן און זי דרשנט: „נאָר די רעליגיע איז אונדזער גאַנצע יידישקייט." די אָרטאָדאָקסיע אנערקענט נאָר די קולטור וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן רעליגיעז, בכתב. קיין היינטיקע בעל פה־יידישקייט וויל זי ניט. דאָס הייסט, אַז די אָרטאָדאָקסיע היינט חזרט איבער דעם גאַנג פון די צדוקים אין יענע צייטן: נאָר די יידישקייט וואָס בכתב אין שולחן ערוך. זיינען זיי „עושים מעשה צדוקים ומבקשים שכר כפרושים" (פאַראַפראַזירט אַ גמרא־זאַץ).

ז.—דער ריכטיקער גאַנג פון אַנטוויקלונג איז געווען אַזאַ: לכתחילה איז עס בעל פה, שטייגער, פאָלק־פירונגען, עס איז חול, וואָכעדיק. שפּעטער פאַרהייליקט עס דאָס פאָלק אויך רעליגיעז. אַל דאָס הייליקע איצט איז אַמאָל געווען וואָכעדיק; אַל דאָס וואָכעדיקע איצט ווערט און דאַרף מיט דער צייט פאַרהייליקט ווערן. החדש — דאָס נייע ווערט אַלט און דאָס אַלטע ווערט פאַרהייליקט. (די פאָרמול שטאַמט פון הרב קוק ז"ל). קולטור און רעליגיע האָבן איין מקור ביי יידן און זיי זיינען צוויי שוועסטער.

די יידישע רעליגיע האָט פאַרהייליקט אַלע פאָלקישע נאַטור־יום־טובים — דעם חג האביב, חג הביכורים און חג האָסיף (אַז שבועות איז „זמן מתן תורה" איז ניטאָ אין חומש) האָט די רעליגיע פאַרהייליקט אַן אוראַלטן בגד (טלית) און אוראַלטע „טוטפות בין עיניך" ווי תפילין. פאַרקערט, אַלע יום־טובים ביי די קריסטן זיינען גאָט־יום־טובים, האָבן ניט קיין שייכות צו די פעלקער גופא. דערפאַר זיינען ביי יידן ניט גענוצט געווען רעליגיע און קולטור באַזונדער, נאָר זיי זיינען געווען איינס מיט דעם נאָמען „יידישקייט" אָדער „יהדות".

ח.—יעדע נייע תקופה, יעדער נייער שעפערישער דור מוז אַריינברענגען עפּעס נייעס אין דער קולטור־רעליגיע פון פאָלק ווי עס שטייט: „אי אפשר לבית המדרש בלי חידוש". יעדער אַנדער וועג איז אַ השפעה פון די קריסטלעכע פעלקער מיט זייערע גאָר אַנדערע, אָנגענומענע, איבערגענומענע און אַדאָפּטירטע רעליגיעס.

ט.—דער קריסטלעכער נייער טעסטאַמענט איז דערפאַר דורכויס פאַרנומען מיט גאָט און מיט זיין פאַרהייליקטן זון, בעת די יידישע רעליגיע זאָרגט אַלץ און שרייבט אַלץ וועגן דעם פאָלק, און כמעט ווי זי פאַרבאָט צו טראַכטן און צו לערנען וועגן גאָט ווי אַזאַ.

י.—לעצטנס האָבן אונדזערע פרומע זיך אָפּגעלערנט נאָך עפּעס, וואָס שרעקט זייער. עס איז יידישקייט, ניט אַן אמונה פאַר זיך, נאָר אַ רעליגיעזע צוואַנג אויף אַנדערע, מיט שטעקנס, שטיינער וכדומה מיטלען. אַ מין אינקוויזיציע, חלילה. יידישקייט איז אַן אמונה — „אני מאמין". בשום אופן ניט קיין צוואַנג אויף אַנדערע.

## 4. עם עולם

א.—עולם האָט אין העברעיש צוויי טייטשן: עולם—וועלט, און עולם—אייביק. עם עולם — אייביק און אַלוועלטלעך פאָלק, אייביק און אַלע מאָל, איבער דער גאָרער וועלט איין און דאָס זעלביקע פאָלק.. את חטאי אני מזכיר: געווען צייטן וואָס איך האָב באמונה שלמה געגלייבט אין דעם. געווען אין ווילנע, ניט געווען דעמאָלט קיין הערשנדיקע קולטור. אַלע פעלקער, אַלע קולטורן — גלייכע יחסנים. געקומען פון רוסלאַנד, נאָך געווען שטאַרק דער גלויבן אין דער פאָלקישער גלייכבאַרעכטיקונג. תלמידים פון גאַנץ פוילן (לערער־סעמינאַר), געסט פון אַמעריקע, פון אומעטום. אַלעמען פאַרבינדט דאָס לשון יידיש. גרינג געווען צו גלייבן אין יידישער אַלוועלטלעכער אייביקייט... און מען האָט געגלייבט באמונה שלימה— מיטן גאַנצן האַרצן... אשרי המאמין! האָבן גוים דעם גלויבן חרוב געמאַכט... ווייטער געלאָפן.



ב.—לעב איך צווישן יידן, האָבן די יידן אָבער מיט אייגענעם ווילן פילפאַך פאַרגרעסערט איבער זיך די הערשאַפט פון דער הערשנדיקער קולטור; פילפאַך פאַרמינערט זיך און די אייגענע קולטור. האָט אַ גאַנץ פאָלק פריידיק גענומען זיך פוצן מיט פרעמדער קולטור, ווי יענע דינסטמיידל וואָס איז גליקלעך ווען די באַלעבאָסטע דערלויבט איר זיך אויסצופוצן אין אירע בגדים... ווו איז איצט דער גלויבן און ווי קען זיין דער גלויבן אין עם עולם? אין יידישער אייביקער אַלוועלטלעכקייט?

ג.—ווי איז אָבער דער גלויבן געקומען? ווי איז ער אויסגעוואַקסן? וועלן מיר גיין כסדר. אין תנך און אין תנך־צייט איז יידישקייט געווען פאַרבונדן נאָר מיט לאַנד און מיט מאַטעריעלע הייליקייטן. לאַנד פאַרלוירן איז אויך פאָלק פאַרלוירן.

ד.—האָט דער תלמוד אין זיין תקופה ביסלעכווייז געשאַפן דעם עם־עולם. אומאָפּהענגיק פון לאַנד; אומעטום, אין דער גאָרער וועלט קען מען זיין, דאַרף מען זיין יידן; האָט דאָס דער תלמוד געהייסן אַבראַהמן צעברעכן אַלע מאַטעריעלע געטער; דעם פאַרהייליקטן ארון הברית — באַשטאַט, קיינער זאָל ניט וויסן ווו און ווען. איז הר סיני „נסתלקה קדושתו" — ניט מער הייליק, איז יעדער ייד וואָס שאַפט אין יידישקייט אַ „סיני ועוקר הרים" — ער רייסט אויס די הייליקייט פון טויטע שטיינערנע בערג, דאַרף מער אליהו ניט לויפן צו אַ געטלעכן באַרג ווייט פון יידן. ער קומט לכתחילה נאָר צו יידן.

ארץ ישראל גופא איז הייליק ווייל יידן האָבן עס הייליק געמאַכט. רופט אָן די גמרא: „קדושה ראשונה בימי יהושע, קדושה שניה בימי עזרא" און מיט די זעלביקע רעכט גיבן מיר צו קדושה שלישית בימי טרומפּלדור און בימי גאָלדע.

הייליק קען זיין יעדעס אָרט, אפילו „רחובה של עיר" ווו יידן פראַווען יידישקייט. הייליקייט איז יידישקייט און יידישקייט איז ניט פון גאָט, נאָר די געטלעכקייט פון פאָלק. ניטאָ אין תלמוד סתם מצוות — אַזוי הייסט גאָט, נאָר עס זיינען דאָ הלכות — דער גאַנג, דער שטייגער פון יידן אין יעדער תקופה, דער גאַנג פון יידן. די הלכה איז געטלעך, גאָט אַליין זיצט און לערנט די הלכות פון יידישקייט. מען טאָר ניט זוכן די הלכה אין ספרים, מען דאַרף זיי זוכן ביים לעבעדיקן פאָלק, אויב נאָר עס איז ניט קיין „דרכי אמורי", קיין עבודה זרה. און דער סימן פון יידישקייט איז תמיד המשך און הבדלה — המשך פון פריערדיקער יידישקייט און הבדלה פון אַלץ וואָס עס איז ניט יידיש.

ה.—ווער קען און ווער מעג עס וועגן און מעסטן וואָס איז אייגן און וואָס איז פרעמדס? — דאָס איז די אויפגאָב און דער זכות פון די „רבנן" — די אייגענע געלערנטע וואָס האָבן זיך ניט צופיל אַריינגעטאָן אין די ספרים חיצוניים, אין די פרעמדע דרכים.

ו.—וואָס איז דער באַזיס פון יידישקייט? דער באָדן וואָס פון אים וואַקסט אַלץ? דאָס איז דער יידישער שטייגער, אויף וויפל ער איז יידיש, ניט קיין עבודה זרה. כל זמן עס איז דאָ אַ שיכט יידן וואָס היטן דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער, איז דער קיום האומה געזיכערט. ניט די חכמים און מלומדים זיינען די „נטורי קרתא" וואָס האַלטן אויף דעם קיום פון פאָלק, נאָר די אָפּהיטער פון יידישן טראַדיציאָנעלן שטייגער, דעם שטייגער פון יעדער תקופה.

ז.—יידישקייט איז ניט קיין רעליגיע פון קרעדאָס, ניט קיין פּרינציפּן, נאָר פירונגען, מעשים. ניט ווי דאַרף אַ ייד גלויבן, נאָר ווי ער דאַרף זיך פירן, און פירן זיך קען ער אומעטום. יידישקייט באַשטייט ניט פון אני מאמינס, נאָר פון אני נאמן, געטריי זיין. יעדער פלוני האָט פאַרשריבן די הלכה פון זיין צייט. און מיר פירן יידישקייט ווי עס איז דער

גאַנג, די הלכה פון היינט. דערפאַר האָבן חז"ל בשום אופן ניט געוואָלט פאַרשרייבן די הלכות, ווייל פאַרשרייבן האָט ביי זיי געהייסן פיקסירן אויף אייביק, און הלכות טאָרן ניט זיין פיקסירט לעולם.

ה.—קומט וועלטלעכקייט היינט ניט אָפּצולייקענען די יידישקייט פון פריער, נאָר מוסיף צו זיין וואָס עס איז געווען ביי יידן אין דער שטעטל־תקופה און עס דאַרף אַריינגעבראַכט ווערן אין דער נייער אורבאַנישער תקופה. ווי יעדער תקופה איז אויך די היינטיקע מוסיף צו יידישקייט.

## 5. יידישע שפּראַכן

א. אַ העגעמאָן שבט אַרבעט אויס אַ יידישע שפּראַך. די תנך־תקופה מיט איין שפּראַך, די תלמוד־תקופה מיט צוויי שפּראַכן — העברעיש און אַראַמיש; גלות איירופּע מיט דריי שפּראַכן — העברעיש, אַראַמיש און יידיש. די לעצטע האָט זוכה געווען צום נאָמען פון פאָלק — יידיש פאָלק און יידישע שפּראַך.

ב.—יידן האָבן גערעדט אַ סך שפּראַכן, יידישע שפּראַכן אָבער זיינען נאָר די וואָס יידן האָבן אין זיי געשאַפן אַן אייגענעם דיאַלעקט, אַן אייגענע גראַמאַטיק, אַן אַקצענט און אויסשפּראַך. יידישע שפּראַכן ווערן געשריבן מיט יידישע אותיות.

ג.—אַלע יידישע יישובים וואָס האָבן איבערגענומען שפּראַכן פון פרעמדע פעלקער ווי יענע האָבן זיי געשאַפן, מיטן פרעמדן וואָקאַבולאַר, מיט דער פרעמדער גראַמאַטיק וכדומה — אַלע די יישובים זיינען אונטערגעגאַנגען. אַזוי אַז עס איז אַ כלל: יידישע שפּראַכן זיינען נאָר די, וואָס שיידן אָפּ דאָס יידישע פאָלק פון אַנדערע. אַלע שפּראַכן וואָס באַהעפטן יידן צו אַנדערע פעלקער, זיינען פרעמדע. די פרעמדע שפּראַכן זיינען שפּראַכן פון אונטערגאַנג. שפּראַכן וואָס יידן האָבן איבערגעמאַכט זיינען צום קיום.

ד.—די אייגענע, פאַרזיכיקע שפּראַכן פון פאַרגאַנגענע תקופות זיינען געוואָרן פאַרהייליקט. אין די שפּראַכן איז דער גייסט פון פאָלק אין דער געגעבענער תקופה. דער גאַנצער לעבעדיקער גייסט פון לעבעדיקן איצטיקן פאָלק, די גאַנצע נשמה פון פאָלק איז איצט אין דער יידישער שפּראַך, ניט אין די טייטשן פון די ווערטער, נאָר איבער זיי, ווי אין אַ פידל ניט אין די עצם טענער ווי אין די אויבערטענער און אונטערטענער, וואָס באַגלייטן די טייטשן.

ה.—יידישע שאַפונגען האָבן זיך איינגעהיט נאָר אין די דריי יידישע שפּראַכן. אַלע שאַפונגען אין פרעמדע שפּראַכן זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען סיידן זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין יידישע שפּראַכן. גאַנצע אוצרות יידישע שאַפונגען אין פרעמדע שפּראַכן ליגן באַגראָבן אין ביבליאָטעק־קברים אין די שפּראַכן גריכיש, אַראַביש, פראַנצויזיש, דייטש, רוסיש און פויליש.

ו.—אין אַלע שאַפונגען ניט אין יידיש פעלט די נשמה פון יידישן פאָלק. אַלץ איז דאָ, אָבער די פאָלקישע נשמה פעלט.

## 6. די איבערגאַנגען פון תקופה צו תקופה

א.—מיר לערנען אַ ביסל אַנדערש די ערשטע משנה פון מסכתא אָבות. מיר לערנען: משה האָט געקראָגן די יידישקייט (אָדער די תורה) פון די אָבות. יהושוע האָט אים גערירשנט און איבערגעגעבן ווייטער יידישקייט ביז צו די נביאים. זיי — צו די אנשי כנסת הגדולה. די חז"ל האָבן גערירשנט די אנשי כנסת הגדולה. די חז"ל האָבן די תורה אַריבערגעטראָגן קיין בבל. בבל האָט איבערגעגעבן יידישקייט צו אַשכנז — צו די יידישע שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע. דאָ בלייבן מיר שטיין: דאָס איז אונדזער צייט.

ב. ביי יעדער איבערגאַנג האָט דאָס יידישע פאָלק פאַרלאָרן גרויסע סכומים יידן. ביים ערשטן איבערגאַנג (פון לאַנד צום גלות) איז עס געווען שומרון — די מערהייט פון יידישן פאָלק. ביים צווייטן איבערגאַנג אין גלות אַריין זיינען עס געווען די צדוקים און מינים, קאַראַימער, דער גאַנצער יישוב אין ארץ ישראל, וואָס איז אויך נאָכן חורבן געווען אַ מערהייט.

ג.—ביים איצטיקן איבערגאַנג פון שטעטל צום אורבאַניזם האַלטן מיר אין פאַרלירן גוואַלדיק גרויסע סכומים יידן (אַחוץ דער דייטשישער שחיטה): ניטאָ קיין נאַטירלעכע פאַרמערונג, וואָס האָט אין פאַריקן יאָרהונדערט פירפאַכיק פאַר־



מערט דאָס יידישע פאָלק; די צאָלן יידן אין אַלע יישובים פאַרמינערן זיך. די פאַקטאָרן זיינען פאַרשיידענע.

ג.—ביים איצטיקן איבערגאַנג ענדערט זיך דער פּרצוף און אויך דער אינהאַלט פון יידישקייט. וואָס בכתב — דאָס פאַרשריבענע—בלייבט ניט פאַרענדערט, אָבער אין לעבן האַלט זיך יידישקייט אין ענדערן. משהס יידישקייט—הגם גערירשנט, דאָך אַנדערש , ניט ווי אברהמס; עזראס יידישקייט — ווייט ניט ווי משהס (די גמרא רופט עס אָן „תקנות עזרא"). די תורה מדרבנן איז גוואַלדיק אַנדערש פון דער תורת משה. די גמרא דערציילט אַז משה פאַרשטייט גאָר ניט וואָס רבי עקיבא לערנט. יידישקייט גייט טאַקע איבער בירושה פון איין תקופה אין דער צווייטער אַריין. אָבער צוויי טיפּן ירושה זיינען פאַראַן: צירונג ווערט ניט געענדערט. דאָס איז טויטע ירושה. לעבעדיקע ירושה, ווי קאַפּיטאַלן אין דער אַרבעט האַלטן כסדר אין ענדערן זיך.

ביי אונדז גייט עס פון אייביק אָן אַ מחלוקת ווי מען דאַרף האַלטן די תורה־ירושה—צי ווי אַ צירונג, ניט געענדערט, אָדער ווי אַ לעבעדיקער מאַטעריאַל וואָס האַלט זיך כסדר אין ענדערן, אין וואַקסן און פאַרמערן זיך. דאָס יידישע פאָלק פון היינט שטאַמט אין גאַנצן פון די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז יידישקייט מוז וואַקסן און זיך ענדערן.

## 7. גאָט-באַגריפן ביי יידן

אַ גרויסע אַנטוויקלונג האָבן דורכגעמאַכט די יידישע גאָט־באַגריפן, ממש צום באַוווּנדערן. און דאָס — הגם יידן האָבן בדרך כלל אויסגעמיטן צו ריידן, צו שרייבן, צו דיסקוטירן וועגן דעם.

א.—אין די ערשטע פּרשות פון חומש דערציילט זיך, אַז גאָטס גייסט שוועבט איבער די וואַסערן. שוועבן הייסט באַוועגן זיך אויף איין אָרט. דאָס ציטערן פון דעם וואַסער־אויבערפלאַך — דאָס איז גאָטס גייסט. גייסט און ווינט האָבן אין העברעיש איין און דאָס זעלביקע וואָרט — רוח. גאָטס גייסט און ווינט זיינען די זעלביקע דערשיינונגען. פאַר לופט האָבן יידן בכלל ניט געהאַט קיין וואָרט. ערשט שפּעטער, אין דער תלמוד־צייט איבערגענומען פון די גריכן זייער וואָרט אויך.

אָדם און חוה האָבן דערהערט גאָטס שטים, אַז ער גייט אַרום אין גאָרטן, האָבן זיי זיך באַהאַלטן פון גאָט. דער אויסדרוק אין חומש: „מתהלך לרוח היום — איז, ווי ער גייט זיך אַרום, ער שפּאַצירט אין דער קילקייט פון טאָג. האָבן זיי זיך באַהאַלטן. זוכט זיי גאָט און ער פרעגט: ווו ביסטו?—אַ ריין מענטשלעכער שמועס. אַזוי רעדט גאָט מיט אַנדערע מענטשן אויך, דירעקט געשמועסט, ווי עס ריידן מענטשן. אַלע מצוות האָט גאָט דירעקט אָנגעזאָגט, געהייסן. משה רעדט און גאָט ענטפערט אים מיט אַ שטים (בקול). אַלע הערן גאָטס שטים. גאָט רעדט צו משהן אין ברענענדיקן דאָרן. משה באַהאַלט זיין פּנים, ווייל ער האָט מורא צו זען גאָט. משה באַווייזט פרעהן איבערנאַטירלעכע זאַכן, ווי אַ סימן פון גאָטס וווּנדער. גאָט רעדט מיט משהן „פּנים אל פּנים", ווי מען רעדט צו אַ מענטשן. (שמות לב). משה פאַרלאַנגט אַז גאָט זאָל מיטגיין מיט די יידן. און אַז ער גייט ניט מיט, קען אויסקומען אַז די יידן זאָלן קומען אין אַן אָרט ווו גאָט איז ניטאָ... משה זעט דעם רוקן פון גאָט, דעם פּנים קען אַ מענטש ניט זען. (שמות לג).

די גאַנצע צייט אין מדבר ווערט דער אָרון פון גאָט מיטגעטראָגן. מען נעמט אים אויך שפּעטער מיט אויף מלחמות. און אין אָרון זיינען מאַטעריעלע הייליקייטן. שלמה ברענגט דעם אָרון אין בית המקדש אַריין. הגם די טויערן פאַרמאַכן זיך און ווילן אים ניט אַריינלאָזן. (שבת ל', א'). ערשט ביים סוף פון בית ראשון ווערט דער אָרון באַהאַלטן קיינער זאָל ניט וויסן ווו. אָבער וועגן דעם דערציילט שוין די גמרא, ניט דער תנ"ך.

ב.—פאַראַן הייליקע ערטער, ווי גאָט וואָלט דאָרט געווען שטענדיק. אויף אַזאַ אָרט רעדט גאָט צו משהן. אליהו לויפט אַזש אין מדבר צום „הר אלהים". דאָרט רעדט מיט אים גאָט. דאָרטן איז גאָט, ניט צווישן יידן. שפּעטער, אין דער צייט פון די נביאים רעדט שוין ניט גאָט צו מענטשן סתם, בלויז די נביאים קענען וויסן גאָטס באַגערן און גאָטס ווילן.

ג.—אין תלמוד איז עס אַוועק אַ סך ווייטער. דער ערשטער ייד קריגט אַ האַק אין האַנט און ער צעברעכט אַלע געצן פון זיין טאַטן. נישטאָ מער קיין מאַטעריעלע הייליקייטן! שוין ער ווערט געוואָרפן אין קאַלכאויוון. אַ סימן פאַר זיינע קינדער, וואָס ניט איין מאָל וועט זיי אויסקומען געוואָרפן צו ווערן אין קאַלכאויוונס פאַר זייער יידישקייט. ניטאָ אין תלמוד קיין דירעקטע שמועסן פון גאָט מיט מענטשן. דאָס וואָס עס שטייט, אַז גאָט ענטפערט משהן „בקול", גיט דאָ צו די גמרא: „בקולו של משה" (ברכות מה, א').

אין תנ"ך גיט גאָט אַ פאַרטיקע תורה. אין גמרא ווערט אָבער דערציילט, אַז גאָט זיצט און לערנט תורה. און נאָך מער—עס איז אויך אויפן הימל פאַראַן אַ ישיבה של מעלה. דאָרטן לערנט גאָט די יידישע תורה צוזאַמען מיט די חכמי ישראל און מען דיסקוטירט מיטן רבונו של עולם וועגן טמא און טהור און מען שיקט פרעגן. וועמען פרעגט מען? ניט גאָט איז דער פוסק אחרון, נאָר אַ בשר ודם, אַ מענטש. (בבא מציעא פו, א'). און גאָט פאָלגט גערן ווי עס שטייט אין דער תורה! חז"ל דערלויבן זיך צו שטעלן קעגן בפירושע רייד פון אַ בת־קול, ווייל אין דער תורה שטייט אַנדערש. (בבא מציעא נט, ב') און גאָט איז צופרידן, וואָס „די קינדער האָבן מיך באַקעמפט". די תורה איז שטאַרקער פון גאָט, און די תורה איז ניט קיין פאַרטיקע, נאָר זי ווערט געשאַפן כסדר ווידער און ווידער.

ד.—חז"ל זיינען אין כעס אויף ישעיה הנביא: ווי האָט ער געזאָגט „איך האָב געזען גאָט" (ישעיה ו'), בעת משה האָט געזאָגט, אַז אַ מענטש קען ניט זען גאָט? אָבער נאָך מער זיינען זיי געווען אין כעס אויף אים פאַר זיין זאָגן: „בתוך עם טמא שפתיים אנכי יושב"—צווישן אַ פאָלק מיט אומריינע ליפן זיץ איך (ישעיה ו' 5). אַזאַ באַליידיקונג פון יידישן פאָלק האָבן חז"ל ניט געקענט מוחל זיין. דערציילט די תלמודישע אַגדה, אַז מנשה המלך האָט טאַקע געהרגעט דעם נביא, צעזעגט דעם בוים ווו ער האָט זיך באַהאַלטן. און די נשמה איז אים אַרויס ווען די זעג האָט דערגרייכט צו די ליפן (יבמות מט).

ה.—אינטערעסאַנט איז דער נאָמען פון גאָט. אין תנ"ך פיגורירט כסדר אַ „פריוואַטער" נאָמען פון יידישן גאָט. כמוש איז דער נאָמען פון גאָט פון מואָב, און י־ה־ו־ה איז דער נאָמען פון יידישן גאָט. פעלקער מיט געטער און געטער מיט זייערע נעמען. ניטאָ דאָס אין תלמוד. דער יידישער גאָט איז דער „מלך העולם". איינער און ער דאַרף בכן ניט קיין פריוואַטן נאָמען. דערפאַר פיגורירט ניט כמעט דער תנכישער נאָמען פון גאָט. אין תלמוד פיגורירט אַ נאָמען „המקום" — געמיינט, דער אומענדלעכער חלל פון קאָסמאָס: „הוא מקומו של עולם ואין העולם מקומו". פאַראַן אויך „אין סוף ברוך הוא". נאָך אייגנשאַפטן פון גאָט: הרחמן, הטוב ומטיב, הקדוש ברוך הוא, רבש"ע, וכדומה. אַלץ אייגנשאַפטן פון גאָט. אין זעלביקן גייסט איז אויך איצט אין יידיש פאַראַן: „די הענט ניט געוואַשן." יידן זאָגן: אָך, ווען די הענט ניט געוואַשן זאָלן מיר העלפן... מען מיידט אויס דעם נאָמען פון גאָט, און ווי עס טרעפט זיך אין דאַוונען י־ה־ו־ה ווערט דער נאָמען געלייענט אַנדערש, ניט ווי עס שטייט.

ו.—וויכטיק איז פאַר אונדז דאָ אָנצומערקן, אַז די תורה איז העכער, וויכטיקער פון גאָט. אפילו די וועלט באַשאַפט גאָט לויט דער תורה — „מביט בתורה ובורא את העולם"— גאָט קוקט אין דער תורה און באַשאַפט די וועלט, ווי אַ בויער וואָס בויט לויט פאַרטיקע פּלענער.

בכלל זאָגן חז"ל אין נאָמען פון גאָט: „הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו"— הלוואי זאָלן זיי מיך פאַרלאָזן און מיין תורה געהיט" (אַ ירושלמי). אין איינקלאַנג דערמיט ווערט אין תלמוד אַזוי ווייניק גערעדט וועגן די אייגנשאַפטן פון גאָט, אַ סך ווייניקער ווי וועגן אַ קליינעם מנהג.

ז.—מיר דאַכט זיך אָבער אַז אין גלות אייראָפּע זיינען ביי יידן די גאָט־באַגריפן געוואָרן מאַטעריעלער, אפשר אונטער דער השפעה פון אַנדערע רעליגיעס. בכל אופן ווייס איך ניט פון אַן אַנטוויקלונג אין די גאָט־באַגריפן.



## 8. דער איבערגאַנג פון שטעטל צו אורבאַניזם

א.—דער נייער, איצטיקער איבערגאַנג פון שטעטל צו אורבאַניזם דראָט מיט די גרעסטע סכנות, גרעסער ווי אַלע מאָל.

ב.—ניטאָ איצט קיין שיכט עם־ארצים, וואָס זאָל זיין געטריי דער פאָלקישער טראַדיציע און אויפפיר. עס פעלט, הייסט עס, דער באָדן פון יידישקייט. אָן דעם טראַדיציע־געטרייען שיכט איז עס גאַנץ מעגלעך אַז מיר שטייען אויפן וועג פון אויסגיין, ווי אַ סך יישובים זיינען אויסגעגאַנגען אָן דער בלוטיקער האַנט פון שונאים.

ג.—דורכן גאַנצן גלות האָט דאָס יידישע פאָלק געהאַט אַ קיום אַ דאַנק דעם שטעטל. די סימנים מובהקים פון שטעטל זיינען: דאָס שטעטל איז געווען דורכויס יידיש און נאָר יידיש, הונדערט פראָצענט יידיש. איין איינציקער הערשנדיקער שטייגער איז געווען — דער יידישער. קיין צווייטער שטייגער, קיין צווייטע קולטור איז ניט געווען אין שטעטל. פויערים — אין דערפער, פריצים — אין הייפן און יידן — אין שטעטלעך. דריי פאַרשיידענע שטייגערס, דריי פאַרשיידענע קולטורן, דריי ווייטע קולטורן, הגם אַזוי נאָענט אין שטח. דריי סאָציאַלע קלאַסן, און איינער האָט זיך ניט געמישט מיטן צווייטן. קיין שום אַסימילאַציע איז אין שטעטל אייגנטלעך ניט געווען מעגלעך, ניט מיט פויערים און ניט מיט פריצים. במילא איז דאָס שטעטל געווען פאַר זיך, אויטאָנאָם. איז יעדער שטעטל געווען אַן איינס פון דער יידישער פאָלקישער אויטאָנאָמיע. דער פּאָליטישער גלות האָט נאָך מער פאַרבונדן דעם יידישן יחיד מיט דעם שטעטל, מיט דער אויטאָנאָמער יידישער קולטור.

ד.—אַלע יידן האָבן געהערט צו איין און דעם זעלביקן קלאַס. געלעבט האָט מען ניט צווישן דעם הערשנדיקן פאָלק מיט זיין קולטור, נאָר צווישן סובאָרדינירטע פעלקער מיט זייער סובאָרדינירטער קולטור. יידן אין די שטעט אויסערן תחום האָבן זיך אַסימילירט ניט ווייניקער ווי די יידן אין מערב־אייראָפּע. אַלץ וואָס מיר שרייבן דאָ וועגן יידישע שטעטלעך, איז שייך נאָר די יידן פון תחום המושב, ווו יידן האָבן געמעגט וווינען. דאָס יידנטום אין די שטעטלעך אין תחום — דאָס איז געווען דאָס שעפערישע בויערישע יידישע פאָלק.

ה.—יעדער יידישער יחיד איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט אין איין מאָניסטישער קולטור. און אין דער זעלביקער איז ער פאַרבליבן שוין אַ גאַנץ לעבן. ניט געווען אין שטעטל קיין איינצייטיק לעבן אין צוויי קולטורן. דער ביקולטוריזם האָט דערווייל ניט געשאַפן קיין מאָניסטיש־גאַנצע יידישע פערזענלעכקייט. אַלע גרויסע יידן קומען טאַקע פון קליינע שטעטלעך, ווו מען איז געוואַקסן אין איין מאָניסטישער, אויטאָנאָמער, פאַרזיכיקער קולטור.

ו.—די גאַנצע יידישע קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט, הן בכתב און הן בעל פה (אין שטייגער) איז ביז היינט נאָך אַ שטעטלשע. דער מאָניסטישער שטייגער פון דעם טראַדיציע־געטרייען שיכט איז עס געווען דער פרוכטיקער באָדן וואָס האָט אַרויסגעבראַכט גאָר די קולטור אונדזערע: פון דאַנען אויך דער אינעווייניקסטער יידישער גייסט, וואָס ער איז די נשמה פון אַלץ און פון אַלעמען אין דעם שעפערישן פאָלק. אָט דער גייסט אַנטפּלעקט זיך דאָס אין אַלע קונסטן און אין ליטעראַטור. ער אַנטפּלעקט זיך, אָבער ער שעפּט זיך דאָך ניט אויס. ער איז דער „מקור חיים" פון יעדער פאָלק. אין ביקולטוריזם האָט זיך ניט געשאַפן אָט דער פאָלקישער שעפערישער גייסט.

ז.—גרעסערע יידישע שטעט זיינען געווען אייגנטלעך צונויפגעשטעלט פון עטלעכע באַזונדערע קהילות־שטעטלעך (ווילנע — אַ זיבן־אַכט פאַרזיכיקע קהילות און איטלעכע האָט געהאַט יידן פון אַ באַזונדערן טיפּ). און דאָך זיינען דאָס רוב „ווילנער" גדולי ישראל געווען אַריינגעקומען פון שטעטלעך, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט זייער קינדהייט.

ח.—אין די שטעט אין אייראָפּע האָבן יידן טאַקע לכתחילה געבויט פאַר זיך פאַרזיכיקע ראַיאָנען, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן געטאָס און געליטן פון גויישער רציחה און סאַדיזם. אַנדערע פעלקער באַמיען זיך אויך איצט צו לעבן צוזאַמען, אין מער־ווייניקער פאַרזיכיקע שטעט־ראַיאָנען. יידן טוען עס ניט דער־

ווייל און אין דעם איז די סכנה פון אויסגיין.

ט.—פאַרזיכיקע שטעטלעך אין אַלגעמיינע שטעט — דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער אידעאַל און שטרעבונג פון דעם טעריטאָריאַליזם, וואָס האָט זיך אַליין פאַרגעסן.

י.—די שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע האָבן אויך פאַרמערט דאָס יידישע פאָלק אין איין יאָרהונדערט פירפאַכיק, פון פיר מיליאָן ביז 17 מיליאָן ערב היטלער.

זיי האָבן דאָס אויך אויפגעבויט אַלע נייע יישובים און אויך די מדינת ישראל.

יא.—מיט דעם אונטערגאַנג פון שטעטל גייט דערווייל אונטער די גאַנצע יידישע קולטור. אין דעם שטאָטישן ביקולטוריזם איז נאָך ניט געבוירן און אויסגעוואַקסן קיין איין יידישער שרייבער. ניטאָ קיין יידישער שטייגער, ניטאָ קיין עם־ארצים־שיכט געטריי צום שטייגער איז אויך ניטאָ קיין פרוכט פון דעם שטייגער־באָדן. ניטאָ קיין קולטור שבעל פה (שבשטייגער) איז אויך ניטאָ פון וואָס עס זאָל קומען אַ בכתב־קולטור. און אַלע נייע יישובים (אַחוץ דער מדינה) האָבן זיך געשטעלט אויפן וועג פון אויסגיין.

יב.—צי וועט קענען די מדינה האָבן אַ קיום אָן די גלותן?

## 9. פסיידאָ-אַסימילאַציע

א.—די סכנה וואָס דראָט איצט דעם יידישן פאָלק אין אַלע גלותן איז אייגנטלעך ניט אַסימילאַציע, נאָר עפּעס ערגערס. דאָס וואָרט אַסימילאַציע איז אַ באַגריף אַ פיזיאָלאָגישער. אָרגאַניזמען נעמען אַריין פרעמדע שטאָפן, צעלייגן זיי און זיי בויען פון דעם זייער אָרגאַניזם, זייער בלוט און פלייש. אַסימילאַציע פון יידן וואָלט געווען ווען די יידן זאָלן אין גאַנצן פאַרלירן זייערע פיזישע און ביאָלאָגישע אייגנשאַפטן, אויסיידישן זיך גייסטיק, קולטורעל, אַנאַטאָמיש, עטניש און זיך אַריינוועבן אין דעם פאָלקישן אָרגאַניזם פונעם אַסימילירנדיקן פאָלק. דאָס איבערנעמען די שפּראַך, די סימפּאַטיע־געפילן, אָננעמען די שריפט־קולטור איז לגמרי ניט גענוג אַסימילירט צו ווערן. קיין פאָלק קען גאָר ניט „פאַרדייען" קיין צו גרויסע סכומים יידן. די קולטורעלע און שפּראַכלעכע אויסיידישונג איז טאַקע יאָ דאָ, אָבער דאָס אָרגאַנישע פאַרדייט ווערן אין דעם צווייטן פאָלק איז ניטאָ. עס קענען זיך אַסימילירן קליינע סכומים יידן אין גרויסע סכומים הערשנדיקן פאָלק. אַזוי זיינען אויסגעגאַנגען אַ סך יידישע יישובים, עס קענען אָבער אַזוי זיך ניט אַסימילירן גרעסערע יידישע יישובים.

וואָס־זשע ווערט מיט די אויסגעיידישטע יידן, וואָס זייער אַסימילאַציע אין הערשנדיקע פעלקער איז ניט דערגאַנגען ביזן סוף? כדי דאָס קלאָר צו מאַכן, דאַרפן מיר עפּעס לערנען פון אַנדערע אָרגאַניזמען.

ב.—פעלקער ביי מענטשן זיינען דאָס זעלביקע וואָס ביי בהמות און געוויקסן זיינען סאָרטן. ווילדע וואַלד־עפּלעך זיינען אַלע די זעלביקע. אַזוי מיט אַלע ווילדע געוויקסן. די קולטור אַנטוויקלט סאָרטן. וואָס עלטער אַ קולטור, אַלץ מער סאָרטן. ווייץ־סאָרטן קנאַפּע טויזנט (פּראָפ' וואַווילאָו), וויינטרויבן, פערד און הינט. אָן אַ סוף. מענטשן זיינען די עלטסטע קולטור. איז עס ניט קיין וואונדער, וואָס עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל סאָרטן מענטשן, אַזוי פיל פעלקער.

ג.—איז אָבער מעגלעך דען צו בייטן דעם סאָרט ביי אַ חיה אָדער ביי אַ געוויקס? קען מען פון איין סאָרט קו מאַכן אַ צווייטן סאָרט. פון אַ רייטפערד מאַכן אַ משא־פערד? דאָס איז ניט מעגלעך. אָבער—

ד.—קולטור־געוויקסן און בעלי־חיים וואָס בלייבן אָן השגחה עטלעכע דורות ווערן צוריק „פאַרווילדעט". זיי קערן זיך אום צו זייער נאַטור, צום ווילדן צושטאַנד; זיי פאַרלירן אַלע אייגנשאַפטן וואָס די קולטור האָט זיי געגעבן און זיי ווערן צוריק ווי זייער אורטיפּ איז געווען. אויסגעיידישטע יידן פאַרלירן טאַקע אַלע אייגנשאַפטן פון קולטור־יידן — שפּראַך, דענקען, געפילן, גייסט — דאָס פאַרלירט מען טאַקע, אָבער די עטנישע, אַנטראָפּישע אייגנשאַפטן — זיי בלייבן. יידן וואָס האָבן איבערגענומען די גאַנצע רוסישע קולטור שבכתב, די שריפט־קולטור, זיינען נאָך ווייט ניט קיין פולע רוסן; און רוסן אַנאַלפאַבעטן זיינען יאָ רוסן.



יענע פאַרמאָגן די רוסישקייט שבעל פה, דעם גייסט, און די אַנטראָפּישע אייגנשאַפטן. אַ סך כלומרשט־אַסימילירטע יידן זיינען פון טרינקען בראָנפן ווי די עכטע רוסן גאָר פאַרברענט געוואָרן פון דעם בראָנפן.

איז די כלומרשטע אַסימילאַציע ניט קיין עכטע, נאָר אַ פאַרווילדונג. פון דער געגאַרטער קולטור נעמט מען איבער די קולטור שבכתב, אָבער ניט די אייגנשאַפטן וואָס אין עטנישן און אין אַנטראָפּישן כאַראַקטער פון דעם געגאַרטן פאָלק. דווקא אָט די שפּילן עס די ראָל אין אמתער, עכטער אַסימילאַציע. אַ סך ניקאָלייעווער סאָלדאַטן האָבן אויסגעהאַלטן דעם גאַנצן גיהנום און דאָך געבליבן יידן! אַזוי פול אַסימילירן זיך קענען בלויז קליינע סכומים יידן, דאָס איז „אויסגיין". גרויסע יידישע מינדערהייטן, ווי אין אַמעריקאַנער שטעט, אַסימילירן זיך ניט. זיי ווערן „דעקולטוריזירט". זיי זיינען אַנטראָפּישע יידן, אָן יידישער קולטור. זיי זיינען „פאַרווילדעטע" יידן, ניט קיין אַסימילירטע גוים.

ה.—דעקולטוריזירטע יידן זיינען ווייט ניט קיין עכטע „אַמעריקאַנער". זיי זיינען אויסגעיידישטע יידן, פאַרווילדעטע, אָבער דאָך נאָך ווייט ניט ריכטיקע, עכטע אַסימילירטע אין דעם געגאַרטן פאָלק אַריין. מיט אַנדערע ווערטער: אַסימילאַציע קען זיין נאָר דורך אייננעמען די קולטור שבעל פה, די אַנטראָפּישע אייגנשאַפטן. דאָס בייטן די קולטור שבכתב איז „פסיידאָ־אַסימילאַציע", דעקולטוריזאַציע אָדער פשוט ריין פאַרווילדונג, אָבער ניט קיין עכטע אַסימילאַציע.

ו.—די דעקולטוריזאַציע פון יידן קומט פאָר אין אַלע יישובים, ווו יונגע יידן לעבן און וואַקסן אין צוויי קולטורן איינצייטיק.

ז.—די „כנעניזאַציע" פון יידישער יוגנט אין ארץ ישראל איז איינע פון די פאָרמען פון דעקולטוריזאַציע. קולטור קען זיין נאָר אין פאָלקישע פורעמס.

ח.—אַלע קונסט־שאַפונגען וואָס אויסגעיידישטע יידן שאַפן אין די אַדאָפּטירטע שפּראַכן ווערן אין גאַנצן פאַרלאָרן. זיי ווערן ניט אַריינגענומען אין די אוצרות פון דער אָרגאַנישער קולטור פון די פעלקער. איך ווייס אפילו ניט צי דער נאָבעל פּרייז וועט העלפן באָריס פּאַסטערנאַקן, זיין געפּרייזטער „ד"ר זשיוואַגאָ" זאָל אַריינגיין אין דער אָרגאַנישער רוסישער ליטעראַטור. אַלע יידישע שרייבערס וואָס האָבן געשריבן רוסיש פאַר יידן, זיינען אַלע פאַרגעסן, הגם צווישן זיי זיינען געווען פּרודוקטיקע און טאַלאַנטירטע (למשל איליאַ אָרשאַנסקי און ל. א. לעוואַנדע). די וואָס האָבן געשריבן פאַר רוסן זיינען געוויס פאַרגעסן. ש. פרוג, וואָס האָט אַזוי שטאָלצירט מיט זיינע לידער, וואָס דער משומד פ. מאַרקס האָט אַריינגענומען אין זיין „ביוואַ", איז פאַרגעסן, געבליבן איז ער ביי יידן מיט זיינע יידישע לידער. דער זעלביקער גורל וואַרט אויך אויף די יידישע שרייבערס אין ענגליש.

ט.—עס קלאָגן זיך שוין איצט די פאַרלעגער פון יידישע ביכער אין ענגליש אויף דעם שוואַכן פאַרקויף. און ער מוז כסדר פאַלן, ווייל אויסגעיידישטע יידן ווילן גאָר ניט לייענען אַזוינע ווערק. מיליאָנען ענגליש־ריידנדיקע יידן דאַרפן ניט און ווילן ניט קיין יידישע צייטונג אין ענגליש.

י.—דער כלל איז: אויסגעיידישטע יידן דערווייטערן זיך ניט בלויז פון יידיש לשון — פון יידישן פאָלק דערווייטערט מען זיך בכלל.

## 10. צו דער פסיכיק פון די דעקולטיווירטע יידן

צו יידן און צו יידישקייט איז מען געשטימט אַנטיסעמיטיש — מיט ביטול, מיט שינאה. בכלל איז דער אַנטיסעמיטיזם ביי זיי אַ פּאַסיווער. אין זעלטענע פאַלן דערגייט ער ביז אַקטיווקייט. צו די געגאַרטע פעלקער קוקט מען פון אונטן אַרויף. מען איז קנעכטיש, נאָכמאַכעריש, זייער שפּראַך, זייערע נעמען, ווי אַ געבאָרענע דינסט וואָס פּוצט זיך ווי איר באַלעבאָסטע.

ב.—די אויסגעיידישטע יידן, וואָס צוליב פרנסה פאַרנעמען זיי זיך מיט יידישקייט, מעסטן אַלץ מיט אַ פרעמדער ניט־יידישער מאָס. זיי זוכן ביי יידן דאָס פּאַראַלעלע ווי ביי גוים.

ג.—אויסגעיידישטע יידן זיינען פּאַסיווע יידן. זיי נעמען ניט קיין אַנטייל אין יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. זיי ווילן אַליין פאַרגעסן און אַנדערע זאָלן פאַרגעסן זייער יידישקייט. עס איז אַ געפיל

פון אַ יונג מיידל מיט אַ הויקער (זשאַבאָטינסקי). עס קענען זיין מיליאָנען יידן און ניט קיין יידנטום, ניט קיין ציבור.

ד.—אויסגעיידישטע יידן אין מערב־אייראָפּע האָבן יאָ געשאַפן יידישע אָרגאַניזאַציעס. זיינען דאָס אָבער געווען פאַר אויסלאַנד, ניט פאַר זיך אַליין. דער „אַליאַנס איזראַעליטאַ" פאַר צפון אַפריקאַנישע יידן, פאַר יידן אין דעם נאָענטן מזרח, אָבער ניט פאַר זיך, פאַר יידן אין פראַנקרייך. אַזוי מיט יידן אין דייטשלאַנד — דער „הילפס־פאַריין". מער צו פאַרשפּרייטן פראַנצויזיש אָדער דייטש. אָדער כדי דער עמיגראַציע־שטראָם פון מזרח־אייראָפּע זאָל פאָרן ווייטער און ניט, חלילה, בלייבן אין „זייערע" לענדער און „פאַריידישן" צופיל זייער אַסימילאַציע־גן־עדן.

ה.—צו יידישקייט קומט מען ווען מען דערשפּירט די שינאה און דאָס יאָגן וואָס מען יאָגט זיי ווי יידן. דאָס צוריקקומען איז מעגלעך ניט אַלע מאָל. עס איז גוט ווען עס איז נאָך דאָ אין זכרון עפּעס צו וואָס זיך אומצוקערן. ווען ניט בלייבט נאָר איין אויסוועג — זעלבסטמאָרד.

ו.—אויסגעיידישטע יידן פון אַ העכערן טיף לויפן נעבעך יעדן אָוונט אויף ניט־יידישע קולטור־אונטערנעמונגען: מען דאַרף דאָך זיין קולטורעל, מען דאַרף זיך אָננעמען מיט קולטור. אָבער אומזיסט, ניטאָ צו וואָס עס זאָל זיך אָרגאַניש באַהעפטן כדי צו שאַפן עפּעס גאַנצעס. קולטור קען אויפגענומען ווערן דורך פריערדיקעס. ניטאָ דער אָרגאַן דאָס אַלץ צו פאַרדייען. קולטור־מענטשן נעמען אויף פּרטים און פאַרדייען עס. דעקולטיווירטע זיינען פאַר דעם ניט פעאיק.

## 11. דער אורבאַניזם

א.—מיטן צעשטערן די באַזונדערע קלאַסן, מיטן אַריינגעמען אַלע איינוויינער אין איין קלאַס, איז אויך במילא בטל געוואָרן די יידישע אויטאָנאָמיע, דאָס יידישע שטעטל.

ב.—דער ערשטער אָנזאָג אויף אורבאַניזם איז געווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. דאָס ערשטע מאָל אין דער יידישער געשיכטע איז יעדער יידישער יחיד געשטעלט געוואָרן דירעקט קעגן גלות. ביז דער רעוואָלוציע איז דער גלות געווען פאַרן גאַנצן יידישן כלל, דער יחיד אָבער האָט געלעבט ניט אין גלות דירעקט נאָר אין דעם יידישן ציבור. ביז דער רעוואָלוציע איז דער גלות געווען אַ כלל־גלות. מיט דער רעוואָלוציע איז דער גלות געוואָרן אַ יחידים־גלות.

ג.—דאָס איז אויך קלאָר פאָרמולירט געוואָרן בעת דער רעוואָלוציע. מען האָט געפּסקנט: יידן ווי יחידים — אַלע רעכט, יידן אָבער ווי אַ פאָלק — קיינע רעכט ניט. אויס מיט יידישער פאָלקישקייט. יחידישע רעכט ניט אין די ראַמען פון פאָלקישע רעכט מיינט שטעלן דעם יחיד דירעקט אין גלות. ניטאָ מער פאַר יעדן יידן די אַלגעמיינע ראַם פון יידישן פאָלק.

ד.—אין מערב־אייראָפּע איז דער איבערגאַנג געקומען באַלד און מיט איין מאָל. אין מזרח־אייראָפּע האָבן אָבער די שטעטלעך געלעבט נאָך אַ הונדערט יאָר מער. דער אונטערגאַנג פון די שטעטלעך איז געווען אַ פּאַמעלעכער. נאָך מער — די יידישע שטעטלעך האָבן געהאַט אַן אַלגעמיינע ראַם אין פאָרעם פון דעם יידישן „תחום המושב".

ה.—אין תחום זיינען גאָר די הערשנדיקע רוסן כמעט ווי ניט געווען. געלעבט האָבן די סובאָרדינירטע פעלקער. מיט אַזוינע אַסימילירט מען זיך ניט. די מאַכט אַ רוסישע, אָבער קיין רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט איז ניט געווען. אין גאַליציע — די מאַכט פון דייטשן, אָבער די געזעלשאַפט—פון פּאָליאַקן און רוטענער. כדי זיך צו אַסימילירן האָבן יידן געדאַרפט פון גאַליציע קומען קיין ווין. אין רוסלאַנד האָט די אַסימילאַציע געדאַרפט האָבן די רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט פון „טיף ראַסיי", דאָס הייסט, פון אויסערן תחום.

ו.—דאָ אין די שטעטלעך פון תחום איז געבוירן און אויסגעוואַקסן די גאַנצע פאַרזיכיקע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, די גאַנצע מאָדערנע יידישע קולטור. דאָ און נאָר דאָ איז פאָרגעקומען די פיזישע פאַרמערונג פון יידישן פאָלק פון פיר מיליאָן ביז זיבעצן מיליאָן. פון דאַנען איז געגאַנגען דער גרויסער שטראָם עמיגראַציע, וואָס האָט געשאַפן אַלע נייע יידישע יישובים אין דער וועלט. דאָ איז



אויך געבאָרן און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן די יידישע מדינה.

ז.—אין מערב־אייראָפּע אָבער, מיטן אָנקום פון אורבאַניזם, מיטן צעשטערן די פאָלקישע ראַם פאַר די יחידים יידן, איז יידישקייט אויסגעגאַנגען. ניט שפּראַך, ניט קולטור, ניט געזעלשאַפטלעכקייט. יידן זיינען געבליבן אָן דעם אַלעם, אָן פיזישער פאַרמערונג. זיינען זיי געווען ווי יחידים פון אַן אַרט באַשעפענישן וואָס האַלטן אין אויסגיין, אין אונטערגיין.

ח.—די יידן האָבן גערן אָנגענומען די יחידישע רעכט און גערן מבטל געמאַכט די פאָלקישע ראַם פאַר די יחידים. יידן האָבן עס אָנגענומען ווי אַן אַרויסגאַנג פון דער געטאָ. יידן האָבן זיך אַזוי פיל אָנגעליטן פון גויישן סאַדיזם און רציחה אין געטאָ, האָבן זיי געמיינט, אַז צוזאַמען מיטן אונטערגאַנג פון געטאָ, וועלן זיי אויך באַפרייט ווערן פון אָט דער רציחה. האָבן יידן ניט געטראַכט לגמרי וועגן אויסברייטערן די געטאָ, וועגן אַריינפירן די גאַנצע קולטור אין די ראַמען פון געטאָ, אין די אייגענע פאָלקישע ראַמען.

ט.—האָט די געשיכטע געוויזן אַז יחידישע רעכט אָן פאָלקישע רעכט איז אונטערגאַנג פּאַמעלעך אָדער גיכער, אָבער אונטערגאַנג.

י.—יידן האָבן עס גערן אָנגענומען. זיי האָבן געגלייבט אַז מיטן מבטל מאַכן די יידישע פאָלקישע ראַמען, ווערן זיי באַפרייט פון אַלע צרות, און די יחידישע רעכט זיינען אַן „איינטריט־קאַרטע אין דער גויישער געזעלשאַפט אַריין." נאָך דעם האָבן אַזוי געבענקט מענדעלסאָן (אין זיין „ירושלים") און זיין מיטצייטלער אין רוסלאַנד (נעוואַכאָוויטש), וואָס האָט עס געמאַכט גיכער: אַליין זיך געשמדט, ניט געוואַרט אויף די קינדער.

יא.—יידן האָבן זיך געשראָקן פאַר פאָלקישע רעכט. דאָס איז געטאָ. און געטאָ איז שרעקלעך! דאָס איז געווען די השפּעה פון שרעקלעך־שווערן גלות אין אייראָפּע. ער האָט פון דער יידישער פּסיכיק אַרויסגעשלאָגן די גאַנצע זיך־אַכטונג וואָס עס האָט איינגעפּלאַנצט נאָך די פּערסישע תקופה און אויך די אויטאָנאָמיע אין בבל. האָבן יידן אין אייראָפּע פאַרלאָרן די זיך־אַכטונג. האָט מען געקענט גלייבן אין גאָט, אָבער ניט אין פאָלק.. דאָס איז געווען די פּסיכישע השפּעה פון די אונטערדריקער אויף די אונטערדריקטע.

יב.—דעם היסטאָרישן טעות וועגן פאָלקישע רעכט האָבן יידן געוואָלט פאַרריכטן אין רוסלאַנד און אין די נייע ראַנדמדינות נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. האָבן עס גוים גלייך חרוב געמאַכט בלוטיק, בין איך איינער פון יענעם דור טרוימער און בויער, וואָס איז צופעליק געבליבן, כדי צו זען דעם פולן חורבן.

יג.—האָט דער ציוניזם יאָ באַוויזן דעם אויפבוי פון פאָלקישע ראַמען. איז אָבער ביי יידן ניטאָ קיין ברכה אָן אַ קללה. איז געקומען דער שלילת הגלות און האָט פאַרפירט אויף גאָר פאַלשע וועגן, ניט אויף דעם איינציקן היסטאָריש ריכטיקן וועג פון ירושת השטעטל.

## 12. תלמוד השטעטל

א.—געקומען די צייט מקיים צו זיין לייוויקס צוואה (אין זיין לעצטער רעדע אין ירושלים): די פולע פאַראַכטונג צו דעם גלות איבער די יידן, און די פולע אַכטונג צו דעם יידישן פאָלק וואָס איז אין גלות.

ב.—דער חורבן פון פאָלקישע רעכט טאָר ניט צונעמען ביי יידן דעם גלויבן אין דעם. יידן — אַ פאָלק פון מאמינים בני מאמינים, און ניט מיט אינקוויזיציעס קענען גוים דעם גלויבן אַרויסשלאָגן. און „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות." צי איז פאַראַן אַזאַ מאמר ערגעץ געשריבן, ווייס איך ניט, נאָר אין האַרצן איז ער זיכער פאַראַן.

ג.—דער אורבאַניזם קומט דירעקט נאָך דער תקופה פון שטעטל. קען ער ירשענען נאָר דאָס שטעטל און ניט קיינע פריערדיקע תקופות; ניט בבלישע, ניט די תנכישע, ניט די כנענישע, נאָר די שטעטלשע.

ד.—ווי גייט בכלל די ירושה פון דור צו דור, פון תקופה צו תקופה? דער וועג איז אַזאַ: בראשית איז דאָ דער שטייגער. שטייגער איז פאָלק, פאָלק איז שטייגער. פון דעם שטייגער וואַקסן אַרויס קינסטלערס און דענקערס. זיי פאַרוואַנדלען די קולטור שבעל פה (פון שטייגער) אין קונסטן און ליטעראַטור. דאָס איז דער

אַרויפשטראָם פון קולטור. נאָך דעם קו־מ׳ען די פאַרשפרייטער פון קולטור און זיי פירן אַריין די קונסטן און די געדאַנ־קען פון פריערדיקן דור אין דעם לעבן פון דעם צווייטן דור. דאָס איז דער אַראָפשטראָם פון קולטור. ביידע די אָנ־געװאָפענע שטראָמען זיינען די „קולטור־צירקולאַציע״ אין לעבן פון אַ פאָלק. די קולטור־צירקולאַציע איז נייטיק דעם כלל פאָלק ניט ווייניקער ווי די בלוט־צירקולאַציע פאַרן לעבן פון אַ יחיד. און אין דעם באַשטייט די נאָרמאַלע ירושה.

ה.— דאָס שטעטל איז מזרח־איירופע האָט נאָך ווייט ניט אַרויסגעבראַכט אַלע אירע מעגלעכקייטן וואָס זיינען נאָך פאַר־באָרגן אין איר. דער גייסט פון שטעטל איז ווייט ניט אויסגעשעפּט. נאָך דאָ אַ סך וואָס צו לערנען און וואָס צו שעפּן אין דעם ניסתּר פון שטעטל. נאָך דאָ אַ סך אַרבעט פון דעם תלמוד השטעטל, פאַר ביידע שטראָמען.

ו.— תלמוד השטעטל מיינט בעיקר דעם אַרויפשטראָם פון קולטור — פון פאָלקס־לעבן אין קונסטן אַריין. דאָס איז די אויפגאָב פון קינסטלער און געלערנטע.

זיי דאַרפן דאָס פון פאָלקישן ניסתּר שאַפן דעם ניגלה וואָס קען געלערנט ווערן.

דער אַראָפשטראָם פון קולטור — פון די קונסטן צוריק אין פאָלק אַריין — דאָס איז די אויפגאָב פון די שולן און אַנדערע אונטערנעמונגען. זיי דאַרפן דאָס די קול־טור פאַרשפרייטן אין פאָלק, צווישן די וואַקסנדיקע דורות.

דאָס איז די קולטור־צירקולאַציע וואָס איז פאַרן לעבן פון אַ פאָלק ניט ווייניקער וויכטיק ווי די בלוט־צירקולאַציע אין לעבן פון אַ יחיד.

* * * * *

דאָס איז שטאַרק בקיצור די גאַנצע אידעען־וועלט פון מיינע ביכער, וואָס זיי־נען געדרוקט און נאָך ניט געדרוקט. ואידך — און אַל דאָס איבעריקע — זיל וגמור — גייט, זייט זיך מטריח און לערנט אַליין.

דער מחבר בעט בכל לשון של בקשה אַלע לייענערס שטרענג צו קריטיקירן די אַרויסגעבראַכטע געדאַנקען. אַ דאַנק!

דעם מחברס אַדרעס:

A. Golomb, 1241 N. Harper, Apt. 2
Los Angeles, Calif. 90046

---

מ. חסיד / מאָנטרעאַל

## משיחס צייטן

די הימלען האָבן קוים געקענט
זיך אָנשפּאַרן אויף גאָט —
סך־הכל זיינען עס קיין הימלען
ניט געווען.
אַ בוים האָט מיטן ווינט געפּרווט
פון זיך אַליין אַוועקצוגיין.
עס זיינען דאָך געווען משיחס צייטן.
בלויז קינדער האָבן ניט געוואָלט
זיך לאָזן ביייטן.
צו וואָס?
מיר לעבן דאָך אין נייע צייטן.
הינט האָבן אין די נעכט
ניט אויפגעהערט צו וויען —
למאַי דען זאָלן זיי ניט וויען?
עופעלעך,
בלויז הויט און ביין,
האָבן אָנגעטאָן זיך פרעמדע
ציין:
— אַ נו, איז דאָ היינט וואָס צו בייסן?
שטעט האָבן נייע שטעט
געוואָלט צערייסן
און שטיקער
איינגעשלונגען.
שטערן פון דעם אין־סוף
האָבן זיך אַרויסגעשיט
און פּלוצעם
ווילד צעזונגען.
געווען עס זיינען,
ווי איר זעט,
משיחס צייטן.
איז ווער־זשע האָט עס ניט געוווּסט
וואָס פאַר אַ ווינט פון ווינטן בלאָזט?
ווער האָט געפרעגט
וואָס שרעקט דער טאָג,
וואָס מעסט די מאָס,
וואָס וועגט די וואָג,
וואָס לאַכט די וועלט,
וואָס מאָנען ווייטן —
איז אויך מיין שיגעון אַריין
אין די משיחס צייטן?




# אַ הסתדרות
# אַנויאיטי טראַסט־קאָנטראַקט
פון דער
## ישראל הסתדרות־פונדאַציע
אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פון 8.5%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט״־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־גיינס״־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...
אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 8.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט־קאָנטראַקט.

---

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

HISTADRUT ANNUITY TRUST
of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.
7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........

Address..........

Date of Birth.......... Soc. Sec. No..........

Principal Amount $..........

Date.......... Signature of Applicant..........

דער
# אַרבעטער רינג

פּראָגרעסיווע פראַטערנאַלע
יידישע אַרבעטער און
פאָלקס-אָרגאַניזאַציע

איבער זיבעציק יאָר
אַ זייל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן
לעבן אויף אַלע שטחים און גע-
ביטן אין אַמעריקע און מעבר לים

פאַר איינצלהייטן שרייבט אָדער טעלעפאָנירט :

אַרבעטער רינג קולטור צענטער
1619 סאַוט ראָבערטסאָן בולוואַרד לאָס אַנדזשעלעס
טעלעפאָן : 276-7007




חיים בעז / ניו־יאָרק

# א. גאָלאָמב — פּיאָנער פון יידישער דערציונג

אַברהם גאָלאָמב געהערט צו די פּיאָנערן פון דער נייער יידישער שול. אין זיין רייכן און שעפערישן לעבן האָט ער אַ סך בייגעטראָגן, הן ווי אַ דערציער און הן ווי אַ שרייבער, איבער די פּראָבלעמען פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום. מיר דוכט, אַז איינע פון זיינע שעפערישע אידעען, וועלכע ער האָט פאָרמולירט אויף אַ סך אופנים, איז געווען די אידעע פון דער אינטערגאַלער יידישקייט.

אין אונדזער ביטערער און שווערער היסטאָרישער תקופה האָט אברהם גאָלאָמב שאַרפער ווי אַנדערע אַרויסגעבראַכט דעם דעם געדאַנק, אַז עס איז ניט מעגלעך פאַר אונדז קיין קיום אויף דער וועלט, אויב מיר זאָלן ניט צונויפנעמען די גייסטיקע אוצרות פון די פאַרשיידענע תקופות אין אונדזער פאָלקס־לעבן. יידישקייט, אפילו אין אונדזער מאָדערנעם נוסח, מוז שעפּן פון די אַלטע קוואַלן. מען דאַרף זען די יידישע געשיכטע און זי דורכפילן און איבערלעבן אין אַלע אירע ראַנגלענישן און גילגולים.

דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו האָט אין זיין ווערק: „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום" גערעדט וועגן דער שייכות צווישן אונדזער יידישקייט און אונדזער אויפגעבונדנקייט מיט דער מערב־אייראָפּעישער קולטור און אירע טראַדיציעס. ער האָט געוואָלט, אַז אונדזער יוגנט זאָל קומען צו די אַלמענטשלעכע אידעאַלן קודם־כל דורך אונדזער אייגענער נאַציאָנאַלער דערפאַרונג און קולטור־שטייגער. דאָס איז אָבער געווען נאָר אַן אייביק ווערק.

אברהם גאָלאָמב — אונדזער יובילאַר — האָט געשריבן פילצאָליקע ווערק און הונדערטער אַרטיקלען, אויפנעמענדיק די סאַמע עיקרדיקע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן, פון אונדזער דערציונג און בכלל, יידישער פּראָבלעמאַטיק.

* * * * *

דער גוטער גורל האָט געוואָלט אַז איך זאָל זיך טרעפן מיט דעם ליבן אברהם גאָלאָמב נאָך אין יאָר 1922 אין פוילן, אין דער שטאָט ווילנע. דער יידישער לערער־סעמינאַר האָט זיך אויף זומער אַריבערגעטראָגן אין אַ דאָרף פּושקאַרניע. די תלמידים וואָס האָבן זיך געלערנט צו ווערן יידישע לערערס אין די נייע שולן, האָבן דעם זומער געדאַרפט אַרבעטן אויף די פעלדער און גרינס־גערטענער און צוזאַמען מיט דער פיזישער אַרבעט זיך אויך לערנען נאַטור־וויסנשאַפט, געאָלאָגיע, מאַטעמאַטיק אד"גל. וואָס איז געווען די כוונה פון דעם זייער געוואַגטן פּעדאַגאָגישן עקספּערימענט? די כוונה איז געווען, אַז מיר, יונגע לערערס, ווען מיר וועלן פאַרענדיקן דעם סעמינאַר און זיך צעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון פוילן, זאָלן בויען גאָר אַן אַנדער מין יידישע שולן.

אויסער קלאַסצימערן, טאָוולען, ביכער, העפטן, האָט די שול אויך געדאַרפט פאַרמאָגן גרינס־גערטענער און וואַרשטאַטן. דער געדאַנק איז דעמאָלט געווען צו פאַרבינדן בילדונג מיט אַרבעט, צו פּראָדוקטיוויזירן די פּרנסות פון די יידן אין דער נייער רעוואָלוציאָנערער תקופה, אין וועלכער מיר טרעטן אַריין.

אַברהם גאָלאָמב איז געווען איינער פון די אָנפירנדיקע פּעדאַגאָגן אין דעם יידישן לערער־סעמינאַר. לאָמיר דערמאָנען די אַנדערע ליבע נעמען: ראָוז סימכאָוויטש, זלמן רייזען, סאָפיע מאַרקאָוונאַ גורעוויטש, אַרקאַדי קרעמער, ד"ר מאַקס ווײַנרייך.

שוין 58 יאָר זיינען אַוועק און די איבערלעבונגען פון יענער אויסטערלישער קאָלאָניע פון יונגע מענטשן, האַלב־קיבוץ און האַלב־קאָמונע, וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן. גאָלאָמב איז דעמאָלט געווען, בעיקר, פאַראינטערעסירט אין נאַטור־וויסנשאַפט, אין דערוועקן ביי דער יוגנט ליבע צו דער נאַטור, צו דער וועלט, צו וואַלד און פעלד. די סטודענטן האָבן שטודירט אַ סך און בעיקר, זעלבסטשטענדיק,

אין קליינע גרופּעס אָדער סעקציעס. מען דאַרף אויך דערמאָנען דעם אויסערגעוויינלעכן גייסט, וואָס האָט געהערשט אויף דער קאָלאָניע, אַ גייסט פון חברשאַפט, האָפענונג פון הייסן באַגער צו לערנען, פאָרשן, און שפּעטער ווערן נוצלעך דער געזעלשאַפט און דעם אייגענעם פאָלק.

וויכטיקע פערזענלעכקייטן פלעגן זיך אַראָפּכאַפּן אין פושקאַרניע צו זען דעם נס וואָס דאָ איז געשען. שלום אַש, י. אָפּאַטאָשו, קאָליאַ טעפּער. די תלמידים האָבן ניט נאָר זיך געלערנט, נאָר אויך געקאָכט קאָלעקטיוו די שפּייז, געפאַרבט די פויערשע שטיבלעך, אַכטונג געגעבן אויף דער קו און דאָס קעלבל און געפירט אַ טאָגבוך וועגן קעלבל. עס זיינען אויך געווען עופות. אברהם גאָלאָמב פלעגט דורכפירן מיט די תלמידים אָוונט־שפּאַצירן אין וואַלד. אַ גייסט פון ברודערשאַפט און נאָענטקייט איז געשאַפן געוואָרן, וואָס איז פאַרבליבן אויף תמיד.

די יונגע לערער פון ווילנער לערער־סעמינאַר זיינען שפּעטער געקומען אין וואַרשווער מעדעם־סאַנאַטאָריע, אין די פאַרשיידענע יידישע שולן פון פוילן, און אויסגענוצט די תורה, וואָס זיי האָבן געלערנט.

אברהם גאָלאָמב האָט אין דעם אַלעמען געהאַט אַ גרויסן חלק הן מיט זיין איניציאַטיוו, וויסן, איבערגעגעבנקייט און הן מיט זיין גרויסער געטריישאַפט צו דער יידישער שול.

וווּ זיינען יענע סעמינאַריסטן פון פושקאַרניע, פון ווילנער לערער־סעמינאַר? דאָס רוב פון זיי זיינען אומגעקומען אין די געטאָס צוזאַמען מיטן יידישן קינד אין פוילן. געציילטע זיינען פאַרבליבן, קוים איבערצוציילן אויף די פינגער פון איין האַנט.

ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזען דער יום־טוב, ווען ניט דער וועלטשטורעם וואָס האָט אַזוי פיל חרוב געמאַכט, וואָס האָט אונדזער לעבן פאַרוויסט. זאָל דער צייכן פון פושקאַרניע זיין אַ ליכטיקע דערמאָנונג פון איינעם וואָס האָט אין עלטער פון 17 יאָר געלעבט אונטער אברהם גאָלאָמבס השפעה במשך פון בלויז אַ גאָר קורצער צייט.

* * * * *

די איצטיקע דערמאָנונג פאָדערט פון מיר אָבער נאָך צוויי עפּיזאָדן צו פאַרצייכענען. צוליב וואָס איז עס בייטיק? אפשר כדי פעסטצושטעלן, אַז אפילו די סאַמע איבערגעגעבנסטע באַמיאונגען פון דערציער קענען אין תוך ניט בייקומען יענע יסודות וואָס זיינען פאַרלייגט געוואָרן אין דער נשמה פון איינצלנע מענטשן.

הגם מיין סעקציע אין פושקאַרניע האָט זיך פאַרנומען מיט וואַסער־ביאָלאָגיע און איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ גאַנצן זומער בעיקר מיט איינשטעלן אַן אַקוואַריום צו אָבסערווירן וואַסער־שפּינען, פישעלעך, זשאַבעס און דאָס גלייכן, איז אָבער איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין מיין לעבן יענעם זומער געווען אַ דערשיינונג פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער.

פון אַמעריקע איז אָנגעקומען אַ קאַסטן יידישע ביכער. דאָרט האָט זיך געפונען ממש אַן אוצר — די שריפטן פון די „יונגע" מאַני לייב, ה. לייוויק, דוד איגנאַטאָוו און אויך דער ראָמאַן פון שלום אַש „קידוש השם" און י. אָפּאַטאָשוס „אין די פוילישע וועלדער". זינט דעם טאָג ווען דער גרויסער אוצר איז אָנגעקומען, איז מיין קאָפּ געווען אַריינגעטאָן אין די וווּנדערלעכע ביכער וואָס איך האָב פּלוצלונג אַנטדעקט.

אין די יאָרן פון מלחמה איז ווילנע געווען אָפּגעריסן פון דער גרויסער וועלט און איצט האָבן מיר אויסגעפונען, אַז עס איז אויפגעקומען אַ גאָר נייע ליטעראַטור מיט וווּנדערלעכע טאַלאַנטן. איך מוז צו מיין בושה מודה זיין, אַז די נייע ביכער האָבן פאַרטונקלט מיין אינטערעס אין געאָלאָגיע און וואַסער־שפּינען; און נאָך מער 50 יאָר שפּעטער, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָב איך אין 1971 אָנגעשריבן אַ בוך וועגן אָט יענע מחברים, וואָס זייערע ווערק האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט פון דעם דאָזיקן כישוף־קאַסטן אַרויס — מאַני לייב, י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק א"אַ.

איך געדענק, אַז אויך אַברהם גאָלאָמב האָט שטאַרק גענאָסן פון דער שיינער מתנה און איז געווען אַנטציקט פון דעם קאַסטן נייע ביכער. איבערהויפּט האָט ער הנאה געהאַט פון משה נאַדירן. יענעם זומער האָט פושקאַרניע באַזוכט שלום אַש, י. אָפּאַטאָשו און קאָליאַ טעפּער, וועלכער איז אין ניויאָרק געווען דער רבי פון די יונגע יידישע שרייבער.

* * * * *

דער צווייטער עפּיזאָד וואָס מאָנט ביי מיר איך זאָל אים פאַרצייכענען איז עפּעס פון אַ גאָר פערזענלעכן כאַראַקטער — אַן עוולה אויף גאָלאָמבן, וואָס איך האָב אים שוין לאַנג מוחל געווען.

אין טאָג, יענעם זומער, אין פושקאַרניע, בין איך געווען פון דער חברה קורסאַנטן און סערווירערס. איך האָב מיינע חברים און לערערס בייטאָג סערווירט אַ גלעזל טיי. איך געדענק, עס זיינען געזעסן און געשמועסט דריי פון אונדזערע לעקטאָרן: א. גאָלאָמב, ראָזע סימכאָוויטש און אַרקאַדי קרעמער. די שטימונג צווישן זיי איז ניט געווען קיין גוטע, באמת אַ פעסימיסטישע. וואָס האָט זיי געטריבן צו עצבות? זיי האָבן געשמועסט וועגן דעם אַז סוף־כל־סוף וועלן בלייבן ביי יידישער לערעריי און בכלל ביי יידישער אַרבעט די ווייניקער טאַלאַנטירטע, די וואָס וועלן זיך ניט קענען איינאָרדענען אין דער פרעמד. דאָ האָבן זיי גענומען אויסרעכענען די וואָס וועלן זיכער אַוועקגיין פון דער יידישער קולטור־סביבה, וועלן לערנען אין פוילישע אוניווערסיטעטן אָדער וועלן פאָרן שטודירן אין אויסלאַנד. צווישן די נעמען פון די „אַנטלויפערס" איז אויך מיין נאָמען דערמאָנט געוואָרן.

איך האָב ניט געהאַט קיין ברירה ווי זיך צוצוהערן, ווייל זיי, די דריי לערערס מיינע, האָבן גערעדט גאַנץ הויך, אָבער עס האָט מיך דעמאָלט זייער שטאַרק פאַרדראָסן. איך האָב ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זאָל פאַלן אויף מיר אַזאַ חשד. סוף־כל־סוף האָט זיך מיין פאַרבינדונג מיט דער נייער יידישער שול אָנגעהויבן אין אַזאַ יונגן עלטער ווי עפּעס מער ווי צען יאָר. זומער 1922 בין איך שוין זיבן יאָר געווען צונויפגעבונדן מיט אָט דער נייער אויפגייענדיקער קולטור און ליטעראַטור אויף אונדזער טייערן מאַמע־לשון. אין די זיבן יאָר האָב איך געהאַט אַ סך געלעגנהייטן זיך צו פאַרנעמען אויף אַנדערע וועגן און אַלע מאָל בייגעשטאַנען דעם נסיון.

שרייבנדיק די שורות אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, באַקומענדיק פון דעם טייערן יובילאַר אַ בריוו מיט אַ היפּש ביסל עצבות, טראַכט איך זיך: מיר קענען קיין מאָל ניט וויסן ווער עס וועט בלייבן און ווער עס וועט אַוועקגיין פון אונדזער סביבה.

מיר קענען ניט וויסן וועלכע נייע כוחות עס וועלן אויפוועקן אַ פרישע באַוועגונג ביי אַ פאָלק. האָבן מיר דען געוווּסט אין ווילנע אין 1922, אַז עס וועט זיך באַווייזן אַ ליטעראַרישע גרופּע „יונג־ווילנע" מיט אַ חיים גראַדע און אַן אברהם סוצקעווער? האָב איך דען אַליין זיך אין יענער צייט פאָרגעשטעלט, אַז דער איבערגעגעבענער ביאָלאָג און נאַטור־וויסנשאַפטלער, אברהם גאָלאָמב, איז גאָר אַ הייסער ייד און אַ פאָרשער פון יידישער געשיכטע, אַ בונטאַר קעגן די אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען אין אונדזער לעבן און אַז זיין אמתע הייסע ליבע איז ניט נאָר „וואַלד און פעלד און וואַסערשפּינען", נאָר יידן און יידישקייט?



אַבאָנירט און שטיצט
**חשבון**
די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן
אַבאָנימענט — $5.00 אַ יאָר. — אַחוץ ניו־יאָרק

משה שטאַרקמאַן / ניו־יאָרק

# אברהם גאָלאָמבס שטעטל־אידעאָלאָגיע

וואָס זאָל מען טאָן לכבוד אַ ברודער־שרייבער אין די טעג ווען מ'פייערט זיין אַריבערגיין די ערשטע העלפט פונעם יאָרצענדליק פון גבורה אין זיין לעבן — זינגען אים לויבגעזאַנגען? אויב יאָ — וואָס קען ער שוין געווינען פון דעם און וואָס וועט דערפון אַרויסקומען דעם לייענער?

אַברהם גאָלאָמב האָט ביז איצטער שוין אָוועקגעשטעלט צווישן טאָוולען אַרום 40 טיילן אויף זיין אייגענער פּאָליצע, אין דעם ספרים־שפּייכלער פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור. מער־ווינציקער אַ העלפט פון זיינע חיבורים געהערט צו דער קאַטעגאָריע לימוד־טעקסטן און חינוך־טעאָריע. די איבעריקע חיבורים געהערן על פּי רוב צו דער קאַטעגאָריע פּירושים צו דער רוחניותדיקער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק און געהעריקע מסקנות פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. בקיצור מיינט דאָס: יידישע היסטאָריאָסאָפיע, ד"ה פילאָסאָפיע פון דער יידישער געשיכטע.

נו, אַז אברהם גאָלאָמב איז אַריין אין דער צווייטער העלפט פונעם גבורה־יאָרצענדליק אין זיין לעבן, איז דאָס טאַקע אַ שעת הכושר צו רופן די בעסערע יידישע לייענערס, אַז זיי זאָלן זיך אַריינלעבן און אַריינלערנען אין זיינע היסטאָריאָסאָפישע ווערק. זיי וועלן דערמיט גייסטיק באַרייכערן זיך גופא — אפילו ווען זיי וועלן ניט קענען אַריינעמען אַלץ, וואָס גאָלאָמב זאָגט און וויל, און אין דער זעלביקער צייט וועלן זיי פאַרשאַפן נחת־רוח דעם מחבר, ווייל ער וועט זען אין דעם אַז ער האָט אויפגענעמערס און איבערנעמערס פון זיינע אידעען, איז אַז ער האָט אַרויסגערופן ערנסטע חילוקי־דעות.

אין פּריוואַטע בריוו און אין די הקדמות צו זייערע ווערק זיינען מחברים אָפט מגלה זייערע אינטימסטע שרייבערישע סודות. נו, פרעמדע בריוו זיינען אָסור בחדר"ג, אָבער יעדער מחבר וויל מ'זאָל מער ווי אַ בליק געבן אין דער הקדמה אײדער מ'הייבט אָן לייענען דאָס גאַנצע בוך. טאָ לאָמיר אַלייען־טאָן אין דעם מחבר גאָלאָמבס אַריינפיר צו זיין 39סטן בוך — „צו די הייכן פון יידישן גייסט". ער שרייבט דאָטן צוו"אַ:

„אין מיין דענקען און שרייבן טראַכט איך אַלע מאָל צו זוכן דעם מקור פון אונדזער אַלטע יידישקייט, ווי די פאַרצייטיקע יידן האָבן אַלע מאָל געשטעלט די פראַגע: מן התורה מניין זיי האָבן אויך געזוכט די אוראַלטע וואָרצלען פון זייער גאַנג און געדאַנק. בין איך אָפט באַגייסטערט ווען איך טראַכט זיך אַריין אין דעם האַרבן וועג ווי אונדזערע פאַרצייטיקע האָבן אין משך פון לאַנגע דורות כסדר זיך באַמיט צו באַפרייען זייערע גאָט־באַגריפן פון מאַטעריעלע אַטריבוטן... זוך איך אויך דאָס געטלעכע, און ווו? אין יידישקייט, אין יידישע וועגן."

אין זיינע היסטאָריאָסאָפישע חיבורים גייט אַריין גאָלאָמב אָפט אין היסטאָרישע עקסקורסיעס און ער גיט דערביי ברייטע הסברות וועגן אידעען, אידעאָלאָגן און עפּאָכעס. דעם לייענער קען זיך אויסדאַכטן, אַז ער וועט ניט באַווייזן אַלץ אויפצונעמען און פאַרדייען. אָבער דאָ קומט דעם לייענער צוהילף גאָלאָמב דער מחנך, דער דערציער. צום סוף פון יעדן געשריבענעם שיעור — און זיינע אָפּהאַנדלונגען טראָגן אָפט דעם כאַראַקטער פון אָנגעשריבענע שיעורים — קומט אַ קלאָרער סך־הכל פון אַלץ וואָס דער מחבר האָט געצילט אַרויסצוברענגען. זיין סטיל איז שוימיק, כמעט יעדע שטודיע פול מיט בילדערישע משלים, פאַרגלייכן אָדער כאַראַקטעריסטיקעס — און דאָס פאַרהיט זיינע אָפּהאַנדלונגען, אפילו אויף שוין פריער־געשריבענע טעמעס, פון ווערן מאָנאָטאָן.

אַן עיקר־טייל פון גאָלאָמבס היסטאָריאָסאָפישע שיטה איז אַרויסהייבן דעם באַטייט פון דעם מין יידישע עדה ווי ס'איז געווען דאָס אַלט־היימישע יידישע שטעטל אין מזרח־אייראָפּע, און דעם מין יידן, וואָס די שטעטלשע סביבה האָט אַנטוויקלט. אין אַן עסעי טיטולירט: „וואָס איך וויל דערגרייכן מיט מיינע ביכער" — געשריבן מיט אַ לירישן אונטערטאָן — ווייזט אָן גאָלאָמב:

„דאָס שטעטל איז געווען דער יסוד פון דער יידישער קולטור־אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר האָבן געהאַט פון בבל דורך אַשכנז ביז מזרח־אייראָפּע. קיין שום צרות און פּלאָגן האָבן ניט פאַרמינערט אָט דעם ווערט פון שטעטל. אין שטעטל זיינען יידן ניט געווען קיין מינדערהייט, נייערט יידן זיינען געווען הונדערט פּראָצענט פאַר זיך. גויים אין שטעטל זיינען געווען ווי אין גלות ביי יידן."

גאָלאָמב קומט צום ווייטערדיקן אויספיר און סך־הכל:

„אין די לעצטע הונדערט יאָר ביזן חורבן האָט דאָס שטעטל פון מזרח־אייראָפּע אַליין: א) פאַרמערט דאָס יידישע פאָלק פירפאַכיק, פון אַ פיר מיליאָן ביז כמעט זיבעצן מיליאָן; ב) דאָס שטעטל האָט באַשאַפן אַלע נייע יידישע ישובים אין דער גאָרער וועלט; ג) מזרח־אייראָפּע האָט אויפגעבויט די גאַנצע נייע יידישע קולטור, געמאַכט זי הויך און העכער פון אַ סך קולטורן פון אַנדערע פעלקער; ד) דאָס מזרח־אייראָפּעישע שטעטל האָט אויסגעחלומט און אויפגעבויט די יידישע מדינה; ה) דער גאַנצער טיפּ ייד, זיין גייסט און זיין איך איז פון שטעטל; נאָר דאָס אייגנטימלעכע אין אים, דאָס וואָס שאַפט קולטור — דאָס איז אויסגעוואַקסן פון שטעטל. די נשמה פון יידישקייט, וואָס פון דעם וואַקסט קולטור — דאָס איז אַנטוויקלט געוואָרן אין שטעטל."

קומענדיק צו די דאָזיקע מסקנות, פאַרלאַנגט גאָלאָמב, אַז די יידישע מדינה דאַרף צילן צו זיין אַ „מדינת היהודים", וואָס זאָל ניט אַנטוויקלען אַ נייעם ייד, נאָר דערמעגלעכן אַז דער העכערער טיפּ ייד ווי ער איז אויפגעקומען אין מזרח־אייראָפּעישן שטעטל, זאָל דורך אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה באַקומען ברייטערע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן.

מיר האָבן נאָר מרמז געווען, אָנגעדייט אויף דעם, וואָס די לייענערס קענען געפינען אין אברהם גאָלאָמבס כתבים. גאָלאָמבן אַליין ווינטשן מיר, אַז ער זאָל מחבר זיין נייע ספרים צו באַרייכערן די לייענערס און דעם קולטור־אוצר פון אונדזער פאָלק בכלל.

כה לחי! צום לעבן! ביז 120 יאָר.



---

**איך באַגריס** דעם אַלטן אין יאָרן און יונגן אין גייסט, **אברהם גאָלאָמב**, צו זיין 85טן געבוירן־טאָג. איך ווינטש אים נאָך פיל געזונטע יאָרן און שאַפן נאָך ווערק, ניט בלייבן ביי די 40 ביכער וואָס ער האָט געשאַפן. ער האָט נאָך אַ סך וואָס צו זאָגן דעם יידישן לייענער צו פאַרשטאַרקן און פאַרשענערן דאָס יידישע לעבן. איך וויל אויך אים אָפּגעבן מזל־טוב פאַר קריגן דעם לייוויק ליטעראַטור פּרייז.

מיט די בעסטע ווונטשן צו אים און זיין ליבער פרוי —

שמואל בער לייקין

(סאַוטפילד, מישיגען)

---

אריה פאָזי

# אברהמס גענאָד

## (מיט ברכות צו אַברהם גאָלאָמב צו זיין 85־טן געבורט־יאָר)

ב"ה זיינען מיר איצט זוכה צו פייערן דעם פינף און אַכציקסטן געבורט־יאָר פון אברהם גאָלאָמב נ"י, און ס'איז פאַר אונדז אַלעמען אַ פרייד, וואָס וועגן אים קען געזאָגט ווערן, וואָס אין דער תורה איז פאַרשריבן וועגן משה רבינו, אַז ביז 120 יאָר איז „לא כהתה עינו ולא נס לחה — זיין אויג איז ניט געווען טונקל, און זיין פרישקייט איז ניט אַוועק."

מיט פינף יאָר צוריק האָבן מיר דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס (ווי אויך אין אַנדערע יידישע יישובים) געפייערט אברהם גאָלאָמבס 80־יאָריקן יובילעי. לכבוד דעם דאָזיקן יובילעי האָבן גאָלאָמבס חסידים אים צוגעטראָגן אַ מתנה — אַ זאַמלבוך פון מאמרים וועגן אים און מאמרים געווידמעט צו אים.

וואָס אין יענע מאמרים איז געזאָגט געוואָרן מעג און קען איבערגעחזרט ווערן אויך איצט. די אַלע שבחים, וואָס זיינען דאָרט אַרויסגעזאָגט געוואָרן, זיינען דברים קיימים וואָס זיינען גילטיק אויך איצט — און נאָך מער גילטיק, מחמת זינט דעמאָלט האָט אברהם גאָלאָמבס שעפערישקייט ניט אויפגעהערט. פון דעמאָלט אָן זיינען דערשינען זיינע צוויי נייע ביכער, איינער אין יידיש און דער צווייטער אין עברית און איצט געפינט זיך אין דרוק אין ישראל זיינס אַ דריט בוך, וואָס וועט בקרוב דערשיינען, און וואָס וועט זיין דאָס פערציקסטע בוך פון זיין געבענטשטער שעפערישקייט.

בעת דער דערמאָנטער פייערונג פון אברהם גאָלאָמבס 80־יאָריקן געבורט האָב איך זוכה געווען צו זיין איינער פון זיינע באַגריסערס. וואָס איך האָב דעמאָלט געזאָגט קען איך אויך איצט איבערחזרן, מחמת די געדאַנקען, וואָס איך האָב דעמאָלט אַרויסגעבראַכט און די געפילן וואָס איך האָב אויסגעדריקט זיינען מיינע געדאַנקען און געפילן אויך איצט און פאַרשטאַרקט מיט מער ליבשאַפט און יראת הכבוד צו אים, אונדזער בעל־יובל.

* * *

איך דערלויב זיך איבערצוחזרן וואָרט אין וואָרט וואָס איך האָב דעמאָלט געזאָגט:

הלל הנשיא, ווי באַקאַנט, האָט אויסגעדריקט דעם יסוד פון דער יידישער תורה אין עטלעכע געציילטע ווערטער, וואָס מ'קען זיי אַרויסזאָגן אין דער קורצער צייט ווי לאַנג אַ מענטש קען שטיין על רגל אחת, אויף איין פוס.

נון, הלוואי וואָלט איך פאַרמאָגט כאָטש אַ שמץ, אַ קליינעם טייל פון הללס חכמה, וואָלט איך אפשר געפונען דעם פאַסיקן אויסדרוק איבערצוגעבן דעם יסוד פון דעם זאַמלבוך חסד לאברהם אין דער קורצער צייט וואָס מיר איז פאַר דעם באַשטימט געוואָרן.

מחמת באמת, ווי קען מען על רגל אחת געבן אַ באַגריף וועגן תוכן פון אַ ספר פון אַרום טויזנט זייטן, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך 100 מחברים מיט 100 באַזונדערע מאמרים?

אפילו אויסצורעכענען די נעמען פון די שרייבערס אין אָט דעם זאַמלבוך און די נעמען פון זייערע מאמרים, דאַרף פאַרנעמען אַ לענגערע צייט איידער די באַגרענעצטע צייט וואָס איך קאָן זיך דערלויבן וועגן אָט דעם ספר צו ריידן היינט אָוונט.

אָט דאָס זאַמלבוך, אָדער מאסף, אָדער ספר — רופט עס ווי איר ווילט און יעדער נאָמען וועט זיין ריכטיק — עס הייסט: חסד לאברהם.

אַ פאַסיקער נאָמען. פאַסיק, מחמת דעם וואָס ער דריקט אויס די שטימונג וואָס די מחברים פון דעם בוך האָבן אין אים אַריינגעגעבן. די אַלע מחברים וואָס באַטייליקן זיך אין אָט דעם זאַמלבוך, איז די השפעה פון אברהם גאָלאָמב איבער זיי זייער גרויס. האָבן זיי אַלע געפילט אַז זיי ווילן אויסדריקן זייער אנערקענונג און יראת הכבוד צו אָט דעם מענטש, דעם תלמיד חכם, דעם הוגה דעות, וואָס זיין גייסט איז דערהויבן און וואָס דורך זיין דערהייבנקייט האָט ער משפיע געווען אַז אויך זיי זאָלן זיך דערהייבן — און טאַקע אין



דער ריכטונג וואָס א"ג צייגט אָן פאַר זיי.

און אַ סך פון זיי זיינען באמת דערהייבן. דערהייבן ניט דווקא פון דעם א"ג קוואַל אַליין, נייערט פון דעם זעלביקן קוואַל פון וועלכן אויך א"ג האָט געשעפּט זיינע ידיעות און גייסטיקייט.

און זייער דערהייבנקייט ווערט אויסגעדריקט אין די פילצאָליקע מאמרים וואָס זיינען איינגעזאַמלט אין אָט דעם ספר. און די עשירות פון זייער גייסט און די עשירות פון די ענינים וואָס זיי באַהאַנדלען אין אָט דעם חסד לאברהם, וועלן געוויס משפיע זיין אויף די לייענערס אין ווירקן אַז אויך זייער גייסט זאָל דערהייבן ווערן.

דערפאַר קומט אויס, אַז דאָס זאַמלבוך איז טאַקע צוגעטראָגן געוואָרן מיט ליבשאַפט און הויכשאַצונג ווי אַ חסד לאברהם — אַ חסד צו אַברהם, אָבער ווען עס גרייכט דעם לייענער, איז עס שוין באמת אַ חסד של אברהם: ד"ה, חסד האָט צו אונדז געטאָן ר' אברהם גאָלאָמב נ"י, וואָס ער האָט אַזוי פיל תורה מרביץ געווען ברבים — וואָס בכן איז דאָס זאַמלבוך אַרויסגעגעבן געוואָרן, און ס'האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור און גייסטיק באַרייכערט ווערן וועט יעדער לייענער, וואָס וועט שטודירן יעדן מאמר אין אָט דעם ספר, מחמת יעדער מאמר אין אים איז ווערט שטודירט צו ווערן.

אַ יישר כוח קומט געוויס דעם רעדאַקטאָר פון אָט דעם זאַמלבוך, משה שטאַרקמאַן נ"י, וואָס גיט איבער אין זיין אַריינפיר צום בוך — ספר היובל, ווי ער רופט עס אָן — אַז דאָס זאַמלבוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן „בכדי אויסצונוצן דעם יובל פון ר' אברהם גאָלאָמב שליט"א (שיחיה לאורך ימים טובים אָמן) פאַר דער געלעגנהייט אַריינצושטעלן אין ספרים־אַלמער פון אונדזער צוויי־שפּראַכיקער ליטעראַטור אַן אויפקלייב פון וואָרט־קונסט, עסייאיסטיק און קולטור־פאָרשונג אויף העברעיש און יידיש, אין הסכם מיט דער מסורה צווישן די מזרח־אייראָפּעישע שטעטל־יידן, אַז 'לשון קודש מיט עברי־טייטש איז הלכה למשה מסיני'."

אָבער דאָ איז אַן אויסדרוק פון משה שטאַרקמאַן, וואָס איז געוויס מאָטיווירט פון באַשיידנקייט, און מיט וואָס מיר קענען בשום אופן ניט מסכים זיין: חסד לאברהם איז ניט אַ ספר אַריינצושטעלן אין אַלמער, מחמת, ווי געוויינטלעך, שטעלט מען אַריין אין אַלמערס ספרים פאַר באַשיינונג מער איידער פאַר באַנוצונג. און דאָס, לויט אונדזער מיינונג, איז ניט חל אויף חסד לאברהם. ס'איז אַ ספר וואָס דאַרף אין אַ יידיש הויז ליגן אויבן אויף; ס'איז אַ ספר וואָס מ'זאָל עס אָפּט, זייער אָפּט, עפענען, און טאַקע לייענען, און דאָס געלייענטע איבערחזרן — בכדי עס זאָל פאַרבלייבן אין זכרון.

אפילו דער אַריינפיר־מאמר פון משה שטאַרקמאַן, דעם רעדאַקטאָר פון דאָזיקן „ספר היובל", איז ווערט געלייענט און איבער געלייענט צו ווערן.

דער עיקר וואָס שטאַרקמאַן באַהאַנדלט אין זיין מאמר איז די שריפטלעכע טעטיקייט פון דעם בעל־יובל, אברהם גאָלאָמב, און אַז די ספרי־יסוד פון יהדות זיינען געווען און געבליבן די עיקר מקודות פון זיין, דעם בעל־יובלס וועלט־באַנעם.

„גאָלאָמב גליבט", שרייבט שטאַרקמאַן, „אַז געשיכטלעכע פּראָצעסן קומען פאָר לויט באַשטימטע געזעצן, הגם זיי לאָזן זיך פאָרמולירן אַ סך שווערער ווי די וויסנשאַפטלעכע. אויך די יידישע געשיכטע האָט אירע געזעצן, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דער לאַנגער פאַרגאַנגענהייט. לויט אָט די געשיכטע־געזעצן באַמיט זיך גאָלאָמב צו באַשטימען דעם מהות פון די היינטיקע פּראָצעסן אין אונדזער יידישן לעבן און במילא אויך באַגרייפן די ריכטונג פון די פּראָצעסן אין דער צוקונפט. דאָס איבעריקע וואָס מיר האָבן צו זאָגן וועגן גאָלאָמבן, איז אַ פירוש צו דער פריערדיקער כאַראַקטעריסטיק — אַ פירוש, וואָס דרינגט אַרויס פון איטלעכן גאָלאָמב־בוך באַזונדער און פון אַלע זיינע ווערק אין איינעם."

דערביי פירט שטאַרקמאַן אַן אַנאַלאָגיע צווישן גאָלאָמב און אַ צאָל פון די גדולים צווישן יידישע דענקערס, וואָס צווישן זיי האָט זיך גאָלאָמב איינגעשאַפּן איינעם פון די חשובסטע ערטער אין מזרח־וואַנט, און דערביי דערמאָנט שטאַרקמאַן: ר נחמן קראָכמאַל, אחד העם, זשיטלאָווסקי, יחזקאל קויפמאַן און, דער עיקר, שמעון ראַ־

ווידאָוויטש — וואָס מיט אים, מיט ראַווידאָוויטשן איז גאָלאָמב מסכים אין אַ סך פּרטים, באַזונדערס אין שייכות מיט דעם איינשטעל, אַז ס'איז דאָ, אָדער באַדאַרף זיין, „אַ גלייכע שותפות פון די יידן אין מדינת ישראל מיט די יידן אין די תפוצות, לטובת דעם אייביקן קיום פון יידישן פאָלק."

אויך פּראָפ' סאָל ליפּצין, אין זיין מאמר אין זאַמלבוך, פירט אַן אַנאַלאָגיע צווישן דעם געדאַנקען־גאַנג פון גאָלאָמב און צוויי אַנדערע גדולים אין דער יידיש־העברעישער ליטעראַטור, און דאָס זיינען יעקב קלאַצקין און חיים גרינבערג.

די צייט דערלויבט אונדז ניט אויפצוקלערן ווו גאָלאָמב קומט זיך צונויף און ווו ער גייט זיך פונאַנדער מיט די טעאָריעס פון די פריער אויסגערעכנטע גרויסע יידישע דענקערס. וועגן דעם, קענען מיר זיכער זיין, וועט נאָך פיל געשריבן און פיל איבערגעטראַכט ווערן, אָבער דער אַלגעמיינער הסכם איז, אַז דער גאַנצער געדאַנקען־גאַנג פון אברהם גאָלאָמב ציט זיין מקור פון טיפער אהבת ישראל, און אויף דעם סמך פאַרטיפט ער און אַנטוויקלט חכמת ישראל.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז איך קען ניט איבערגעבן דעם תמצית פון זאַמלבוך חסד לאברהם על רגל אחת, אָבער דעם יסוד פון דער גאוניות פון דעם בעל־היובל פאַר וועמען דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, דער יסוד פון אברהם גאָלאָמבס תורה און וועלטבאַנעם קען, דוכט מיר, יאָ אַרויסגעזאָגט ווערן על רגל אחת — און דאָס איז אַ פסוק פון קריאת שמע, מיט אַ קליינעם שינוי, וואָס ווערט כסדר אַרויסגעבראַכט אין זיינע שריפטן:

ואהבת את עמך ישראל בכל לבבך
ובכל נפשך ובכל מאודך

מיט אַ צוגאָב פון אַ מימרא פון חז"ל:

ישראל, קודשה בריך הוא ואורייתא חד הוא.

און אָט דער וועלט־באַנעם פון אברהם גאָלאָמב איז באַזונדערס בולט געדרונגען פון זיין אייגענעם מאמר, וואָס דערשיינט צום סוף פון זאַמלבוך, און ווי אַ צוגאָב צו אים, אַ מאמר וואָס וועט בלי ספק בלייבן קלאַסיש אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַלע צייטן. דער מאמר דערשיינט דאָרט אונטערן נאָמען: יידישקייט—פאָלקישקייט — געטלעכקייט„ וואָס ווי מיר זעט עס אויס ווי אַברהם גאָלאָמבס עיקרדיקער אני מאמין און וואָס זיינע פילצאָליקע אַנדערע ווערק זיינען אַ פירוש פאַר דעם.

דער פריער דערמאָנטער מעטאַפאָר פון גאָלאָבס „ואהבת את עמך ישראל", פאַרטייטשט ער ביים סאַמע אָנהייב פונעם מאמר, ווו ער זאָגט:

„די געדאַנקען וואָס איך גיי דאָ שרייבן זיינען ניט קיין קאַלטע, אָביעקטיווע פאָרשונג, אויסגערעכנט, אויפגעקלערט מיטן געלאַסענעם שכל — צוויי מאָל צוויי. עס זיינען ניט קיין ענינים וואָס קומען פון וויסן און זיי רירן גאָר ניט אָן דעם געמיט פון זייער מחבר. ניין, דאָס וואָס איך שרייב דאָ ווייטער איז מער אַ זאַך פון אמונה, אַ טיפער גלויבן — איך וויל אַזוי, ווייל איך פיל אַזוי."

און וואָס פילט ער אַזוי? דאָס קען על רגל אחת איבערגעגעבן ווערן אין אַ ווייטערדיקן זאַץ פון דעם זעלביקן מאמר, ווו ער דריקט זיך אויס בזה הלשון:

„איך גלייב, אַז אַזוי ווי אין משך פון געשיכטלעכער אַנטוויקלונג האָבן זיך ביי פעלקער אויסגעאַרבעט באַזונדערע פיזישע שטריכן, אַזוי האָבן זיך אויך אויסגעאַרבעט ספּעציפישע גייסטיקע שטריכן. פעלקער פילן פאַרשיידן, פעלקער רעאַגירן פאַרשיידן, פעלקער האָבן פאַרשיידענע שטריכן פון כאַראַקטער. פעלקער קענען לעבן אין שכנות און דאָך זיינען ביי זיי פאַרשיידענע באַגריפן און איבערלעבונגען. און די באַגריפן זיינען אין אונדז, זיי זיינען עלעמענטן פון אונדזער גייסט, זיי זיינען ניטאָ אין דער רעאַלער וועלט אַרום אונדז. מיר באַגרייפן זאַכן ניט ווי זיי זיינען, נאָר ווי אונדזערע חושים ווייזן אונדז, ווי אונדזערע באַגריפן פורעמען זיי אויס. עס איז ניט בלויז קאַנטס 'זאַכן פאַר זיך' (אַ"ג גיט דערמיט אַן אָנדייט אויף דער פילאָסאָפיע פון דעם דייטשישן פילאָסאָף עמנואל קאַנט). עס זאָגט אַן אַלטע גמרא, אַז



עס חלומט זיך ניט אַ מענטשן נאָר פון זיינע געדאַנקען (ברכות נה־ב). מעג מען דאָס זאָגן בכלל וועגן אַלע באַגריפן פון אַ מענטשן. גלייב איך, אַז די יידישע באַגריפן זיינען אַנדערש, ניט ווי פון אַנדערע פעלקער. די זעלביקע זאַכן, די זעלביקע וועלט, און פאַרשיידענע פעלקער באַגרייפן עס אַנדערש, פאַרזיכיק. איטלעך פאָלק האָט זיינע וועלט־באַגריפן, זיינע גאָט־באַגריפן. פעלקער און וועלטן."

דאָס, על רגל אחת, איז גאָלאָמבס אני מאמין. איך ווייס ניט צי עס קען זיך ווו געפינען אַ לאָגיש־דענקעדיקער מענטש וואָס זאָל מיט אים אין דעם פרט ניט מסכים זיין.

די גרויסקייט פון מענטש ווערט געשאַצט לויט די מדרגות פון זיין חזיון. איינער זעט בלויז דאָס פלאַכע, דאָס פשוטע, דער אַנדערער קען שוועבן ברומו של עולם.

גאָלאָמב איז דער וואָס זעט אין יידישן פאָלקסמענטש, אין זיין עצם פאָלקסטימלעכקייט, אין זיין אויפפיר, אין זיין פאַרקער צווישן מענטש און מענטש, אין זיין משפחה־לעבן, אין זיין באַציונג צו גאָט און געטלעכקייט, אין זיין אייגענעם צובונד צו גאָט, און בכלל אין זיין ווענד און קער פון זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין זיין וואָכעדיקייט, שבתדיקייט און יום־טובדיקייט — אין דעם זעט גאָלאָמב דעם גרויסן אידעאַל צו וואָס מיר זאָלן זיין אָנגעהעריק.

פאַראַן אייניקע וואָס טרעטן אַרויס מיט קריטישע אָנמערקונגען וועגן גאָלאָמבס שיטה, ווי ער וואָלט כלומרשט געפּריידיקט די אוטאָפּיע צוריקצושטעלן דעם דלות פון דעם קליינשטעטל אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז לדאבוננו הרב אויף אייביק אומגעבראַכט געוואָרן, און אַז אַהין זאָלן מיר אַריבערפירן אונדזער אַנטוויקלטע סובורביע.

אָט די קריטיק איז פאַלש. עס זעט אויס אַז די דאָזיקע קריטיקערס הייבן ניט אָן אַריינצוטראַכטן זיך אין גאָלאָמבס שיטה און זיי פאַרשטייען זי ניט. וואָס גאָלאָמב קלערט יאָ אויף איז, אַז די עשירות פון דער גרויסשטאָט איז בלויז אַ פאַרבלענדעניש, ווי אַ ביליקער מעטאַל וואָס ווערט למראית עין באַזילבערט אָדער פאַרגילדעט. גרויסשטאָט פאַרלאַנגט רעקלאַמע. דאָס איז די טבע פון איר וועזן. איר רעקלאַמירטע עשירות איז אָבער בלויז אַ פאַרבלענדעניש. בעצם איז עס דלות — דלות הרוח. בעת אין קליינשטעטל איז יאָ געווען עשירות. עשירות הרוח אָן אָנשטעל. ניט נייטיק געווען קיין רעקלאַמע. גייסט איז דאָרט געשטאַנען ברומו של עולם. פון קיין נידעריקע ערטער האָט דאָרט קיינער קיין השגה נישט געהאַט.

און אָט דעם „ברומו של עולם" האָבן מיר דאָ הי פאַרלוירן. ווי אַזוי פאַרלוירן? לאָמיר דאָ נוצן אַן אויסדרוק פון חיים גרינבערג ז"ל. מיר האָבן עס פאַרלוירן אויף די שיפן, וואָס האָבן אונדז געפירט קיין אַמעריקע. מיר זיינען פון אונדזערע אַלטע היימען אַרויסגעפאָרן עשירים, גייסטיקע עשירים, און דאָ זיינען מיר געוואָרן אביונים, ממש אָרעמעלייט.

קומט גאָלאָמב און פּריידיקט אַז מיר זאָלן צוריק אויפזוכן אונדזערע פאַרלוירענע אוצרות. — ניט צוריקקערן זיך צו די אויסגעקרימטע הייזער מיט די שטרויענע דעכער פון קליינשטעטל, נאָר צוריק אַריינקריגן די שכינה וואָס האָט דאָרט איבער אונדז געשטראַלט און וואָס מיר האָבן זי פאַרלאָזט.

אמת, אין דעם פרט קען מען גאָלאָמבן ניט פאַרגלייכן צו רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, וואָס איז תמיד געווען אַ סניגור און אַ מליץ־יושר און האָט געזוכט אַ זכות אויף יידן אפילו אין זייערע באַשיימפּערלעכע חסרונות; גאָלאָמב, פאַרקערט, פירט זיך אויפן שטייגער פון אייניקע פון די נביאים, וואָס זיינען געווען מער קטיגורים, מער מוכיחים; גאָלאָמב קומט ניט ווי דער צדיק פון בערדיטשעוו צו פאַרטיידיקן זיין פאָלק קעגן גאָטס שטראָף, נאָר עס קלאָגט זיין האַרץ אויף דער ירידה פון יידישער פאָלקישקייט — אויף דעם ווייטיק, לאָמיר זאָגן, פון שלום עליכמס טוביה דער מילכיקער ווען זיין טאָכטער שמדט זיך, אויף דעם ווייטיק פון יעדן איינציקן פון אונדז אין די סובורביעס וואָס סיי מיר אַליין און סיי אונדזערע קינדער טרעטן אָפּ אויף פרעמדע וועגן.

גאָלאָמבס שיטה איז אויסגעהאַלטן אין אַלע פּרטים. דאָס איז אָבער ניט מחייב אַז אַלע זיינען מיט אים מסכים און אַז מען טוט און מען וועט ניט קריטיקירן אים. שטעלט זיך דערביי די פראַגע: זיינען אַלע מסכים מיט דעם מורה נבוכים פון רמב"ם? מיט דעם מורה נבוכי הזמן פון ר' נחמן קראָכמאַל? אָדער מיט ענלעכע ווערק פון גרויסן פאַרנעם? פון דעסטוועגן האָט צייט ניט די שליטה פון שיכחה איבער אַזוינע ווערק.

אַזוי וועט צייט ניט האָבן קיין שליטה פון שיכחה איבער די גרונט־אידעען וואָס גאָלאָמב ברענגט אַרויס אין זיינע פיל־צאָליקע ווערק.

און אָט דאָס ספר חסד לאברהם קאָן און דאַרף דינען ווי אַ סטימול צו לייענען גאָלאָמבס ווערק — ניט נאָר זיי לייענען, נאָר טאַקע זיי שטודירן, און זיי זיך אַריינטראַכטן.

ווען די צייט וואָלט מיר דערלויבט, וואָלט איך זיך אויך אָפּגעשטעלט און באַהאַנדלט די פאַרשיידענע פאַרטיפטע און אינפאָרמאַטיווע מאמרים און באַזונדערע שטודיעס וואָס קומען אַריין אין אָט דעם זאַמלבוך — אָפּהאַנדלונגען אויף טעמעס וואָס שליסן איין אַלערליי תקופות אין דער יידישער געשיכטע; געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן און פּרעסע; פאָלקלאָר, טעאַטער, יידישער פילאָסאָפיע, חינוך אין אַלערליי לענדער; די השפעה פון מדינת ישראל אויף די תפוצות; אָפּהאַנדלונגען מכוח אייניקע פון די גדולים בין חכמי ישראל ווי: ר' נחמן בראַצלאַווער, שד"ל, חיים נחמן ביאַליק, אליעזר בן יהודה, ש. י. עגנון, חיים גרינבערג, יעקב קלאַצקין א"אַ.

יעדער באַזונדערע פון אָט די אָפּהאַנדלונגען איז ווערט, לויט איר אינהאַלט, אַז מ'זאָל וועגן איר מאריך זיין, און דאָס, פאַרשטענדלעך, קען איצט ניט געטאָן ווערן.

אָבער איינער פון די אַלע מאמרים פאַרדינט אַ באַזונדערע אויסצייכענונג, און דאָס איז דער עסיי א"ט ל ע ר ע ר ס פון רבקה־סאַוויטש־גאָלאָמב, די לעבנס־באַגלייטערין פון אונדזער בעל־יובל.

רבקה גאָלאָמב אַליין שרייבט ווי אַן איינלייטונג צו אָט דעם עסיי, אַז ס'איז „אַ שווערע און געפערלעכע טעמע; אָבער נאָכן אָפּאַרבעטן איבער דריי צענדליק יאָר אין דער לערער־פּראָפעסיע, ווילט זיך מאַכן אַ שטיקל אַנאַליז, געוויסע אויספירן פון באַאָבאַכטונגען אין משך פון אַזוי פיל יאָרן."

נו, איך אַליין בין אַ מאָל געווען אַ לערער, אַ רוסישער, דערנאָך אַ העברעיִשער און שפּעטער — אַ יידיש־העברעיִשער לערער.

קען איך גוט פאַרשטיין און שאַצן די „אויספירן פון באַאָבאַכטונגען" פון רבקה גאָלאָמב. איך בין מסכים מיט יעדן געדאַנק וואָס זי ברענגט אַרויס אין דאָזיקן עסיי, און איך וויל רעקאָמענדירן, אַז אַלע עלטערן, און אפילו עלטער־עלטערן, וואָס האָבן קינדער אָדער אייניקלעך וואָס לערנען זיך אין שולן, סיי יידישע און סיי וועלטלעכע — אַז זיי, די עלטערן, הייסט עס, זאָלן גענוי שטודירן די „אויספירן פון באַאָבאַכטונגען" פון רבקה גאָלאָמב און פּרובירן זיי אָנווענדן אויף דער דערציונג פון זייערע קינדער אָדער קינדס־קינדער.

אין איר גלענצענדיקן עסיי ווייזט אויף רבקה גאָלאָמב ווי גרויס עס איז די השפּעה פון לערערס אויף די תלמידים. גוטע לערערס זיינען משפּיע צום גוטן, און, פאַרקערט, שלעכטע לערערס זיינען משפּיע צום שלעכטן. און די השפּעה ווישט זיך ניט אויס פונעם תלמיד כל זמן ער לעבט.

דערביי רעכנט אויס רבקה גאָלאָמב אַ היפּשע גאַלעריע פון לערערס וואָס האָבן אויף איר משפּיע געווען ווען זי איז נאָך אַליין געווען אַ תלמידה. אָט שרייבט זי, שטייט נאָך איצט אויף איר שרייבטיש דאָס בילד פון ראָזע סימכאָוויטש, איר טייערע, אומפאַרגעסלעכע לערערין פון גריכישער געשיכטע, וואָס „יעדע לעקציע אירע איז געווען אַ קונסט, אי וויסן, אי חכמה. יעדער בליק פון אירע אויגן, יעדע באַוועגונג פון אירע איידעלע פינגער, די מאָדולאַציע און וויברירונג פון איר שטים, אַלץ איז געווען איין גרויסער כישוף."

און מיט ענלעכער ליבשאַפט און יראת הכבוד שרייבט זי אויך וועגן אַ צאָל אַנדערע פון אירע לערערס, וואָס צווישן זיי זיינען געווען: זלמן רייזען, משה קולבאַק,



קרעמער, און אַנדערע, וואָס זיינען געוואָרן מוסטערן פאַר זייערע תלמידים; מען פלעגט זיי פאַרגעטערן."

און „פון דעם זעלבן טייג", שרייבט זי, „זיינען געווען געקנאָטן נאָך דריי פון אירע אומפאַרגעסלעכע לערערס", וואָס איינער פון זיי איז געווען איר לערער פון באָטאַניק אין סעמינאַר. וועגן אים שרייבט זי, אַז —

„...ער האָט אונדז קולטיווירט זעלבסטשטענדיקייט אין לערנען און דענקען, באַגייסטערונג פאַר אַלץ וואָס לעבט און וואַקסט. צו זוכן און געפינען דאָס אומגעוויינלעכע אין געוויינלעכן, דעם אויסנאַם, דאָס זעלטענע, דאָס כאַראַקטעריסטישע אין יעדער זאַך; געפינען אויך דאָס באַקאַנטע אין אומבאַקאַנטן. ער האָט אונדז געלערנט, אַז מען זאָל זען אויסצומיידן ווערבאַליזם, נוצן כסדר אונדזערע אויגן און אויערן מיר זאָלן באַרייכערן אונדזערע דערפאַרונגען און טרענירן אונדזערע אינטעלעקטועלע אינטערעסן. ער האָט אונדז אויסגעלערנט זען דאָס געטלעכע אין די סאַמע פּשוטסטע זאַכן."

און ווייטער שרייבט זי:

„...פאַרטאָג, ווען ס'איז געווען אַזוי געשמאַק צו שלאָפן, פלעגט ער אונדז אַרויסשלעפּן פון די בעטן, באשר וואָס? — מיר מוזן גיין זען דעם זונאויפגאַנג, הערן דאָס זינגען פון די פייגעלעך פאַרטאָג אין דעם אויפוואַכנדיקן וואַלד. ער האָט אונדז אויסגעלערנט גיין אויף עקסקורסיעס צופוס אויף לאַנגע שטרעקעס, אַ מאָל אויף אַ מרחק פון צוויי הונדערט קילאָמעטער. דער דאָזיקער עקספּלאָראַציע־מעטאָד איז אונדז שפּעטער זייער גוט צונוץ געקומען אין אונדזער לערערישער פּראָפעסיע."

אין איר עסיי דערמאָנט ניט רבקה סאַוויטש גאָלאָמב דעם נאָמען פון דאָזיקן לערער פון באָטאַניק. איך האָב אָבער אַ חשד ווער ער איז. און באמת, ס'איז ניט אַ חשד, נאָר איך ווייס ווער ער איז. ער איז ניט קיין אַנדערער ווי אונדזערער בעל־יובל, ר' אברהם גאָלאָמב נ"י.

## אוניווערסיטעט פון יודאַיזם

### (טעאָלאָגישער סעמינאַר אין ל"א)

צו דער רעדאַקציע פון „חשבון":

עס האָט מיך געפרייט צו הערן אַז דער „חשבון" ווידמעט אַ גאַנצן נומער לכבוד ד"ר אברהם גאָלאָמבס 85סטן געבוירן־יאָר.

מיר שטאָלצירן וואָס אונדזער „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" האָט דעם 9טן יוני, 1971, בעת אונדזער 21סטן סיום הזמן, באַערט אַברהם גאָלאָמבן מיט אַן ערן־דאָקטאָראַט פאַר זיין גרויסן בייטראָג צו אונדזער יידיש לעבן און יידישע דערציונג.

ד"ר גאָלאָמב האָט זיך אַן אינטערנאַציאָנאַלע רעפּוטאַציע אויפן געביט פון יידישער דערציונג און האָט אַליין דערצויגן עטלעכע דורות פון יידישע לערערס אין אַמאָליקן רוסלאַנד, אין ישראל, מעקסיקאָ, קאַנאַדע, אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

ווי אַ שרייבער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט די פּראָבלעמען פון יידישן קיום און המשך און האָט פיל געשריבן אויף אַלע געביטן פון יידישער דערציונג און קולטור, האָט ער באַרייכערט דאָס יידישע לעבן איבער דער גאַנצער וועלט. זיינע טעקסט־ביכער האָבן שטאַרק געהאָלפן טויזנטער יידישע קינדער, ספּעציעל אין די יידישער קינדער־שולן. אַלע ליבהאָבער פון יידיש און יידישע קולטור זיינען אים דאַנקבאַר פאַר זיין גרויסן בייטראָג צום פאָרשריט פון יידיש לשון און ליטעראַטור און פאַר זיין בריליאַנטענער פירערשאַפט אויפן געביט פון יידישער דערציונג.

אין נאָמען פון אַלע מיינע קאָלעגן אין דעם „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" גיב איך איבער אונדזערע וואַרעמסטע באַגריסונגען. עס פרייט אונדז וואָס ער ווינט מיט אונדז אין לאָס אַנגעלעס און איז אַקטיוו און שעפעריש סיי אין זיין שרייבן און סיי אין זיין ריידן. מיר ווינטשן אים אריכת ימים און ווייטערדיקע דערגרייכונגען.

מיט פריינדשאַפט,

**ד"ר דוד ליבער**, פּרעזידענט

זלמן שלאָסער

# צו א. גאָלאָמב – מיט באַוווּנדערונג און אָפּרעג

די אייגנאַרטיקע אויפפאַסונג פון דער יידישער מחשבה, פון דער יידישער קולטור־קאָנצעפּציע און די אייביקע קריטישע פּראָבלעמאַטיק פון יידישן קיום און המשך, זיינען די הויפּט טעמעס, וואָס האַלטן תמיד געשפּאַנט דעם טיפן דענקער, פּעדאַגאָג און שרייבער, אברהם גאָלאָמב. זיינע פאַרטיפטע שטודיעס און באַטייטנדיקע דערגרייכונגען אויף אָט די געביטן האָבן געפונען אויסדרוק אין די פיר צענדליק ביכער, וואָס ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן אין פאַרשיידענע לענדער און צייטן און אין זיין ברייט אַנטוויקלטער פּעדאַגאָגישער טעטיקייט סיי ווי אַ לערער, סיי ווי אַ בויער.

שוין ביים ערשטן אַריינבליק אין וועלכן ס'איז פון זיינע ביכער ווערט גלייך קלאָר גאָלאָמבס געדאַנקען־גאַנג, זיין ברייטער פאַרנעם און וויזיע פון יידיש לעבן און יידישער קולטור. מען דערפילט גלייך זיין באַזונדערע אייגנאַרטיקייט, זיין באַזונדערן גאַנג, זיין אייגענע שיטה — גאָלאָמביזם, וואָלט איך געזאָגט.

פון זיין לאַנגער דערפאַרונג און פאַרטיפטן דענקען האָט זיך זיין השקפה אַזוי פּרעציז און קלאָר אויסגעפורעמט, אַז עס שפּיגלט זיך קלאָר אָפּ אין יעדן זאַץ זיינעם. צום סוף פון יעדן עסיי, פונקט ווי ביי יעדער לעקציע אין שול, באַמיט ער זיך צו רעזומירן זיינע געדאַנקען אין עטלעכע זאַצן כדי מען זאָל וויסן גענוי וואָס ער האָט פריער געזאָגט.

צוליב דעם שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז גאָלאָמב חזרט זיך איבער. דאָס איז אפשר טיילווייז אמת, אָבער דעם גאַנצן אמת פון אַזאַ טענה דאַרף מען פאַרשטיין אין אַן ענלעכן זין ווי מען פאַרשטייט היללס באַרימטן ענטפער וועגן כל התורה כולה על רגל אחת, אין איין זאַץ, דאָס איבעריקע, וואָס פאָלגט נאָך, האָט הילל געזאָגט, איז בלויז פאַרטייטשונג, אַ פירוש, אַן אילוסטראַציע — ווילסטו וויסן, גיי לערן!

זיינען איצט גראָד ניט פאַראַן קיין סך בעלנים, וואָס זאָלן וועלן לערנען אויף יידיש, און עס זיינען איצט אויך ניט געבליבן קיין סך יידישע שרייבערס, וואָס זאָלן קענען שרייבן מיט אַזאַ פאַרנעם און דרך־ארץ פאַר די קולטור־אוצרות פון פאָלק ווי גאָלאָמב שרייבט. יאָ, מיר ווייסן גאַנץ גוט אַז עס זיינען גראָד יאָ דאָ גרויסע יידישע געלערנטע. זיי שרייבן אָבער אויף העברעיש אָדער אויף ענגליש. דער חיסרון ליגט, פאַרשטייט זיך, ניט אין דער שפּראַך נאָר אין דער ביטול־באַציונג צו אונדזערע פאָלקס־אוצרות. בעת גאָלאָמב פאַרהערלעכט און פאַרהייליקט דאָס פאָלק אין זיין שאַפונג, זיין טראַדיציע און לשון, געפינט מען ביי די אַנדערע אַ מין געירשנטן ביטול צום פאָלק און זיין לשון. דאָך איז אונדזער האָפענונג פאַר יידיש ניט קיין פוסטער חלום, אַזוי לאַנג ווי יידישע שרייבערס וועלן זיין שעפעריש און שרייבן, אָט ווי עס טוט אַברהם גאָלאָמב. זיין פּראַקטיקער עסיי, וואָס איז לעצטנס געדרוקט געוועזן אין „צוקונפט", זאָגט עדות אויף זיין אומאויפהערלעכער שעפערישקייט. זאָל ער שרייבן, און ערנסטע קריטיקערס, יודעי חן וועלן שוין במילא קומען. לעת עתה איז די קריטיק זעלטן וואָגיק, וואָרים זי איז ניט אַנאַליטיש. זי באַגנוגנט זיך מיט בלויז זאָגן, אַז מיט די און די געדאַנקען גאָלאָמבס איז זי מסכים און מיט געוויסע אַנדערע געדאַנקען ניט.

מיין איינדרוק איז, אַז גאָלאָמבס קאָנצעפּציע פון קולטור בכלל און זיין פילאָסאָפיע פון „פאַרזיכיקייט" בפרט נייטיקן זיך אין אַ פיל אַרומנעמענדיקן אַנאַליז, הגם גאָלאָמב אַליין האַלט זייער ווייניק פון פילאָסאָפישער קריטיק. זיין וועג איז דער וועג פון „הלכה", דער גאַנג פון לעבן, דאָס פאַקטישע און דאָס נוצלעכע, דאָס פּראָגמאַטישע. אָבער דער פּראַגמאַטיזם ווי אַ שיטה, דאַכט זיך מיר, איז זייער ווייט פון דער יידישער מחשבה. די יידישע מחשבה האָט גיכער ליב צו



שוועבן אין די הויכע הימלען איידער נידעריק צו דער ערד. דאָך שטיצן זיך אַ סך פון זיינע געדאַנקען אויף גאַנץ פּראַגמאַטישע הנחות: „דאָס פאָלק פירט זיך אַזוי, דאָס פאָלק באַשטייט אַזוי און גאָט דערהייבט דאָס, הייליקט עס." גאָט איז אידענטיש מיט פאָלק. אָט ווי ישראל האָט איצט אידענטיפיצירט אומה מיט אמונה: ישראל, אורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא.

פון זיינע צאָלרייכע ביכער שיינט אַרויס אַ טיפער יידישער דענקער, אַ מוסטערהאַפטער סטיליסט. זיין בקיאות און חריפות דערקענט מען אויף יעדן בלעטל. ביישפּילן און ציטאַטן שטיצן אונטער יעדן געדאַנק זיינעם. זיין זאַכלעכע באַטראַכטונג צוגלייך מיט זיין גליענדיקן פּאַטאָס איז ממש צו באַוווּנדערן. עס וואָרנט אין סטימולירט, עס לערנט און דערהייבט. זיינע אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַרשיידענע פאַזן פון אונדזער קולטור־געשיכטע צייכענען זיך תמיד אויס מיט אַן אייגנאַרטיקן צוגאַנג און לומדיש־לעבעדיקער שפּראַך. פאַסיקע מאמרים פון די חז"ל, באַטעמט מיט ביישפּילן פון זיין רייכן אוצר פון דער נאַטור־וויסנשאַפט און ביאָלאָגיע גיבן צו חשיבות און לייכטקייט צו דער תוכיק אָנגעלאָדענער טעמאַטיק. און די קורצע, פשוטע זאַצן, צוזאַמען מיט די ביישפּילן און אַנאַלאָגיעס, ברענגען אַרויס זיינע געדאַנקען קלאָרער, איינדרוקספולער און בילדלעכער. זיי קריצן זיך איין אין זיכרון אויף לאַנג, לאַנג נאָכצוטראַכטן הגם זייער אמת ווערט טייל מאָל פאַרשטעלט, עס וואָס צוגעדעקט פון די אַנאַלאָגיעס. זייער פּאָעטישער ווערט איז אָן ספק, בעת זייער פאַקטישער ווערט איז באַגרענעצט. למשל:

„ניטאָ אין קיין ברונעם קיין וואַסערן וואָס זיינען פריער ניט געווען אין דער אַטמאָספער. ניטאָ אין די שאַפונגען פון אַ מענטשן, פון דעם געניאַלסטן מענטשן, עפּעס וואָס עס איז ניט געווען אין זיין גייסטיקער אַטמאָספער."

„קיין געניאַלער מענטש שאַפט ניט קיין קולטור יש מאַין. די פּאָטענצן ליגן אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי די זאָמען פון דער שענסטער בלום שטאַמען פון דער פאַרגאַנגענהייט."

גאָר שאַרף און טרעפלעך איז די אַנאַלאָגיע:

„צו לעבן אין צוויי קולטורן איז ווי האָדעווען אַ חיה, וואָס זאָל זיין גלייכצייטיק 'אַ ציג און אַ וואָלף'."

דאָס העלפט שאַפן דעם איינדרוק, אַז ס'זיינען שוין מער ניט נייטיק קיין פאַקטישע באַווייזן פאַר דער אָנגעגעבענער טעזע „אַז אַ מענטש קען ניט לעבן אין צוויי קולטורן." די כסדרדיקע אַנאַלאָגיעס מיט דער אָרגאַנישער וועלט, מיט דער נאַטור, דאַרפן אַפּנים אונטערשטרייכן די אייביקע פאַרבינדונג פון דעם מענטש מיט דער אָרגאַנישער וועלט, ווו עס ווירקן די זעלבע נאַטור־געזעצן. פון דעסטוועגן מעג מען צורעכענען אַמווייניקסטן נאָך צוויי דעטערמינירנדיקע פאַקטאָרן וואָס זיינען ביים מענטשן יאָ דאָ און אין דער אָרגאַנישער וועלט ניטאָ: באַוווּסטזיין און פרייען ווילן. אָט די צוויי אייגנשאַפטן מאַכן אָפּט אַ תל פון דער אָנגענומענער לאָגיק און שאַפן די באַקאַנטע סתירות פון לעבן.

גאָלאָמבס קאַנווע איז די גאַנצע לענג און ברייט פון דער יידישער געשיכטע. אַ שטריך פון גאָר ערשטן גלות מצרים, אַ שטריך פון שיבת ציון אין דער פּערסישער תקופה און אַ שטריך פון 19טן יאָרהונדערט אין מיזרח־אייראָפּע און מען קריגט אַ בילד פון דער „פאַרזיכיקייט־טעאָריע, פון לעבן אין איין קולטור — אין דער שטייגערישער. טאַקע קנעכטשאַפט און מאַטעריעלער דלות, אָפּגעזונדערטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט, אָבער דאָך אינערלעכע גייסטיקע גאַנצקייט און שעפערישקייט הערשט כלומרשט אין די אַלע „פאַרזיכיקייטן". אין מצרים איז דער אָנהויב געווען מיט בלויז איין משפּחה, ביים ערשטן שיבת ציון זיינען דאָס געווען קליינע גרופּעס יידן, וואָס זיינען צוריקקומען און אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט איז מיזרח־אייראָפּע האָבן זיך געציילט בסך־הכל אַ דריי מיליאָן יידן. און אומעטום, ביים סוף פון דער תקופה, האָבן זיך יידן פילפאַכיק פאַרמערט ווי קיין מאָל פריער. אין אייראָפּע — זיך פאַרגרעסערט פיר אָדער פינף מאָל אַזוי פיל! דאָס איז, הייסט עס, דער סוד פון לעבן אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער הערשנ־

דיקער קולטור — עקאָנאָמיש, גייסטיק און שפּראַכלעך. און דאָס דאַרף זיין דער גרויסער מוסר־השכל פון אונדזער געשיכטע.

מען דאַרף ניט דווקא זוכן סתירות אָדער פעלשונגען אין די פאַקטן פון אונדזער געשיכטע. עס זיינען דאָ גענוג אַנדערע אויפגאַבן וואָס זיינען ווערט צו פאָרשן, און מיט רעכט זוכט ער טאַקע דעם אָריגינעלן זין און טייטש פון אַזעלכע טערמינען ווי מצוות און געבאָטן, עבודה זרה, הלכה, תורה און תלמוד תורה; ער זוכט דעם גאַנג בּאַרג אַרויף און בּאַרג אַראָפּ אין אונדזער היסטאָרישער אַנטוויקלונג ווי אַ באַזונדער פאָלק און די אינערלעכע קעגנגעזעצטע כוחות וואָס טרייבן דאָ צו אַסימילאַציע און דאָרט צו אָפּגעזונדערטקייט. דער שטאַרקער דראַנג און די אומאויפהערלעכע טרייב־קראַפט פון זיין פאָרשונג און מאמריסטיק ליגן, דאַכט מיר, אין זיין איבערצייגונג און גלויבן אַז זיין דרך שטעלט מיט זיך פאָר אַ נייעם בליק און אַ נייע באַלייכטונג פון אונדזער אייביקע קיום־פּראָבלעמען.

מען קען ניט לייקענען, דער אופן ווי גאָלאָמב טייטשט און דעפינירט קולטור ווי בלויז שטייגער און טראַדיציע, תורה שבכתב ווי בלויז מצוות פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה, וואָס מען דאַרף אָפּהיטן און תורה שבעל פה ווי הלכות, ווי דער פּראַקטישער, אַקטועלער ג אַ נ ג פון פאָלק, זיין שטייגער, זיינע מינהגים און געירשנטע טראַדיציעס פון דער סאַמע לעצטער תקופה, וואָס ווערט פאַרהייליקט ווייל עס איז דאָס פאַקטישע לעבן פון פאָלק, און גאָט, ווי דער שומר און „משרת" פון פאָלק, וואָס הייסט־גוט דעם גאַנג פון פאָלק און אַקצעפּטירט אים — איז אָן ספק אייגנאַרטיק, אויב ניט אָריגינעל, הגם עס קלינגט דאָך טראַדיציאָנעל, ווי גענומען פון די חז"ל. גאָט ווי דער שומר ישראל, איז געוויס טראַדיציאָנעל; נאָר גאָט ווי אַ באַדינער, אַ מין משרת פון ישראל, וואָס „מוז" מסכים זיין און מקבל זיין דעם שטייגער, דעם גאַנג, די הלכות מדרבנן און דערמיט דערהייבן סיי די הלכות סיי דאָס פאָלק צו זיך, צו „געטלעכקייט" — דאָס איז, דאַכט מיר, גאָלאָמבס אייגענער טייטש און אייגענע באַלייכטונג.

„לימוד התורה אָפּערירט מיט מצוות — גאָט הייסט אַזוי! תלמוד תורה אָפּערירט מיט הלכות — שטייגער, נאָרמען. ניט וואָס גאָט הייסט אַזוי, נאָר דאָס פאָלק פירט זיך אַזוי. דאָס פאָלק שטעלט איין און גאָט נעמט אָן; גאָט פאַרהייליקט וואָס דאָס פאָלק באַשטימט." גאָט ווערט אידענטיש מיט פאָלק, אַ סינאָנים פאַר פאָלק.

דאָס איז אַן אויסצוג פון זיין עסיי „קיום פילאָסאָפיע פון די חז"ל." עס וואָלט מסתמא געווען פאַלש צו זאָגן, אַז דאָ איז ניטאָ קיין חידושי תורה, אַז עס איז בלויז איבערגעזאָגט וואָס אַנדערע האָבן שוין פריער געזאָגט. ניין, עס איז גראָד אַ גוט דורכגעטראַכטע און טיפע אָפּהאַנדלונג פון אַ רייך און קאַרדינאַל קאַפּיטל יידישע קולטור־געשיכטע. עס שאַפט דעם איינדרוק ווי דאָס וואָלט געווען דער לייטער אויף וועלכן דער מחבר קלעטערט „צו די הייכן פון יידישן גייסט." פון דאַנען שעפּט ער זיין באַגייסטערונג און ביטחון און פון דאַנען ציט זיך זיין אייגנאַרטיקער וועג צווישן וועלטלעכע יידן. און פונקט ווי די פּרושים האָבן אין זייער צייט זיך ניט געקימערט, וואָס זיי האָבן געהאַט קעגן זיך אַזוי פיל קעגנער, ניט דווקא די צדוקים נאָר אויך אַנדערע, ווי אויך די בית שמאי ווי עס הייזט דער קאַמף וואָס ס'האָט זיך דאַן צעפלאַקערט אַרום רבן גמליאלס פירונג אין איינשטעלן נייע תקנות, זיין זעלבסטהערשאַפט ממש, אַזוי מאַכט גאָלאָמב ניט קיין וועזן, וואָס ער גייט אין זיין געדאַנק קעגן דער מערהייט און בלייבט אָפט אַליין, מיינענדיק אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג פאַרן פאָלק, דער איינציקער וועג. ווארום דעמאָקראַטיע, טייטשט גאָלאָמב ניט ווי די מערהייט פון פאָלק באַשטימט, נאָר אמתע דעמאָקראַטיע, זאָגט ער, „מיינט לעבן און שאַפן אין גייסט פון פאָלקס באַגריפן, שטייגער און עמאָציעס." אַרט אים ניט וואָס גראָד אין פאַקטישן לעבן מיינט דעמאָקראַטיע נ אָ ר ווי די מערהייסט באַשטימט, אפילו ווען די מערהייט איז, לויט אונדזער מיינונג, אומגערעכט און אַז פאָלקס־באַגריפן און עמאָציעס זיינען אין אַ סך פאַלן גראָד די מיטלען וואָס די שונאים פון פאָלק, אָדער די זעלבסט־געקרוינטע הערשערס,



נוצן כדי צו פאַרדעקן זייער זעלבסטהערשאַפט.

מיט אַזאַ זיכערקייט גייט ער זיין אייגענעם וועג און קעמפט פאַר אַ ברייטערער פאַרשטענדעניש פון יידישקייט, פון אינטעגראַלער יידישקייט, נאָך לאַנג, לאַנג איידער ער האָט אָנגעשריבן אָט דעם עסיי. אָבער דאָ זעט מען זיינע געדאַנקען ווי רעפלעקטירט פון דעם גרונטקוואַל. דאָ אידענטיפיצירט זיך גאָלאָמב אין גאַנצן מיט דער ריכטונג וואָס האַלט מיטן פאָלק — אין הסכם מיט דער באַגריפן־וועלט פון די חז"ל:

„די תורה, גאָטס תורה, איז אין פאָלק, אין זיין פירונג. דאָס פאָלק שאַפט און האַלט אויף די תורה און ניט פאַרקערט, ווי די צדוקים האָבן געהאַלטן און ווי די אָרטאָדאָקסיע און די רעפאָרמער האַלטן עס היינט."

אין אַלגעמיין ווערט דאָ אַוועקגעשטעלט דער באַגריף פאָלק ווי דאָס סאַמע העכסטע וועזן, אפילו העכער פון גאָט דעם באַשעפער. אַ פּנים אָן פאָלק קען ניט געמאָלט זיין קיין גאָט. און לאָגיש קען מען דאָס אויך לייכט פאַרשטיין — גייסט נשמה, האָט אַ זין בלויז ווען עס געפינט אויסדרוק אין מענטשן. אַנדערש קען מען דאָס מיט אונדזערע חושים ניט באַגרייפן. אין אַזאַ פאַל איז כמעט אוממעגלעך צו לייקענען די אַלמעכטיקייט און פּערפעקטקייט פון פאָלקס־ווילן און גייסט.

אַזאַ שטאַנדפּונקט קען אָבער ניט האָבן קיין שטאַרקן באַזיס אין דער ווירקלעכקייט, דען מיר ווייסן, אַז דאָס פאָלק קען אויך זיין אומגערעכט, אַז ס'האָט בכלל אַ שוואַכקייט צו פאַרגעסן זיין אייגענע תורה און אַז צופיל זיך צו פאַרלאָזן אויפן פאָלק איז טייל מאָל אַ סכנה. עס שאַפט זיך דעריבער דער איינדרוק פון גאָלאָמבס פילאָסאָפישן צוגאַנג צו דער יידישער געשיכטע, אַז ער באַטראַכט דאָס גאַנצע יידישע לעבן ווי עס וואָלט פונקציאָנירט בלויז פאַר זיך, אַזוי ווי אין אַ חלל, אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער וועלט. עס איז אָבער קלאָר, לויט אַלע סימנים, אַז אפילו די געטאָ בשעת מיטלאַלטער איז ניט געווען אַזוי הערמעטיש אָפּגעשלאָסן, אַז יידן זאָלן ניט ווייסן וואָס עס גייט אָן אין דער אַרומיקער וועלט.

יידן זיינען טאַקע געווען אָפּגעזונדערט און דאָך שטענדיק געווען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער ברייטער וועלט, ניט נאָר עקאָנאָמיש נאָר אויך אינטעלעקטואַל. עס איז אָן ספק, אַז אַזוי איז אויך געווען אין דער העלעניסטישער תקופה. דען דער גאַנצער גייסטיקער סיסטעם, וואָס די פּרושים האָבן אַזוי וווּנדערלעך רעוואָלוציאָנירט — דאָס איינפירן דעם בית־דין הגדול, די ישיבה אַקאַדעמיעס מיט דעם נייעם אופן פון לערנען און טייטשן דאָס געלערנטע, די פאַרשטאַרקונג פון ביטחון אין דער גאולה און אין דער השגחה פרטית, די פאַרשפּרייטונג פון גלויבן אין תחית המתים און אין עולם הבא, אין אַ צייט ווען אַלע האָבן ממש געפילט און געזען ווי די אַמאָל זיגרייכע, איינגעפונדעוועטע העלעניסטישע וועלט האָט גאָר גענומען זיך וואַקלען און פאַנאַנדערפאַלן אויף שטיקלעך — דאָס אַלץ איז דאָך געווען ניי פאַר די יידן. קען מען טאַקע טראַכטן, אַז די דרויסנדיקע ניט־יידישע וועלט האָט גאָר ניט משפּיע געווען דאָס יידישע לעבן? שוין דער מעטאָד פון לערנען, פון די דיסקוסיעס אין דער גמרא דערמאָנט דאָך שטאַרק אָן דער גריכיש־קלאַסישער לאָגיק פון דעדוקציעס און אימפּליקאַציעס, די גזרה שווה און די קל וחומרס, מיט וועלכע די תנאים האָבן זיך אַזוי דערפאָלגרייך באַנוצט. אַלע תקנות וואָס די תנאים האָבן איינגעפירט זיינען דאָך געווען אויפן סמך, וואָס זיי זיינען ניט געווען קיין שפּאָגל־נייע אַנטפּלעקונגען נאָר ריין לאָגישע אימפּליקאַציעס פון תורת משה.

עס לייגט זיך דעריבער אויפן שכל, און אויך אויפן סמך פון דאָקומענטאַציע, אַז די אַזוי גערופענע אָפּגעזונדערטקייט און פאַרזיכיקייט פון דעמאָלסטדיקן יידישן לעבן איז אפילו ניט געווען פולע הונדערט פּראָצענט. און אַז די יידישע קולטור־שעפערישקייט שטאַמט ניט פולע הונדערט פּראָצענט פון אָט דער אָפּגעזונדערטקייט.

אָפּגעזונדערטקייט איז ניט אַלע מאָל אַ סגולה צו אמתער שעפערישקייט, ספּעציעל אין אונדזערע צייטן פון אָפענער און פרייער קאָמוניקאַציע. שעפערישקייט קען אויך זיין אַ רעזולטאַט פון קאָנטאַקט פונקט ווי פון איזאָלאַציע. אויך אין מיטל־

אַלטער זיינען יידישע תלמידי חכמים שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון פרעמדע קולטורן: ביי וועמען די פרעמדע השפעה האָט פאַרשטאַרקט דאָס יידישקייט (רמב״ם) און ביי וועמען דאָס האָט אָפּגעשוואַכט אָדער אפשר דאָס גאָר אויסגעברייטערט (שפינאָזאַ). קיין כלל גדול איז דאָס ניט. אָבער זיך אָפּגרענעצן, ווי די חז״ל זיינען באַשטאַנען און דעריבער פאַרמערט די גזירות און תקנות, איז היינט שווער צו באַנעמען און צו פאָלגן.

טענהט אָבער פריינד גאָלאָמב זייער ריכטיק — און דאָס איז דער זין פון זיין אינטעגראַלער יידישקייט — אַז אָט די אַלע זעלבסטפאַרשטענדלעכע השפעות פון איין פאָלק אויפן אַנדערן, פון איין קולטור אויף דער אַנדערער, זיינען געזונטע, פּאָזיטיווע דערשיינונגען בלויז ווען זיי אַנטוויקלען זיך אָרגאַניש, ווען זיי וואַקסן אַרויס פון דער אָרגאַניש־פאָלקישער גאַנצקייט, ווען זיי זיינען נישט מעכאַניש נאָכגעמאַכט, ניט קאָפּירט. ווו איז די קריטעריע אָפּצושיידן אייגנס פון פרעמדס? און דער סימן, ענטפערט גאָלאָמב, איז צו פרעגן פון וואַנען שטאַמט עס? מן התורה מניין? דאָס היינטיקע מוז שטאַמען פון דעם פריערדיקן. „די יונגע, צאַרטע צווייגעלעך פון אַ בוים מוזן אָנוואַקסן אויף די אַלטע, פון די אַלטע וואָרצלען.״

יאָ, דאָס איז טאַקע דער דרך פון נאַטירלעכער אַנטוויקלונג, פון המשך. „לעבן מיינט באַנייאונג.״ צי קען מען אָבער פאַרגלייכן סאָציאַלע באַנייאונג מיט באַנייאונג אין דער נאַטור? סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע באַנייאונג איז זעלטן לויט די כללים פון דער נאַטור־וועלט, ווו עס הערשן די אייזערנע געזעצן פון רעגלמעסיקער באַוועגונג פון זומער און ווינטער, טאָג און נאַכט. מענטשן זיינען אָבער קאַפּריזנע באַשעפענישן — היינט גייען זיי אין שפּאַן און מאָרגן וועלן זיי רעוואָלטירן. און יידן, ווי באַקאַנט, זיינען נאָך מער קאַפּריזנע.

„אין דער פסיכיק פון יידן בכלל פעלט איין וויכטיקער עלעמענט: פאָלקס געטרייקייט. אַלע יידישע ריכטונגען זיינען געטריי צו באַזונדערע עלעמענטן פן יידישקייט אָבער ניט צום יידישן פאָלק בכלל.״ (א. גאָלאָמב).

נאַציאָנאַלע אויפטרייסלונגען קומען פאָר לויט גאַנץ אַנדערע כללים. פאַר געניטע באַאָבאַכטערס איז ניט שווער איצט איינצוזען די נייע כוחות וואָס ווירקן איצט אין אונדזער לעבן — די השפעה פון מדינת ישראל, די גרויסע פאַרמעסטן און די פאַראַנענע יידישע לערן־אינסטיטוציעס, ווי טאָגשולן; די גרויסע אומצופרידנקייט מיטן יידישן קולטור־מצב, וואָס האַלט זיך אין אויסשפּרייטן צווישן מער און מער יידן; די קלאָרע איינזעעניש, אַז בילדונג אַליין איז נישט גענוג; די בענקשאַפט נאָך אַן איינגעשטעלטן, דיסציפּלינירטן און דאָך פרייען נוסח פון יידישקייט, וואָס זאָל זיין אָננעמבאַר פאַר דער גרויסער מערהייט יידן — דאָס זיינען סימנים פון אונדזער איצטיקער טיילווייזער באַנייאונג. דאָס פאַרפליכטעט אונדז טאַקע צו זוכן און צו געפינען פּאַסיקע הלכות, פירונגען און מעשים, פּונקט אַזוי ווי די חז״ל האָבן געטאָן אין זייערע צייטן.

ווער אָבער פאַרמאָגט אַזאַ אויטאָריטעט אין היינטיקן יידן לעבן? די מערסטע פירנדיקע ריכטונגען אַנערקענען יידישקייט נאָר ווי אַ רעליגיע, אַ גאָט־רעליגיע און ניט קיין פאָלק־רעליגיע. זיי פאַרבינדן נאָך דערווייל ניט די היינטיקע שטייגערישקייט, אַקטועלקייט, מיט דאָס פאַרשריבענע פון אונדזער פריערדיקער תקופה, די לומדיש־שטעטלשע. זיי שפּרינגען אַריבער אַלע תקופות און האַלטן זיך כלומרשט נאָר ביי דער תקופה פון שולחן ערוך. אין גאַנץ קאָנקרעטע פאַלן סטראַשען די פרומע אפילו צו צעשפּאַלטן דאָס פאָלק אויב מדינת ישראל וועט זיך ניט פירן לויט זייער אויסטייטש פון דער הלכה. פון דער אַנדערער זייט באַשטייט, לאָמיר זאָגן, אַזאַ רעפאָרמער ווי מרדכי קאַפּלאַן, אַז אַלע דאָגמעס און אַלץ וואָס איז אין סתירה צו דער היינטיקער וויסנשאַפט מוזן אויסגעשיידט ווערן פון אונדזער יידישקייט. און אין לעצטן סך־הכל באַשטימט דאָס פאָלק אַליין וואָס מ׳מעג און וואָס מ׳טאָר ניט. ס׳איז כמעט הפקר.

צי אָט דער פאַקטישער צושטאַנד געפעלט אונדז צי ניט, מבטל מאַכן אָט די אַלע פאַרמעסטן טאָר מען ניט. די אינטעלעקטועלע פאַרטיפונגען און די פאַקטישע דערגרייכונגען פון אַזעלכע יידן ווי מרדכי קאַפּלאַן, אַברהם העשל ע״ה, די יידן אַרום דער ישיבה־אוניווערסיטעט און די טעאָלאָגישע סעמינאַרן, מוזן אַרויסרופן באַוווּנדערונג און האָפענונג. עס שוואַכט אָפּ אַ סך פון דעם איינגעגעסענעם פעסימיזם. אמת, מ י ר פאַרנעמען זיך ניט מיט טעאָלאָגיע, אַנדערע יידן — יאָ! איז דאָס נאַטירלעך זייער פּריווילעגיע צו מיינען, אַז אין טעאָלאָגיע ליגט די גאַנצע יידישקייט. נאָר צי וועלן די אַלע אָנשטרענגונגען און פאַרמעסטן צו שטאַרקן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום קענען אָפּשטעלן די שטאַרקע פּראָצעסן פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע און געמישטע חתונות? . . .

אברהם גאָלאָמב, אונדזער אומדערמידלעכער און ענטוזיאַסטישער פאָרשער און לערער, האַלט אַז ניין — „אַ פאָלק קען ניט לעבן אין צוויי קולטור, אין דער אייגענער און אין דער פרעמדער!״ מסכים, צי ניט, עס איז אַ פאַקט, אַז מיר לעבן יאָ און אַז אָט די פאַרפרעמדונגס־פּראָצעסן זיינען די באַגלייט־דערשיינונגען פון ציוויליזאַציע און קולטור אין וועלכע מיר האָבן אויך אַ גרויסן חלק סיי ווי אַ פאָלק סיי ווי יחידים. די שעפערישע שטודיעס פון אַזעלכע שרייבערס און דענקערס ווי גאָלאָמב קענען דעריבער אַ סך העלפן צו געפינען אַ מער זיכערן וועג פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און המשך אין דער היינטיקער שטאַרק קאָמפּליצירטער וועלט. די וואַרעמע ברכות און באַגריסונגען, וואָס ווערן איצט אויסגעדריקט אין „חשבון״, האָט ער זיך כשר פאַרדינט.



יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# אַ וואָרט צו אַ באַגריסונג

## (צו אברהם גאָלאָמבס 85 יאָר)

„אַ מענטש מוז פאַרמאָגן אַ גלויבן, אַן אידעאַל. מענטשן אָן אמונה זענען טראַגיש פאַר זיך אַליין און זיי זענען טראַגיש פאַר דער סביבה. אַ מענטשלעכער קאָלעקטיוו אָן אמונה קען חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט. אַ קולטור, וואָס איז נישט באַזירט אויף קיין אמונה איז שעדלעך, ווייל זי דעגענערירט אין עגאָאיזם, אין צביעות, אין פאַלשקייט. אַ דערציונג אָן אמונה איז ווידער געפערלעך.״

אברהם גאָלאָמב: „אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק״)

איך האָב די שורות פון גאָלאָמבס אַ בוך גענומען ווי אַ מאָטאָ צו מיין באַגריסונג. יעדערער פון אונדז, וואָס קען דאָס לעבנס־בוך פון אברהם גאָלאָמב — זיין דערציערישע טעטיקייט פאַר די יונגע דורות אין יידישן שולוועזן, אין זיין דערציערישע אַרבעט פאַר דערוואַקסענע דורך זיינע צענדליקער אַרויסגעגעבענע ביכער — ווייסט ווי אָפּצושאַצן — און מיט אַ סך וואַרעמקייט — דעם בעל־מאמין, דעם גרויסן אידעאַליסט און די ראָל און דעם אָרט פון אונדזער בעל־יובל אין יידישן חינוך און אין דער יידישער קולטור.

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס זיינע יובילייען ווערן אָפּגעצייכנט אויף אַ פייערלעכן אופן, אומעטום ווו עס לעבן זיינע תלמידים און פריינד — מחמת אפילו אויך די וואָס זענען מיטן בעל־יובל אין אידעישן געפּעכט, רעספּעקטירן אים, אי פאַר דעם וואָס ער האָט דערגרייכט און אויפגעטאָן דורך זיין פּעדאַגאָגישער מי פאַר יונגוואַרג און עלטערע, און אויך פאַר זיין אומבייגזאַמער אויסגעשפּראָכענער פּערזענלעכקייט ביים פאַרטיידיקן זיינע אידעען און איינשטעלונגען מיט אַזאַ עקשנות און ברען, וואָס איז אים אַזוי אייגן ביז היינט צו טאָג.

אברהם גאָלאָמב איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ סך אמונה און ער האָט קערנער געזייט אין יידישן קולטור־לעבן און אין יידישער דערציונג. זיין כאַראַקטעריסטישע אומקאָמפּראָמיסלעכע פּערזענלעכקייט האָט געפאָדערט מעשים און, נאָן־קאָנפאָרמיזם אויף אונדזער יידישער גאַס און צוליב דעם איז ער געוואָרן אַן

איש מלחמה, אַ מוכיח און קריטיקער מיט אַזאַ שאַרפֿער פּען.

ווייסן מיר, אַז קריטיק איז שווער צו שלינגען און פֿאַרדייען. און דער וואָס אַנגאַזשירט זיך אין דעם, דאַרף זיין גרייט צו פֿעכטן מיט אַלע זיינע כּלי־זין... עס איז פּונקט ווי אין אַ מלחמה, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין קריג קען מען געהרגעט ווערן נאָר איין מאָל... אָבער אַ קריטיקער, וואָס איז ווערט דעם נאָמען, וועט זיך נישט אָפּשטעלן פֿאַר די פּיילן וואָס וועלן אויף אים פֿאַלן מצד די וואָס פֿילן זיך פֿון אים געטראָפֿן... קריטיק אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, ווי אין דער ליטעראַטור און קונסט, דערפֿילט אַ נייטיקע פֿונקציע. עס איז די פֿונקציע ווי ליידן אין מענטשלעכן קערפּער וואָס ציט צו די אויפֿמערקזאַמקייט צו דעם אומגעזונטן צושטאַנד פֿון אָרגאַניזם.

דורך זיינע 40 פֿאַרעפֿנטלעכטע ביכער, האָט אברהם גאָלאָמב באַוויזן, אַז ער האָט מיט וואָס צו גיין אין מלחמה אַריין! דער געראַנגל פֿאַר קיום האומה און פֿאַר יידיש לשון איבער וועלכע ער פֿלאַטערט מיט אַזאַ ליבשאַפֿט און שטאַרקע איבערגעגעבנקייט, האָט באַקומען אין זיינע ווערק אַ גרויסצוגיקן פֿאַרנעם, וואָס גיט זיך איבער צום לייענער און שטעקט אים אָן מיטן מחברס ליידנשאַפֿטלעכע וואָרנונגען און מאָנונגען. אַברהם גאָלאָמב האָט מיט זיינע עסייען און היסטאָריאָסאָפֿישע עקסקורסיעס באַוויזן, אַז ער שפּירט די האַנט פֿון דער יידישער געשיכטע און פֿון יידישער גורלדיקייט אויף זיינע אַקסלען. ער האָט די שפּירונג פֿון זיין געשיכטלעכער אחריות געפֿורעמט און באַגרינדעט אין זיינע שאַפֿונגען און אידעען אין וועלכע ער האָט אַריינגעגעבן זיין איך, פּונקט ווי אַ קינסטלער לייגט אַריין זיין איך אין די ווערק וואָס ער שאַפֿט.

אברהם גאָלאָמב האָט געזוכט משפּיע צו זיין מיט זיינע וויזיעס און מעשים. צי האָט ער מצליח געווען? האָט זיין אידעאַליזם און זיינע חלומות באַווירקט אונדזער דור אויפֿצוטאָן גרויסע זאַכן? ליידער האָבן זיך נישט אָפּגערופֿן די פּאָטענציעלע יידישע יידן, וואָס האָבן געקענט עפּעס דערגרייכן אין ממשותדיקע מעשים מצד יידישער וועלטלעכקייט און וועלטלעכע יידישקייט, אָט די וואָס האָבן אין גאָלאָמבס ווערק באַקומען די בעסטע דעפֿיניציעס און באַגרינדונג.

דאָך וואָלט געווען נישט ריכטיק צו זאָגן אַז זיין שטים איז געווען אַ קול קורא במדבר. ווען אַ רעדנער, אַ לעקטאָר שטייט פֿאַר אַן עולם, פֿילט ער צי זיינע ווערטער האָבן אַן אָפּקלאַנג און ביי וועמען. אין יעדער גרופּע געפֿינט ער אַ געוויסע צאָל מענטשן, וואָס הערן זיך צו מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט; מער נאָך, געוויסע געזיכטער טרינקען ממש יעדעס וואָרט און שאָקלען צו מיטן קאָפּ צו אַלץ וואָס ער זאָגט. בלתי ספק, אַז גאָלאָמב האָט אויך נישט ווייניק אַזעלכע חסידים וואָס שלינגען זיינע רייד און ריכטליניעס פֿון אַ פֿאַרזיכיקן יידישן וועג.

יעדער יובילאַר מאַכט זיך אַליין אַ חשבון הנפש ביחידות. אברהם גאָלאָמב האָט עס געטאָן בעת די אָפּצייכענונגען פֿון זיינע פֿריערדיקע געבוירן־טעג און די פֿייערונגען לכבוד אים. ער האָט דעמאָלט וועגן זיין אַרבעט און טעטיקייט געזאָגט: „אַ סך צענדליקער יאָרן אַרבעט — אַלע מאָל טאַקע געטריי אַ פֿאָלקס־אידעע, אָבער אַ סך מאָל געלאָפֿן מיט חרובע אידעען אין האַרצן...“ אָט דאָס איז דאָך געשען מיט אַ גאַנצן דור, וואָס האָט, לויט גאָלאָמבס באַצייכענונג „אַ סך געוואָלט, אַ סך געחלומט, אָבער נאָך מער געבלאָנדזשעט אויף די וועגן פֿון לעבן.“

דאָס זענען אמתדיקע רייד, אָבער דאָס פֿאַרמינערט נישט אויף אַ האָר דעם גרויסן חלק ונחלה, וואָס דער בעל־יובל האָט אויף די פֿעלדער פֿון יידישער דערציונג, יידישער קולטור, און יידיש לשון. די אַלע דריי זענען ביי אים פֿאַרבונדן אין אַ גאַנצקייט פֿון איין בנין, אין וועלכן ער האָט אַריינגעמויערט זיינע בעסטע יאָרן. ווען איך טראַכט וועגן זיין ליבשאַפֿט צו יידיש, וואָס איז ביי אים אהבת נפש, קומט מיר אויפֿן זכרון צוויי עקסטרעמע פֿאַלן, וואָס זענען אַזוי באַלערנדיק אין זייערע עקסטרעמע שיידליניעס און אויסקלאַנגען אינעם יידישן לעבן פֿון דער לעצטער תקופֿה.

ש. ל. ציטראָן דערציילט אין זיין ווערק „משומדים“ די אויסטערלישע באַציונג



פֿון משכּילישן שרייבער, חיים זעליג סלאָנימסקי, צו דעם שמד־אַקט פֿון זיין זון יעקבֿ, וועמען ער האָט דערצויגן אין גייסט „עבֿרית או רוסית“ און טאַקע מיט פֿאַראַכטונג צום „זשאַרגאָן“ פֿון פֿאָלק. ווען זיין זון האָט דעם טאַטן אָנגעזאָגט די „גוטע בשורה“, אַז ער האָט זיך געשמדט און זיין נאָמען איז ריין קריסטלעך, לעאָניד לודוויק, אויף דעם בריוו, האָט דער אַלטער חיים זעליג סלאָנימסקי אים געענטפֿערט בזה הלשון: „איך האָב נישט צו דיר קיין טענות הלמאי דו האָסט אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. איך וועל דיר אָבער קיין מאָל נישט מוחל זיין וואָס דו האָסט זיך אונטערגעשריבן יאַקבֿ מיט אַן אלף (און נישט מיט אַן עין, יעקבֿ).“ און דאָס זאָגט מער ווי גאַנצע בענדער!

און איצט אַ צווייטער ביישפּיל: אברהם סוצקעווער האָט אין געטאָ געבראַכט צום לערער און מוזיקער, יעקבֿ גערשטיין, דעם ליבלינג פֿון יידישן ווילנע — זיין פּאָעמע „דאָס קבֿר־קינד“.

„גערשטיין — דערציילט סוצקעווער — איז שוין דאַן געווען מער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער. זיין פּנים איז געווען געלער פֿון וואַקס. די אויגן, פֿאַרגליווערטער נעפּל. און די בריסט האָט זיך ביי אים קוים געהויבן. הערנדיק סוצקעווערן לייענען די פּאָעמע, האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן: „פּאַרוואָסטו געשריבן ‚יינגל‘ מיט אַן אלף (איינגל)?!“

זיין אַחריות און ליבשאַפֿט פֿאַרן יידישן וואָרט איז געווען פֿון אַזאַ טיפֿקייט, אַז אַפֿילו ווען דער טויט איז צו אים געשטאַנען צוקאָפּנס, ממש שוין פֿאַרן אויסהויכן די נשמה, האָט ער אין זינען געהאַט דעם ייווא־אויסלייג פֿון שרייבן — יינגל מיט צוויי יודן... פֿאַר גערשטיינען ז"ל, ווי יבדל לחיים, פֿאַר גאָלאָמבן, איז די געשווירענע געטריישאַפֿט צו יידיש לשון, אין אַלע אַספּעקטן פֿאַרבונדן מיט יידיש לעבן, חינוך און קולטור.

וויל איך לסוף ווינטשן דעם בעל־יובל, דעם לערער מיט גרויס וויסן און געוויסן, אריכת ימים ושנים, נאָך אַ סך געזונטע שעפֿערישע יאָרן, צו באַרייכערן די יידישע מחשבה מיט די שאלות ותשובות פֿון אונדזער צייט. עס זיינען אונדז געבליבן זייער ווייניק אַזעלכע גרויסע יידן פֿון אַברהם גאָלאָמבס שניט, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייערע כּוחות און דאָס בעסטע פֿון זיך אין געראַנגל פֿאַרן גייסטיקן כּוח פֿון יידישן מענטש און פֿאָלק.

---

מיר זיינען פֿול מיט באַוווּנדערונג פֿאַר דער אַלזייטיקייט און שעפֿערישקייט פֿון **אברהם גאָלאָמב** ווי אויך פֿון זיין נביאישן פּאַטאָס. לאַנג לעבן זאָלט איר און ווייטער באַווירקן אונדז מיט שריפֿט און וואָרט:

לילען און מאיר וויינטרויב

לילי און עמנואל גאָלדפֿאַרב

רבקה און זיגמונט לעוו

דאָריס און יצחק קאָלער

פֿרידאַ און בנימין צמח (מעקסיקאָ)

חוה און העניך בערמאַן

---

אַלעקס ראַבין

# מדרש אברהם גאָלאָמב

זלמן זילבערצווייג ע"ה האָט מיך אַמאָל באַטיטלט: „אברהם גאָלאָמבס נושא כלים." מיין ענטפער איז געווען, אַז בלויז אַ טייל פון גאָלאָמבס כלים, ווייל אויף אין גאַנצן קלעקן ניט מיינע כשרונות. אפילו צו באַנעמען דעם גאַנצן גאָלאָמביזם בין איך ניט מסוגל. ס'איז אָבער אמת, אַז גאָלאָמב האָט געהאַט אַ גאָר גרויסן איינפלוס אויף מיר, פריער דורך לייענען זיינע שריפטן, אין וועלכע איך האָב געפונען אַן אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו יידישקייט און יידישער פּראָבלעמאַטיק — אַ צוגאַנג וואָס איז מיר געווען צום האַרצן, און שפּעטער, זינט 1957, אַ ברייטן שטח פון קולטור־ענינים, אנגעשלאָסן ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן.

אײדער איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט פּערזענלעך, ווען איך האָב אים בלויז געקענט פון שרייבן, האָב איך געטראַכט, אַז איך וועל פאַר אים מורא האָבן. איך האָב זיך אים פאָרגעשטעלט ווי אַ שטרענגער מוסר־זאָגער, מיט מאַקסימאַלע פאָדערונגען פון יעדן ייד. זיינע אָפּט עקסטראַוואַגאַנטע אַרויסזאָגונגען און באַהויפּטונגען האָבן מיר געקלונגען ווי אומקאָמפּראָמיסלעך און צופיל פאָדערנדיק.

איך האָב זיך גיך באַפרייט פון אָט דעם איינדרוק. איך האָב אין גאָלאָמבן דערקענט אַ מילדן מענטשן, וועלכער לערנט און זאָגט מוסר מיט אַ שמייכל. אין זיינע שטראָפרייד איז פאַראַן אַ וואַרעמקייט און איר ווילט הערן מער. מיין פריערדיקע אומזיכערקייט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טיפן דרך־ארץ און פאַרערונג.

אַז איך פּרוביר פאַרשטיין וואָס זיינען געווען די הויפּט־גורמים אין גאָלאָמבס מחשבה און פּערזענלעכקייט, וואָס האָבן אויף מיר משפּיע געווען, טראַכט איך אַז צו ערשט ווייל ער איז פון די געציילטע איבערגעבליבענע פון יענער גייסטיקער וועלט, פון יענעם דור ראשונים, וועלכער האָט רעוואָלוציאָניזירט דאָס גאַנצע יידישע לעבן פון אונדזער יאָרהונדערט, און געלייגט אַ חותם וואָס ציט זיך ביז היינט.

דאָס איז געווען דער געבענטשטער דור וואָס האָט באַפרוכפּערט אונדזער יידיש לעבן אויף אַלע שטחים: קולטורעל, סאָציאַל, פּאָליטיש.

לייענען אָדער זיך צוהערן צו גאָלאָמבן מיינט זיך צו באַקענען מיט די סאָציאַלע, היסטאָרישע און פילאָסאָפישע קאָנטעקסטן פון וועלכע ס'האָבן זיך גענומען אונדזערע באַוועגונגען, השקפות און דערגרייכונגען. אברהם גאָלאָמב איז געשטאַנען אין דער וויגעלע פון אונדזערע אָנהייבן, ביי די בלאָנדזשענישן און זוכענישן פון אונדזער אינטעליגענץ פון יענער צייט — פון דער שטורמישער עפּאָכע פון אונדזער יאָרהונדערט, אָנהייבנדיק מיט וועלטלעכקייט, שולן, העכערע לערן־אינסטיטוציעס, אויטאָעמאַנציפּאַציע, קולטור־ליגע, ייוואָ, קולטור אויטאָנאָמיע, גלות נאַציאָנאַליזם און נאָך און נאָך. (אגב האָט גאָלאָמב לעצטנס דערציילט, אַז ער איז דער לעצט פאַרבליבענער פון דעם קרייז יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט אין 1925 געגרינדעט דעם „ייוואָ" אין ווילנע).

מיט אברהם גאָלאָמבן איז פאַרבונדן דעצידירנדיקע יידישע געשיכטע און געשעענישן פון אַ גרויסער יידישער תקופה, און איר האָט דאָס געפיל אַז פאַר אייך שטייט איינער פון אונדזערע גרויסע מאָסגעבנדיקע געשטאַלטן.

ער באַמיט זיך נאָך עד היום צו געבן צו פאַרשטיין די שייכות צווישן שפּראַך און פאָלק, שפּראַך און קולטור — אפילו נאָך איצט, ווען מיר שליסן אָפּ די לעצטע קאַפּיטלען פון יענעם אויפבּרויז, וואָס האָט גרינטלעך איבערגעאַנדערשט אונדזער לעבן און האָט דערוואָרבן אַזעלכע גרויסע קולטור־ווערטן, און הגם ס'האַלט זיך איצט ביים אויסלעשן, זיינען אָבער גאָלאָמבס געדאַנקען פול מיט דעם און זיין האַרץ איז פול מיט זאָרג.

נאָך אַ גורם וואָס האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף מיר איז וואָס איך האָב אין גאָלאָמבן דערקענט אַ ייד פון איין צענטראַלער אידעע, וואָס פאַרשלינגט אים אין גאַנצן און שטראַלט פון אים אַרויס.



אין אַ סך פאַלן וואָלט דאָס אפשר געווען אַ חסרון, אָבער ביי גאָלאָמבן איז דאָס אַ סימן פון גאַנצקייט, פון וואַנען ס'שטראָמען זיינע טעאָריעס וועגן יידישקייט. ער רופט זיין שיטה אָן מיט פאַרשיידענע נעמען, ווי: אינטעגראַלע יידישקייט, פאַרזיכיקייט, הלכה, תלמוד־יידישקייט, אומעטומקייט, און נאָך, אָבער דער יאָדער פון דעם איז, אַז יידן זאָלן פירן אַן אייגענעם שטייגער לעבן אין אַ יידישער אַטמאָספערע, כדי די יידישע גייסטיקע אינטערעסן זאָלן באַווירקט ווערן פון יידן גופא, און ניט פון דעם אַרויס — אַז יידיש לעבן דאַרף אין זיך אינטעגרירן דעם גאַנצן סכום יידישקייט: רעליגיע, וועלטלעכע, פאָלקסטימלעכע, אַלע יידישע שאַפונגען פון יידן אויף יידישע לשונות.

גאָלאָמב אַנאַליזירט אַלץ דורך דער פּריזמע פון דורותדיקער געשיכטע (שטאַרקמאַן רופט דאָס היסטאָריאָסאָפיע) אָדער אַ מאָל צו באַטור אַנטוויקלונגען. אַזוי האָט ער אַ מאָל ליב צו פאַרגלייכן פעלקער צו פלאַנצן אָדער ביימער. בלעטער און צווייגן פאַלן אָפּ אָדער דאַרן איין, אָבער ס'וואַקסן אָן נייע, פרישע. ס'קומט פאָר אַ כסדרדיקע באַנייאונג פון יידישקייט. אַ מאָל פאַרגלייכט מען יידישע געשיכטע צו אַ טייך־באַסיין. די טיפקייט זיינען די יאָרן. אַ מאָל איז דער טייך ברייטער און אַ מאָל שמעלער, אָבער דער שטראָם איז אייביק. אפשר נעמען זיך אָט די אַנאַלאָגיעס ווייל ער איז געווען אַ לערער פון נאַטורוויסנשאַפט, באָטאַניק, געוויקסן און אפילו אַרויסגעגעבן אַ בוך מיט יידישער טערמינאָלאָגיע פון דעם. דאָס איז געווען אין יענע יאָרן ווען גאָלאָמב האָט געהאָפט און געגלייבט, אַז יידיש וועט אַרומנעמען אַלע געביטן פון יידישן לעבן. ער האָט געטאָן פּיאָנערן־אַרבעט.

אַ מאָל טראַכט איך, אַז אין די וואָסערע פופצן יאָר זינט די גאָלאָמבס האָבן זיך באַזעצט אין לאָס אַנגעלעס האָט ער געהאָלפן אַרויפשטעלן אונדזער „מלאָכים־שטאָט" אויף דער יידישער מאַפּע; שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אברהם גאָלאָמב איז אַ וועלטנאָמען האָט די שטאָט געוואָנען. אָבער אין גאָלאָמבן לעבט נאָך עד היום אַן אומרו. ער רעגט אָן מענטשן צו פאַרלאַנגען און טעטיקייט. אָבער קולטור־אונטערנעמונגען האָט ער דירעקט און אומדירעקט באַווירקט. אפילו די דערשיינונג פון אונדזער זשורנאַל „חשבון" איז טיילווייז צו פאַרדאַנקען זיין דערמאָנען און מאָנען.

איז פאַר אונדז פון דעם קרייז אַוודאי געווען אַ גרויסע פרייד ווען דער היגער יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם האָט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט גאָלאָמבן ווי אַ לערער, דערציער און מחבר פון איבער 1100 מאמרים אין יידישע און העברעישע צייטונגען, זשורנאַלן און זאַמלביכער איבער דער גאַנצער וועלט, און איז דער מחבר פון 39 ביכער — אַ גאָר גרויסער בייטראַג צו חכמת היהדות, און איז באַלוינט געוואָרן מיטן דאָקטאָראַט פון ליטעראַטור און הומאַניסטיק.

ביים אָננעמען אָט די פּרעזענטאַציע האָט גאָלאָמב צווישן אַנדערס געזאָגט, אַז ער האָט זיך קיין מאָל ניט אָנגעהערט צו קיינע פּאַרטייען, ניט פאַרנומען קיין געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס, ניט געהאַט אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן; אָבער זיין פּרינציפּ איז, איין פאָלק און איין היסטאָרישע גאַנצקייט. אָט דעם פּרינציפּ האָט ער נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק אויסגעדריקט אין אַן אַרבעט פון „בית לחם ביז קאַסרילאָווקע" (געדרוקט אין זשורנאַל פון מפיצי השכלה אין רוסלאַנד) און אַלץ וואָס ער האָט געדעט און געטאָן נאָך דעם איז בלויז אַ פירוש, אַ דערקלערונג און אַ פאַרטיפונג פון דער גרונט־אידעע.

אויך האָט ער ביי דער געלעגנהייט געזאָגט: איך לערן די ערשטע משנה פון פרקי אבות עטוואָס אַנדערש: משה קבל תורת היידישקייט מאבות האומה ומסרה ליהושע אא"וו ביז ואנשי כנסת הגדולה מסרו את היידישקייט לחז"ל, וחז"ל מסרו לבבל, ובבל מסרה לאַשכנז, ואַשכנז מסרה את היידישקייט ליידישע שטעטלעך במזרח איירופּה. ווייט ניט אַלע יידישע יישובים זיינען זוכה אַנטייל צו נעמען אין אַמאָליקן שטראָם פון קבלה און מסורה. פון די אבות האומה ביז אונדז איז איין אייביקער שטראָם פון יידישקייט.

# אַ באַגריסונג

חשובע חברים פון „חשבון“:

עס פרייט מיך באמת, וואָס איר מאַכט אַ יום־טוב צום 85טן געבוירן־יאָר פון אונדזער ליבן ר׳ אברהם גאָלאָמב — דער וואָס היילט די ווונדן וואָס טייל „פריינד“ מאַכן רייסנדיק שטיקער פון אונדזער אויסגעוויינט יידיש לשון. עס גיט מיר גרויס פאַרגעניגן צו וויסן, אַז עס זיינען נאָך דאָ אַזעלכע געטרייע יידן, וואָס פאַרשטייען אים און העלפן אים אין זיין גרויסער אַרבעט. אָ, ווי שטאַרק איך וואָלט אויך געוואָלט העלפן! בין איך אָבער לעצטנס צוגעשמידט צום בעט און גיי זעלטן אַרויס אין גאַס זיך צו טרעפן מיט אַנדערע יידן. דאָ אין דער ווייטער און טיילוויין איזאָלירטער שטאָט קאַראַקאַס אין ווענעצועלאַ פילן מיר אַלע זייער טיף די באַדייטונג פון גאָלאָמבס שטענדיקן מאָנען און וועקן ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו אונדזער יידישקייט און לשון.

ווען מען וואָלט זיך צוגעהערט ווי עס באַדאַרף צו זיין צו גאָלאָמבס לערעס און טעאָריעס וואָלטן מיר היינט פיל בעסער געהאַלטן מיט אונדזער יוגנט און עס וואָלט נישט געווען אַזוי גרויס און דראָענדיק די סכנה פון אַסימילאַציע אויף דער יידישער גאַס אפילו אין די גרעסטע יידישע ישובים. ער ווייזט אונדז אַ וועג ווי אַזוי מיר זאָלן קענען אַרויסגיין פון דער פינצטערניש אין וועלכער מיר זינקען. און ער דערשרעקט זיך אַבסאָלוט נישט פאַר ווערטער פון קריטיק און אָפט מאָל טאַקע פון בייזוויליקייט און פון חוזק. פעסט און שטאָלץ שטייט ר׳ אברהם גאָלאָמב און פאַרטיידיקט די פּאָזיציעס פון יידישן קיום און המשך.

איך האָב כמעט אַלע זיינע ביכער און איך בין מעיין אין זיי ווי אַמאָל אין אונדזערע הייליקע ספרים. ווען איך לייען גאָלאָמבס ביכער פיל איך ממש אַ הייליקן ציטער. איך פיל ציטער. איך פיל ווי דער מחבר באַמיט זיך מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה צו ריידן צו יידן, זיי צו איבערציינן, אַז זיי גייען אויף נישט קיין ריכטיקן וועג, אַז זיי בלאָנדזשען.

הלוואַי זאָל ער אונדז לעבן און זיין געזונט נאָך לאַנגע יאָרן און נאָך שרייבן זייער פיל, נאָך לערנען מיט יידישע לייענער, נאָך ווייטער ווייזן דעם ריכטיקן וועג פאַרן יידישן פאָלק אין אַלע תפוצות.

**מרדכי פריילין**
(קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ)

---

אין די פּאָר זאַצן האָט גאָלאָב אַרויסגעבראַכט די עיקרים פון זיין אני מאמין.

אַזוי ווי אַ יחיד, זאָגט א. גאָלאָמב„ מוז אַ קאָלעקטיוו האָבן אַ גלויבן, אַן אידעאַל. אַ קולטור וואָס איז ניט באַזירט אויף אמונה, איז שעדלעך, ווייל זי פירט צו דעגענעראַציע, פאַלשקייט און צביעות.

וועלטלעכקייט ביי יידן איז אויפגעקומען ווי אַן אַנטיקלעריקאַלע באַוועגונג, איז אָבער שפּעטער אַרונטער פון וועג. וועלטלעכע יידישקייט קען זיך בלויז האַלטן אויף פאַקטאָרן אין לעבן. אויך וועלטלעכע יידישקייט מוז האָבן מצוות און עברות.

דער ציל איז, לעבן ניט נאָר מיט דער תורה, נאָר אין דער תורה.

שפּראַך איז דער זכרון פון פאָלק.

תלמוד מיינט ניט בלויז ספרים. ס׳איז אַ גאַנצע קולטור־סיסטעם, ס׳איז אַ חוב צו פאַרפיקסירן תלמוד איירָאָפּע—פּולסטע נעגאַציע צום גלות, אָבער די פולע אנערקענונג פון דער גלות־קולטור וואָס האָט גובר געווען דעם גלות.

טאָ לאָמיר ווינטשן דעם בעל־יובל נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן, ער זאָל נאָך זוכה זיין, אַז זיין רבקה, וועלכע איז אַ פּערזענלעכקייט אין איר אייגענעם רעכט, זאָל געזונט ווערן און אַז יאָרן שפּעטער וועלן יידן זאָגן הלכה לויט דער שיטה פון אברהם גאָלאָמב.

---

מיר ווינטשן אייך אַ סך געזונטע יאָרן און ווייטער אָנגיין מיט אייער שעפערישע אַרבעט.

**רעי און דזשעק קאַהאַן**



# אַ באַגריסונג צו אברהם גאָלאָמב

צו דער רעדאַקציע פון חשבון:

מיט צופרידנקייט האָב איך אויפגענומען אייער באַשלוס צו ווידמען אַ נומער „חשבון“ דעם דענקער און מחנך ר׳ אברהם גאָלאָמב, צו זיין 85סטן געבוירנטאָג, און לכבוד זיין באַקומען פון יידישן קולטור־קאָנגרעס די „ה. לייוויק ליטעראַטור־פרעמיע“.

אברהם גאָלאָמב געהערט צו דער קליינער צאָל שעפערישע יידישע תלמידי־חכמים, וואָס איז במשך זיין גאַנץ לעבן אַ נאה דורש און אַ נאה מקיים; ער האָט אין זיינע צאָלרייכע ווערק אונדז געוויזן דעם יידישן גאַנג דורך דער אייביקייט, און גלייכצייטיק איז ער געשטאַנען אין פאָלקס־וואַרשטאַט אין קלאַס־צימער ווו ער האָט במשך זעכציק יאָר געפורעמט דעם כאַראַקטער און די נשמה פון עטלעכע דורות תלמידים — פריער אין מזרח־איירָאָפּע און שפּעטער אין די אַמעריקעס.

דער אייגנאַרטיקער דענקער, עסייאיסט און פובליציסט, אברהם גאָלאָמב, מוז אַרויסרופן אָנערקענונג ביי יעדן איינעם וואָס שאַצט אָפּ כאַראַקטער, עקשנות און איבערצייגונגען, וואָס זיינען איינגעשפּאַנט לטובת יידישן זינפולן קיום. אונדזער בעל־יובל האָט באַגרינדעט זיין שיטה אין דער יידישער מחשבה מיט ערודיציע, מיט פּאַטאָס, מיט עלאָקווענץ, און דערצו האָט ער אויך געשאַפן די אינסטרומענטן פאַר זיין פּעדאַגאָגישער לאַבאָראַטאָריע: די לייען־ און טעקסט־ביכער וואָס פאַרקערפּערן זיינע פּעדאַגאָגישע אידעען אויף אהבת ישראל, אויף פאָלקישקייט, אויף מזרח־איירָאָפּעישער יידיש־יידישקייט, און אויב אפילו מיר קענען נישט אַלע מאָל מיטקלעטערן אויף זיינע הויכקייטן, אויב מיר קענען נישט אַלע מאָל מיטגיין אויף די סטעזשקעס וואָס ער האָט אויסגעטראָטן; אויב גאָלאָמבס דרך איז נישט געוואָרן דער שליאַך אויף וועלכן עס גייט דער רוב פון היגן יידישן קיבוץ — ווייל די פּלוראַליסטישע אַמעריקע איז אַ נייער פענאָמען אין דער יידישער געשיכטע וואָס האָט נישט איר׳ס גלייכן אין קיין אַנדער תפוצה — אפילו אויב מיר מוזן מאַכן תיקונים אין גאָלאָמבס שיטה, איז אָבער זיין מאָנערישקייט, זיין מאַקסימאַליזם אַן אַרויספאָדער און אַן אינספּיראַציע פאַר אַלע מאמינים אין אַ שעפעריש יידיש לעבן אין אַמעריקע.

מיר אַלע וואָס ראַנגלען זיך מיט דער דילעמע: ישראל בין העמים; מיר אַלע וואָס גלייבן אין נצח ישראל; מיר אַלע וואָס קענען און שעצן דעם ווערטפולן אוצר וואָס ליגט אין דער יידישער און העברעישער שפּראַך און ליטעראַטור; מיר אַלע באַטראַכטן גאָלאָמבן ווי אַ מוסטער־ייד, ווי אַ מורה־דרך, וואָס האָט מיט זיינע ווערק אין זיינע דורכציערישע מעשים באַרייכערט, באַווירקט און געשטאַרקט עטלעכע דורות לערערס, שול־טוערס און תלמידים. זאָל ער נאָך אַ סך יאָרן זיין מיט אונדז, און זאָל זיין שטים ווייטער קלינגען לטובת אַן אויטענטיש, אייגנאַרטיק, דורותדיק יידיש קולטור־לעבן!

**שואל גוטמאַן** /ניו־יאָרק

---

אַ סך ברכות פון געזונט און זיין ווייטערדיקן שאַפן ווינטשן אברהם גאָלאָמבן די אונטערגעשריבענע חברים:

**ד״ר חיים, ד״ר דוד מיימאַן**
**בערל און מלכה מיימאַן**
**און משפחות**

**זעלטשין, נחמן, זלמן**
**און משפחה**

**רייבער, ישראל, איטע**
**און משפחה**

**אַנטעל, אָשר און בעלאַ**
**און משפחה**

**וויקטאָר, יצחק און אַיאַלאַ**
**און משפחה**

זאב וואָלף סאַלעס

# אַן אויסגעהאַלטענע פּערזענלעכקייט

אברהם גאָלאָמב, דער מחנך און דענקער, דער קעמפער פאַר אינטעגראַלער יידישקייט אין אַלע לענדער ווו יידישע מאַסן לעבן — ווידמעט זיין גאַנץ לעבן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור און שפּראַך. זיין גרויסער חלום איז געווען צו מאַכן פון אונדזער פאָלקס־יידיש אַ רייכע שפּראַך, וואָס זאָל דערמעגלעכן אויסצודריקן געדאַנקען אויף אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער קולטור. גאָלאָמב האָט אָנגעשריבן און איבערגעזעצט אויף יידיש פון אַנדערע שפּראַכן אַ ריי ווערק, וואָס מען האָט גענוצט אין יידישע שולן אין מזרח־אייראָפּע. זיין חלום איז געווען צו האָבן אויף יידיש אַן איבערזעצונג פון די בעסטע ווערק, וואָס זיינען בעיקר געשאַפן געוואָרן פון די חכמי־ספרד אין אַראַביש און איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיש. דער דאָזיקער מיטלאַלטערלעכער העברעיש איז אין וואָקאַבולאַר און אין סטיל אַ שווערער און בכן — שווער פאַרשטענדלעך. כדי צו דערמעגלעכן דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס באַהערשט נישט פולשטענדיק דעם האַמעטנעם העברעיש פון די איבן־תיבונס האָט גאָלאָמב נאָך מיט פיל יאָרן צוריק געמאַכט אַ פאָרשלאָג דעם באַרימטן געלערנטן און תלמיד חכם, אהרן שטיינבערג, ער זאָל איבערזעצן אויף יידיש די פילאָסאָפישע ווערק פון מיטלאַלטער. גאָלאָמב האָט אפילו גענומען אויף זיך צו באַזאָרגן די הוצאות, וואָס אַזאַ אונטערנעמונג דאַרף קאָסטן. לײדער האָבן די באַדינגונגען, אונטער וועלכע די יידישרעדנדיקע יידן לעבן צווישן אַנדערע פעלקער, נישט דערלויבט אַ נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פאַר דער ליטעראַטור און קולטור אויף יידיש. אהרן שטיינבערג האָט די איבערזעצונג נישט געמאַכט. דער דאָזיקער חלום, פונקט ווי נאָך אַנדערע אידעאַלע חלומות גאָלאָמבס, זיינען נישט מקויים געוואָרן.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות פירט אָן זייט יאָרן מיט צוויי שטודיר־גרופּעס וואָס לערנען ספרות ימי הביניים אין העברעיש און אין יידיש. פאַר דער לעצטער גרופּע האָט ער געפונען פאַר נייטיק צו איבערזעצן מערערע טעקסטן אויף יידיש, לכבוד דעם היי־יאָריקן געווינער פון דער לייוויק־פּרעמיע און צוליב זיין 85סטן געבוירן־טאָג פון אַברהם גאָלאָמב עד מאה ועשרים, ווערט אין היינטיקן „חשבון"־נומער געדרוקט אין יידיש דער צווייטער פּרק פון ספר העיקרים, מאמר ראשון, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין העברעיש פון רבי יוסף אַלבו אין סאַמע אָנהייב פון 15טן יאָרהונדערט.

רבי יוסף אַלבו, געבוירן אין שפּאַניע אַרום 1350, איז געווען אַ תלמיד פון רבי חסדאי קרשקש, דעם מחבר פון אור השם, אַן אָריגינעל־פילאָסאָפיש ווערק, אין וועלכן ער אַנטוויקלט די אידעע פון פּאַנטעיזם, אויף וועלכער שפּינאָזאַ האָט אויפגעבויט זיין פילאָסאָפישע שיטה.

רבי יוסף אַלבו איז געווען איינער פון די טיילנעמער אינעם וויכוח, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פונעם פּויבסט בענעדיקט דעם 32טן, צווישן קריסטן און יידן, אויפן קריסטלעכן צד האָבן זיך געפונען משומדים, וואָס האָבן באַשמוצט דעם תלמוד, טענהנדיק, אַז עס געפינען זיך דאָרט אוממאָראַלישע לערעס. רבי יוסף אַלבו האָט מוטיק פאַרטיידיקט דעם תלמוד און צוריקגעשליידערט די אַטאַקעס פון די משומדים.

כדי בעסער צו פאַרשטיין דעם פּרק ב׳ איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַלבו איז חולק אויפן רמב״ם, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט דרייצן עיקרים פאַר דער יידישער אמונה. לויט אַלבוס שיטה זיינען נאָר דאָ דריי עיקרים, דהיינו: מציאות השם, שכר ועונש און תורה מן השמים; די איבעריקע עיקרים וואָס דער רמב״ם רעכנט אויס זיינען בלויז גלויבונגען, וואָס יעדער ייד איז מחויב צו גלייבן, אָבער ווען איינער גלייבט נישט אין איינעם אָדער אין עטלעכע פון זיי, דאַרף מען אים ניט רופן כופר (אפּיקורוס).

* * * * *



# מאמר ראשון, פרק ב׳ של ספר העקרים לרבי יוסף אלבו

וואָס ס׳וואָלט כדאי געווען אויף דעם אָרט מלמד זכות צו זיין אויף די יידישע חכמים און אַנדערע, איז אָט וואָס: יעדער יידישער מענטש איז מחויב צו גלייבן, אַז אַלץ וואָס שטייט אין דער תורה איז פולשטענדיק אמת, און ווער ס׳לייקנט אין עפּעס אַ זאַך, וואָס געפינט זיך אין דער תורה, הגם ער ווייסט און פאַרשטייט וואָס די תורה מיינט — ווערט אָנגערופן כופר (לייקענער). אַזוי ווי די חז״ל זאָגן אין פּרק חלק, אַז דער וואָס זאָגט: די גאַנצע תורה איז פונעם אַלמעכטיקן חוץ פון איין פּסוק וואָס משה אַליין האָט אים געזאָגט,

— אויף אים זאָגט דער פּסוק: „וואָרן דאָס וואָרט פון גאָט האָט ער פאַראַכט" (במדבר טו, לא), און ער געהערט צו דעם כת וואָס זאָגט, אַז די תורה איז נישט מן השמים. אָבער דער וואָס האַלט זיך פעסט אין תורת משה און גלייבט אין אירע עיקרים, און נעמט זיך פאָרשן זיי מיטן שכל און לויט דעם באַטייט פון די פּסוקים — און זיין חקרנען האָט אים פאַרפירט צו זאָגן, אַז איינער פון די עיקרים דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַנדערש און נישט ווי עס ווערט פאַרשטאַנען אויפן ערשטן בליק; אָדער זיין חקירה האָט אים פאַרפירט אָפּצולייקענען יענעם עיקר, ווייל ער דענקט אַז די תורה צווינגט צו גלייבן אין אַ טעאָריע וואָס איז נישט ריכטיק, אָדער ער דענקט, אַז אַ געוויסער עיקר איז קיין עיקר נישט, און האַלט אַז עס געהערט צו די קאַטעגאָריעס פון די תורה־גלייבונגען, וואָס זיינען נישט קיין עיקרים; אָדער ער האָט אַן אייגענע מיינונג וועגן אַ געוויסן נס פון די תורה־נסים, ווייל ער דענקט, אַז דערמיט לייקנט ער נישט קיין אַנדערע גלויבונגען, וואָס ער איז מחויב צו גלייבן לויט דער תורה — איז ער נישט קיין כופר (אפּיקורוס), נייערט ער ווערט פאַררעכנט צום כלל יידישע פרומע חכמים, הגם ער איז זיך טועה אין זיינע חקירות, און ער זינדיקט בשוגג און דאַרף בעטן מחילה.

אַזוי איז דער פאַל מיט דער מיינונג פון אַ טייל פאַרצייטיקע יידישע חכמים, וואָס האַלטן (ב״ר, פּרשה ג׳) אַז ס׳איז אַמאָל געווען אַן אַנדערע „צייט־רעכענונג" (דער מדרש דרינגט דאָס אַרויס פונעם פּסוק „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד"— זאָגט דער מדרש בפירוש: יהי ערב אין כתיב כאן — עס זאָל זיין אָוונט, שטייט דאָ נישט, נייערט ויהי וגו׳). דערפון זעען מיר, אַז די תורה צווינגט נישט צו גלייבן, אַז די „צייט" איז באַשאַפן געוואָרן.

און אַזוי אויך רבי אליעזר הגדול מיט דעם וואָס ער זאָגט (אין פּרק ג׳ פון זיינע פּרקים): „שמים מהיכן נבראו והארץ מהיכן נבראת" (די הימלען פון וואַנען זיינען זיי געשאַפן געוואָרן און די ערד פון וואַנען איז זי געשאַפן). אויב מיר פאַרשטייען זיינע ווערטער לויטן פּשט, אַזוי ווי עס שיינט צו זיין, ווייל ער זאָגן, אַז די וועלט איז נישט באַשאַפן געוואָרן אַ יש מאַין, נייערט אַ יש מיש, דהיינו, פון אַן אוראַלטן ערשטן חומר (מאַטעריע)— קען מען נישט אַקעגן אים האָבן וועלכע ס׳איז טענה, ווייל רבי אליעזרס כוונה איז צו זאָגן, אַז די תורה צווינגט אונדז נישט צו גלייבן אין באַשאַף פון „יש מאַין", אָבער זיין מיינונג איז חלילה נישט געווען אָפּצולייקענען אַ זאַך פון דער תורה.

אַזוי האָט אויך געשריבן דער רמב״ם אין זיין מורה נבוכים אינעם 25סטן פּרק פונעם צווייטן טייל, אַז דאָס וואָס ער גלייבט אין באַשאַף פון יש מאַין איז נישט ווייל די פּסוקים אין דער תורה צווינגען אים, נייערט זיין גלויבן אין „יש מאין" איז באַגרינדעט אויף לאָגיק און איז אַ ריכטיקע מיינונג פאַר זיך אַליין. און די פּסוקים פון דער תורה קענען אַזוי אויסגעטייטשט ווערן. אַזוי דאַרף מען טאַקע אויסטייטשן די פּסוקים, כדי זיי זאָלן זיך צופּאַסן צו דעם געדאַנק.

ס׳זעט אויס, אַז דער רמב״ם דערקלערט, אַז אויב די לאָגיק איז אַקעגן די פּסוקים, מוז מען אין דעם נישט גלייבן, ספּעציעל טאָר זיך נישט געפינען אין די פּסוקים אַ נישט ריכטיקע מיינונג, וואָס דער שכל קען דאָס נישט באַנעמען. וואָרן די תורה צווינגט אונדז נישט צו גלייבן אין אַ פאַלשער מיינונג. די תורה צווינגט נישט צו גלייבן אין אַ זאַך וואָס איז קעגן

אַן אַקסיאָם (ווי די נאַטור־געזעצן) אָדער אין אַן אויסגעטראַכטער מיינונג, וואָס דער שכל קען דאָס נישט באַנעמען. אָבער אַ זאַך וואָס דער שכל קען יאָ באַנעמען, הגם אין דער נאַטור עקזיסטירט עס נישט, ווי תחיית המתים און אַלע נסים וואָס ווערן געבראַכט אין דער תורה, דאַרף מען און מען איז מחוייב צו גלייבן אין זיי.

אָבער אַ פאַלשע מיינונג, וואָס דער שכל קען נישט באַנעמען, וואָס כאָטש די תורה ברענגט זי בפירוש, ווי „ומלתם את ערלת לבבכם“ — איר זאָלט באַשניידן די ערלה פון אייער האַרצן“ — דאַרף מען אין דעם נישט גלייבן לויטן פשט און מען מוז אויסטייטשן אויף אַן אופן ס'זאָל פּאַסן צום אמת. דאָס איז דער וועג אויף וועלכן אונקלוס הגר און יונתן בן עוזיאל און די איבעריקע יידישע חכמים טייטשן אויס די פסוקים אין דער תורה און אין די נביאים, וואָס שרייבן צו קערפּערלעכע אייגנשאַפטן צום בורא עולם (גאָטס אויגן, גאָטס שטאַרקע האַנט אא״וו), אויף אַן אופן, ווי ס'פּאַסט זיך צום אמת. זיי נעמען אַוועק דעם פשוטן פשט פון די ווערטער, ווייל דער פשט איז אַ פאַלשער טייטש. זיי זאָגן: די תורה רעדט אין אַ מענטשלעכער שפּראַך און כדי צו באַזענפטיקן דאָס אויער. אויף אָט דעם באַשריבענעם אופן טייטשן אויס אַ טייל לעצטע מפרשים דאָס „עפענען דאָס מויל פון [בלעמס] אייזל“, אַ טייטש וואָס איז אַקעגן די חז״לס מיינונג. זיי ווילן (דערמיט) זאָגן, אַז די וועגן פון דער תורה צווינגען נישט צו גלייבן אין אַזאַ מין נס און מען מעג אויסטייטשן לויט דעם ווי זייער שכל פאַרשטייט.

אַזוי מוזן מיר זאָגן לויט דעם, אַז ווער ס'האָט נישט דערגרייכט מיט זיין לאָגישן דענקען אויסצוטייטשן די פסוקים אויף אַן אופן ס'זאָל שטימען מיטן אמת און גלייבט אין זיי, ווי זייער פשוטער פשט איז — און ס'קומט אַרויס ביי אים אַ פאַלשע מיינונג, ווייל ער מיינט אַז די תורה מיינט אַזוי — גייט ער חלילה נישט אַוועק פונעם כלל תורה־מענטשן, און מען טאָר אים נישט אויפוואַרפן און אים רופן אַ תורה־פעלשער און נישט אַ כופר און אים אַריינרעכענען אין דעם כלל פון אפּיקורסים, חלילה וחס!

נאָך מער, דער ראב״ד ז״ל שרייבט, אַז אפילו דער וואָס פאַרשטייט אַ געוויסן עיקר פון די תורה־עיקרים, וואָס איז פאַרקערט פונעם אמת, ווייל ער איז זיך טועה אין לאָגישן דענקען, טאָר מען אים נישט רופן אפּיקורוס. אַזוי שרייבט ער אינעם ספר ההשגות אַקעגן דעם וואָס דער רמב״ם שרייבט, אַז דער וואָס זאָגט, השם יתברך איז אַ קערפּער איז אַן אפּיקורוס — שרייבט אויף דעם דער ראב״ד ז״ל: „זאָגט אברהם, הגם דער עיקר אמונה איז אַזוי (ווי דער רמב״ם), ווער ס'גלייבט אַז ער איז אַ קערפּער, ווייל ער פּאַסט אויף די ווערטער פון די פסוקים און די מדרשים לויטן פשוטן פשט, טאָר מען אים נישט רופן „אפּיקורוס“. דאָס זיינען זיינע ווערטער. דער דאָזיקער געדאַנק קען באַטראַכט ווערן אַלס אַן אמתער און ריכטיקער מצד די חכמי התלמוד ז״ל, וואָס זיי ברענגען וועגן אלישע בן אבויה (דעם פסוק): „שובו בנים שובבים“ (ירמיה ג׳, כב): „קערט אייך אום, קינדער אָפּקערער“) — חוץ אלישע־אחר, וועלכער קען זיין באַשעפער און איז זיך מתכוון צו פעלשן אין אים.

אַזוי זעען מיר בפירוש ווי זיי דערקלערן, אַז ווער ס'ווייסט דעם אמת און וויל אים בכיוון אָפּלייקענען, איז פון דער חברה רשעים, וואָס מען טאָר נישט אָננעמען זיין תשובה. אָבער ווער ס'איז זיך נישט מתכוון צו פעלשן און נישט אָפּצוקערן פונעם אמתדיקן וועג און נישט צו לייקענען וואָס שטייט אין דער תורה און נישט צו לייקענען די טראַדיציע, נייערט ער טייטשט אויס די פסוקים לויט זיין פאַרשטאַנד, איז כאָטש ער טייטשט פאַרקערט ווי דער אמת איז, איז נישט קיין אפּיקורוס און חלילה נישט קיין אָפּלייקענער. און דעריבער ווער עס גלייבט אין תחיית המתים, אַז זיי וועלן אויפשטיין און לעבעדיק ווערן, אָבער וועלן נישט אייביק לעבן מיטן קערפּער און נשמה צוזאַמען, נאָר וועלן ווידער צוריקגיין צו דער ערד, ווי ס'איז דעם רמב״מס מיינונג אינעם „איגרת תחיית המתים“, כאָטש עס איז אין קאָנטראַסט צום אמת לויט דער סברה פון רמב״ן ז״ל (רבי משה בן נחמן, געבוירן אין שפּאַניע אינעם 13טן יאָרהונדערט) און אַ טייל פון די מקובלים,



הגם וואָס דאָס איז אין קאָנטראַסט צום אמת, לויט דער מיינונג פונעם רמב״ם ז״ל, איז ער נישט קיין אָפּלייקענער פון באַלוינונג און באַשטראָפונג (שכר ועונש) אין גייסטיקן זינען, חלילה.

איך האָב געהאַלטן פאַר נייטיק דאָס אַלץ צו שרייבן, ווייל כ'האָב געזען געוויסע לייכטזיניקע מענטשן, וואָס דענקען, אַז זיי זיינען חכמים, עפענען ברייט זייערע מיילער און ריידן אויס לשון הרע אַקעגן גרויסע געלערנטע מענטשן, אַליין נישט באַזיצנדיק קיין וויסן און קיין פאַרשטאַנד. אַצינד איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז יעדער אינטעליגענטער מענטש איז באַרעכטיקט צו פאָרשן די עיקרים פון דער אמונה און אויסטייטשן די תנ״ך־פסוקים לויט זיין מיינונג אויף אַן אופן ס'זאָל שטימען צום אמת, הגם ער גלייבט אַז געוויסע עיקרים, וואָס געוויסע ערשטע געלערנטע האָבן געהאַלטן, אַז זיי זיינען עיקרים, ווי דאָס קומען פון משיחן און אינעם באַשאַף פון יש מאין און דעסטגלייכן — זיינען זיי ביי אים נישט קיין עיקרים, נייערט בלויז גלויבונגען, אמתע, וואָס אַ מאמין אין דער תורה איז מחוייב אין זיי צו גלייבן, אַזוי ווי ער גלייבט, אַז די ערד האָט געעפנט איר מויל בעת דער מחלוקת פון קורחן, און אַז פייער איז אַראָפּגעקומען פון הימל, און ענלעכע נסים און הבטחות, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער תורה, וואָס זיינען אמת אָבער זיינען נישט קיין עיקרים אין דער תורה, איז ער אָבער נישט קיין כופר אין דער תורה און אין אירע עיקרים, חלילה. וואָרן אויב אַזאַ איינער וואָלט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ כופר, וואָלט די צאָל פון די עיקרים אין תורת משה געווען אַזוי ווי די צאָל פון די נסים און הבטחות וואָס געפינען זיך אין דער תורה — און דאָס איז קיין שום מענטשן נישט געקומען אויפן געדאַנק (ווייל דאַן וואָלט די צאָל פון די כופרים געווען געוואַלדיק גרויס).

יידיש: זאב וואָלף סאַלעס

## אַ באַגריסונג פון מלך ראַוויטש

השובע חשבון־רעדאַקציע:

אויף אייער בריוו פון סוף דעצעמבער 1974 — ענטפער איך אָט וואָס: שיין און תבריש פון אייער זייט צו ווידמען דעם נומער „חשבון“, דעם יובל פון אַברהם גאָלאָמב — צו זיינע 85 געבוירנטשטע יאָרן.

פון מיר בעט איר אַ פּאָר ווערטער צו אָט דעם נומער „חשבון“ — אָט זיינען זיי:

אויב עמיץ וואָלט קומען צו מיר און פאָדערן די סאַמע צימצומדיקע ווערטער וועגן דער — ד ע ר — יידישער דינאַמאָ־מאַשין, וואָס פּראָדוצירט יידישע ווערטער און פאַרוואַנדלט די ווערטער אין יידישע געדאַנקען — וואָלט איך תיכף אויסגערופן — אַ ב ר ה ם ג אָ ל אָ מ ב.

און איך וואָלט מוסיף געווען: דיאַלעקטיש קען מען גרינג באַנעמען:

גאָלאָמב דער ישיבה־בחור איז די טעזע —

גאָלאָמב — דער אפּיקורוס — איז די אַנטיטעזע —

און די סינטעזע — איז דער קאָנסעקווענטער יידישער דענקער —

דער וואָס מיר קענען אים אַזוי גוט.

אין דעם ספר פון דער יידישער פילאָסאָפיע פון 20טן יאָרהונדערט איז דאָ אַ גרויס קאַפּיטל מיט דעם נאָמען אַברהם גאָלאָמב.

זיינע מחשבות רעדן אַ סך, אָבער זאָגן נאָך מער.

מ ל ך ר אַ ו ו י ט ש

מאָנטרעאַל, קאַנאַדע

## יהודה וואָלפסאָן

# אַ דעראינערונג

(געווידמעט צו אברהם גאָלאָמבס 85סטן געבורטיאָר)

גרויסע מענטשן לאָזן זיך דערקענען אפילו דורך קליינע כאַראַקטער־שטריכן. כמעט אומבאַמערקט קריצן זיי זיך איין די שטריכן אין זכרון פון דעם באַאָבאַכטער און לאַנג, לאַנג נאָך דעם טויכן זיי ווידער אויף און אָנשטאָט צו ווערן אין משך פון יאָרן קלענער און קלענער, שיינען זיי גאָר אויף ווי אַ בליץ אין טונקעלן חלל. מיט אַ מאָל דערזעט מען פאַר זיך די גרויסקייט בזעיר אַנפין.

איך קום אָפט אַריין צו די גאָלאָמבס אין הויז. ווי דער שטייגער איז דרייט זיך דער שמועס אָפט אַרום דברי תורה. ער איז, צוזאַמען מיט זיין פרוי רבקה, אַלע יאָרן געווען פאַרטאָן אין פאָרש־אַרבעט, אין שרייבן און אין אָנפירן מיט יידישע שולן בכל תפוצות ישראל. און איך בין געווען די אַלע יאָרן פאַרטאָן אין העברעאישן חינוך דאָ אין אַמעריקע. איז דאָך, מיין איך, גאַנץ נאַטירלעך אַז אונדזערע דערפאַרונגען און השקפות זאָלן זיך אין אַ סך פרטים שטאַרק פאַנאַנדערגיין. ער, למשל, לייגט דעם גאַנצן טראָפ אויפן תלמוד און איך דווקא אויף תנ״ך. ער דערפרייט זיך ווי אַ יונגער מתמיד, ווען איינער פון דער מסיבה וואַרפט אַריין אַ טרעפלעכן פסוק פון די חז״ל אָדער מען דערמאָנט אַ שטיקל פון י. ל. פרץ. און איך ווידער צינד זיך אָן אויפסניי, ווי אין די יונגע יאָרן, ביים ציטירן שטיקער ישעיה, ירמיה אָדער גאָר ביאַליק. ווערטער גליען, שורות וואַרעמען און לעבן אויף חלומות, זכרונות פון שטרייטנדיקע צדדים אין קאַמף פאַר אומה ולשון, פאַר אַ באַנייטן פאָלקס־לעבן.

בינו לבינו שיינט אויף אַ רעיון, אַז אייגנטלעך זיינען דאָך דאָס צוויי בלעטלעך פונעם זעלבן אהבת ישראל ראָמאַן, וואָס ציט זיך שוין ווער ווייסט ווי לאַנג, און אַז טאַקע ער, אברהם גאָלאָמב, איז אויך איינער פון די שיינענדיקע גייסטער אין אָט דעם פאָלקס־ראָמאַן אָדער דראַמע. ס׳איז שוין, דאַכט זיך, אַרום זעכציק יאָר ווי ער רופט, וועקט און מונטערט מיט וואָרט און טאַט מען זאָל זיך פאַרטראַכטן און געהעריק אָפשאַצן אונדזערע פאָלקס־אוצרות. למרות אַלע שוועריקייטן ווערט ער קיין מאָל ניט מיד אין זיין עבודת הקודש.

אין זכרון טויכן אויף אויך אַנדערע וועקערס, מאָנערס, בויערס און קעמפערס פאַר אומה ולשון אין יענע ווייטע צייטן.

געווען איז דאָס מסתמא אין 1915. מיין מזל האָט מיר דאַן צוגעשפילט איך זאָל זיך באַגעגענען מיט דוד בן גוריון און איך זאָל פאַרברענגען מיט אים פאַר אַ קורצער צייט אין איין מחיצה. כ׳האָב דאַן געוווינט אין סינסינעטי, די שטאָט וואָס האָט מיר געוויזן איר חסד און איז געווען מיין פריינדלעכע אַכסניה באַלד ווי מיינע פיס האָבן באַטראָטן די אַמעריקאַנער ערד. כמעט אַלע יידן דאָרט זיינען דאַן געווען אימיגראַנטן, געקומען פון רוסלאַנד, פוילן און שכנישע לענדער, צו געניסן פון דער אַמעריקאַנער פרייהייט און אויסצוגלייכן זייערע רוקנס אויף וועלכע די לאַסט פון אַנגסט און שרעק האָט געדריקט פון יאָרן און יאָרן. די שטימונג צווישן די געקומענע, מערסטנס יונגע יידן, כמעט אַלע אַרבעטער, איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע, שאַרף צעטיילט, און אַסימילאַטאָריש. דאָס לעבן איז געווען שווער און גרוי. און די פראָפאַגאַנדע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט געפונען צווישן זיי אַ שטאַרקן אָפקלאַנג. ס׳איז ניט געווען ווי היינט ביי אונדז מיט דער איינגעשטעלטער מידה פון גרויס טאָלעראַנץ פאַרן קעגנער.

ס׳האָט דאַן געהערשט אַ שאַרפע צעטיילונג צווישן פאַרטייען, וואָס האָבן זיך באַקעמפט ווי דם־שונאים. בעת היינט איז ארץ ישראל ניט מער קיין ענין פון דעבאַטעס, ס׳איז גאָר געוואָרן אַ פאַרבינדונגס־כוח צווישן אַלע ריכטונגען אין גענומען אַ קליין פינקסל פון מיין טאַש, ווו איך האָב געהאַט פאַרצייכנט עטלעכע



יידישן לעבן. אָבער דאַן, אין יענער צייט, אין יענער אַטמאָספערע, איז געווען גאָר שווער צו פאַרשפרייטן דעם ציון־געדאַנק צווישן די יידישע אַרבעטער, נאָר וואָס געקומענע פון אייראָפע. זיי האָבן געשטרעבט וואָס שנעלער זיך אַרויסצורייסן פון זייער ביטערן און שווערן מצב און צו בויען אַ מער ליכטיקן עתיד פאַר זייערע קינדער. אין זייער ענגער וועלט איז נאָך ניט געווען קיין ווינקל פאַרן ציוניסטישן רעיון. די דאַמאָלסטדיקע פועלי־ציוניסטישע פאַרטיי האָט זיך שטאַרק באַמיט אַריינצודרינגען אין די הערצער פון די יידישע אַרבעטער, דערוועקן אין זיי לפחות אַ סימפאַטיע צו די נאַציאָנאַלע אידעען פון זייער פאָלק און צו דער אויפלעבונג פון אַ יידיש לאַנד אין ארץ ישראל.

גראָד דאַן, אין 1915, זיינען געקומען קיין אַמעריקע די „בנים״— בן־צבי און בן־גוריון. פאַרשטייט זיך, אַז די פועלי־ציון פאַרטיי האָט אויסגענוצט די זעלטענע געלעגנהייט פון זייער קומען און האָט אויף זיי, די געהויבענע אורחים, אַרויפגעלייגט דעם חוב צו באַזוכן די גרעסערע שטעט און אויפצוקלערן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג די צילן און האָפענונגען פונעם אַרבעטער ציוניזם.

ווען בן־גוריון איז געקומען קיין סינסינעטי האָט מען מיר צוגעטיילט דעם כבוד אים צו באַגלייטן אויף זיינע באַזוכן אין פלעצער וואָס ער האָט געוואָלט זיין, צווישן זיי אויך דעם באַרימטן „היברו יוניאָן קאָלעדזש״. אָט די אינסטיטוציע איז דאַן געווען זייער פאָפולער צוליב די גרויסע מלומדים מיט אַ וועלט־נאָמען, וואָס האָבן דאָרט אָנגעפירט מיט די קאַטעדרעס פון חכמת ישראל. אויך איז די דאָרטיקע ביבליאָטעק געווען באַרימט מיט די רייכע קאָלעקציעס פון זעלטענע ספרים און מאַנוסקריפטן פון אַלע צייטן. דער ביבליאָטעקאַר, דאַן ד״ר אָקאַ, איז געווען אַ גרויסער מומחה אין אַלטע כתבים און זייער ווערטפולע כתבי־יד, וואָס ער פלעגט נאָכזוכן און זיי ברענגען פון אַלע עקן וועלט.

צו אָט דער ביבליאָטעק פון „היברו יוניאָן קאָלעדזש״ זיינען מיר געפאָרן, בן־גוריון און איך, עטלעכע מאָל. אויף איינער פון אונדזערע רייזעס האָב איך אַרויס־פערזן פון אַ לידל וואָס איז דאַן געווען זייער פאָפולער, אַ מין בדחניש לידל מיט גראַמען, וואָס יעדער איינער האָט געקענט צוגעבן לויט זיין געשמאַק.

עטלעכע קופלעטן האָב איך געהאַט איבערגעזעצט אויף העברעיש און כ׳האָב געוואָלט וויסן בן־גוריונס מיינונג וועגן מיין העברעישע איבערזעצונג. ס׳איז געווען דאָס באַקאַנטע לידל „לאָמיר זיך איבערבעטן:—

לאָמיר זיך איבערבעטן, שטיי ניט ביי
דער טיר,
לאָמיר זיך איבערבעטן, קומט אַריין
צו מיר.

מיין העברעישע איבערזעצונג איז געווען אָט אַזוי:

הבה נתפייסה, סלחה נא עווני,
הבה נתפייסה, בואה אל מעוני.
הבה נתפייסה, תהיה לי לחתן,
הבה נתפייסה, אביא לך מוהר, מתן.
הבה נתפייסה, תהיי לי לכלה,
הבה נתפייסה, משאלתך אמלא.
הבה נתפייסה, נאכל תפוחי זהב.
הבה נתפייסה, נשיקות, חביבי, הב!
הבה נתפייסה, נשפות את המיחם,
הבה נתפייסה ונשתה תה חם.
הבה נתפייסה, עזה כמוות אהבה —
בלבי אש חשק, תאווה.

בן־גוריון האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף מיר און האָט זיך איינגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. ווען כ׳האָב געענדיקט לייענען האָט ער זיך צו מיר געווענדט און געפרעגט: „נו, דאָס איז אַלץ און מער ניט?״ און האָט גענומען מיין פינקסל און האָט דאָרט מוסיף געווען:

הבה נתפייסה, נשוב לארצנו,
הבה נתפייסה, נקים ניר לעמנו.
הבה נתפייסה, לא נתערב בבשונים,
הבה נתפייסה, נהיה בין הבונים.

וואָס אויף יידיש קען מען זינגען אָט אַזוי:

לאָמיר זיך איבערבעטן, צוריק אין
אונדזער לאַנד.
לאָמיר זיך איבערבעטן, אויפשטעלן
אַקערלאַנד פאַרן פאָלק.
לאָמיר זיך איבערבעטן, ניט אויסמישן
זיך מיט פרעמדע.
לאָמיר זיך איבערבעטן און זיין פון די
בויער.

# יוגנטרוף

**צו דער רעדאַקציע „חשבון"**

טייערע חברים:

מיר פרייען זיך צוזאַמען מיט דער יידישער קולטור־וועלט בכלל און מיט די קולטור־טוערס פון לאָס אַנדזשעלעס בפרט צום 85סטן געבורטסטאָג פון אברהם גאָלאָמב.

אין אַמעריקע ווו ס'קוקט נאָך אַלץ אויס ווי די יידיש־העגעמאָניע געוועל־טיקט איבער אונדז פון ניו־יאָרק, קען איך אייך שרייבן אַז כאָטשיק איין ייד פון מיזרח־ברעג איז אייך מקנא ווייל ער קען ניט גרינג זיצן צופוסנס פון אברהם גאָ־לאָמב און כאַפן זיינע פערל. מיר דאַרפן זיך באַנוגענען מיטן געשריבענעם וואָרט, און גאָלאָמבס וואָרט צייכנט זיך אויס ווייל עס קוקט אַרויס צום יידישן מאָרגן, צו יונגע יידן וואָס זענען אפילו נאָך ניט אויף אונדזער וועלט. הייַנט צו טאָג ווען אַ סך יידיש־יידן זענען פאַרחושכט, פעסעמיסטיש און קענען נאָר געפינען טרייסט אין זכרונות איז דער שפּרודלדי־קער לערער און עסייאיסט נאָך אַלץ אַ בוים וואָס וואַקסט און בליט.

איר מעגט פרעגן, ווי אַזוי קען דער בר־יובל צוקומען גאָר צום יידישן מאָרגן ווען מיר אַליין קענען קוים אַנאַליזירן אונדזער הייַנט? אַוודאי ווייל ער פאַר־שטייט די הויכפונקטן פון אונדזער עבר און די שוואַכקייטן פון אונדזער הייַנט. גאָלאָמב לערנט אונדז יונגע יידן אַז מיר זאָלן אויסזוכן און שאַפן אַ פאָלקישקייט פון הייַנט, ווייל יידישקייט וואַקסט אַרויס נאָר פונעם פאָלק. ס'רוב יידן וואָס מע רופט זיי „יונג" דערפאַר ווייל ס'פעלט זיי 65 פון גאָלאָמבס 85 יאָר, זענען בלינ־דע זקנים ווייל ס'פעלט זיי טאַקע גאָלאָמבס יונגע וויזיע. די יונגע יידן אין די אוני־ווערסיטעטן און אויף די גויישע גאַסן וואָס ראַנגלען זיך מיט דער יידישער אי־דענטיטעט ווילן נאָר שאַפן אַ יידישן דרך ווען זיי ווינען צווישן יידן לויט אַ נייעם יידישן שטייגער־לעבן. מיר דאַרפן זיך צוהערן צו אברהם גאָלאָמב און שאַפן ארץ ישׂראלס אויף אונדזערע יידישע גאַסן.

איך קען אייך פאַרזיכערן אַז גאָלאָמבס וואָרט האָט אַן אָפּרוף. נאָר מיט עטלעכע טעג צוריק ביי אַ סימפּאָזיום וואָס ס'האָט אָרגאַניזירט דעם יידישן פּען־קלוב אויף דער טעמע: „צי וואַקסט אויף אַ יונגער דור יידישע שרייבערס?" האָבן ביידע יונגע סימפּאָזיאַנטן דערמאָנט דעם נאָמען גאָלאָמב. אונדזער קולטור־וועלט האָט נאָך ניט דערשאַצט אונדזערע עסייסטן ווי געהעריק. אברהם גאָלאָמב, פּרעמירט מיטן ה. לייוויק־פּריז, בלייבט פון סאַמע אויבן ווי אונדזער עקשנותדיקער קעמ־פער פאַר אַ יידישקייט פון מאָרגן. מיר קוקן אַרויס אויף זיין שאַפערישקייט ביז הונדערט און צוואַנציק און נאָך ווייטער. יעדער יידישער יישוב איז חשוב און טייער.

מיר באַגריסן דעם זשורנאַל חשבון און די קולטור־טוערס פון לאָס־אַנדזשע־לעס. לאָמיר צוזאַמען ממשיך זיין אונ־דזער אַרבעט.

מיט יוגנטרוף־גרוס, אייער,

רחמיאל פּעלץ, רעדאַקטאָר
ניו־יאָרק

---

עטלעכע חדשים שפּעטער האָט מען מיר דערציילט, אַז קאַרטלעך געדרוקט אין יידיש און העברעיש פון אָט דעם שיר האָט מען פאַרקויפט אויף דער יידי־שער גאַס, אָן דעם נאָמען פונעם מחבר.

וואָס ס'האָט זיך מיר דאַן איינגעקריצט אין זכרון איז געווען בן־גוריונס איינפאַכ־קייט צווישן חברים און די זיכערקייט פון זיין דרך. מיט אָט די צוויי מעלות האָט ער געקאָנט שטייגן אַלץ העכער און העכער ביז דער פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניס־טישן געדאַנק.

אַ שאָד וואָס מיר איז ניט געווען באַ־שערט זיך צו באַגעגענען מיט אָט דעם גרויסן מענטש זינט דאַן אין סינסינעטי. זאָל זיין אָנדענק זיין געבענטשט.

אַ וואַרעם געפיל נעמט אונדז אַרום ווען מען דערמאָנט זיך אַז עס איז, ערגעץ ווו האָבן מיר געהאַט די זכיה זיך צו באַ־קענען מיט גרויסע יידן, וואָס האָבן אַליין מיט זייער אייגן האַרץ און מוח געשאַפן יידישע געשיכטע.



**אינאיינעם** מיט אַלע ליבהאָבער פון יידישן וואָרט און פאַרערער פון **אברהם גאָלאָמב** באַטייליקן מיר זיך אין די פייערונגען צו זיינע 85 יאָר. מיר באַגריסן אים מיט דער ברכה ער זאָל בלייבן יונג אין גייסט און שעפערישקייט:

**ראָוז באַלאַט**

**ווילי וועלוול שאָר**

**אליהו דוואָרקעס** (תל אביב)

**משה קאַפּלאַן**

**חנה הירט** (וואַנקואווער, קאַנאַדע)

**מרים** און **יחזקאל קרוק**

**חוה** און **יוסף טראַמבקאָ**

**טילי** און **תנחום ברייס**

**ד"ר שלמה זלמן יובלי**

**יהודה וואָלפסאָן**

כה לחי!

**חבר** און **חברה מרדכי פּיקוס**

**פיליפּ בראָדי**
אין אָנדענק פון מיין פרוי רבקה

**מר.** און **מרס. סאָול פריזענט**
(פּיטסבורג)

**חבר ב. ווינער**

**דר.** און **מרס. בערנאַרד פישער**

**באָרוכאָוו־פּינסקי צווייג פאַרבאַנד**

**חבר** און **חברה דוד ווינער**

**זהבה** און **יצחק רויטבלום**

**אַנאַ** און **הערי ראָטבלאַט**

**מלכה ניומאַן**

**מאיר** און **פעני האָפּשטיין**

**נחום** און **שרה בלושטיין**

**לאה** און **שמואל אָסטראָף** (ניו־יאָרק)

**גיטל** און **איזידאָר סטענזער**

**באבי** (מרס. פרענק) **העריסאָן**

**פעני לעווין**

**שמואל גרינשטיין**

**רות** און **לייזער בעקער**
(פיניקס, אַריזאָנאַ)

**דבורה** און **הענעך גאָלדשטיין**

**חבר** און **חברה בצלאל פרימאָסט**

**בליומע שטיינבערג**

**אליהו** און **פאַיע כאַזאַנאָוו**

**גרוני** און **בצלאל מלחי**

**אָשר** און **מרים קיפּניס**

**סעם** און **דאָראַ לעווין**

**יעקב שמואל** און **גיטעלע טויבעס**

**אסתר אַפּטייקער**

# מיר אַלע יידן פון קאַראַקאַס, ווענעצועלאַ, באַגריסן האַרציק דעם מחנך און שריפטשטעלער אברהם גאָלאָמב צו זיינע 85 יאָר.

**דאָס יידישע פאָלק האָט גאָלאָמבן צו פאַרדאַנקען אַ גאַנצן דור אידעאַליסטן, געטריי צו די אידעען וואָס גאָלאָמב האָט אין זיין איינגעפלאַנצט.**

**מיר דריקן אויס אונדזער דאַנק צו מרדכי פריילין, דעם היגן קולטור־עסקן, פאַר זיין איניציאַטיוו אַז מיר זאָלן זיך באַטייליקן אין דער פייערונג.**

אויף גאָלאָמבן איז צוגעפאַסט דער זאָג אין תלמוד: וויל צו די זקנים וואָס זייער עלטער האָט ניט פאַרשעמט זייער יוגנט.

## שלום עליכם קולטור־צענטער פון קאַראַקאַס

---

## יעקב מישקין

באַגריסט דעם דענקער און שרייבער אברהם גאָלאָמב און ווינטשט אים נאָך אַ סך יאָרן פון שעפערישקייט.

---

אברהם גאָלאָב לעבנס־געשיכטע איז אַ קייט פון מעשים לטובת יידישן קולטור־לעבן. לאַנג לעבן זאָל ער און ממשיך זיין זיין אַרבעט.

## שמואל מעילער

---

מיינע האַרציקע ברכות צו דעם גרויסן יידן ותלמיד־חכם, דעם לערער, וועלכער האָט שטענדיק אַ ריין יחידישן צוגאַנג צו אַלע יידישע פּראָבלעמען.

## לייב שניידערמאַן

---

אַברהם גאָלאָמב געהערט צו די חשובע דענקער פון אונדזער צייט. איך שיק אים מיינע ווונטשן ער זאָל זיין געזונט און קענען אָנגיין מיט זיין אַרבעט.

## זאָלטאַן גאַספאַר

---

אַברהם גאָלאָמב איז אַ גאַנצער ייד. אַלץ וואָס איז יידיש איז אים טייער. אויך אונדז איז ער טייער.

## דוד און מרים ווייס

---

מיט מיין באַגריסן וויל איך אויסדריקן מיין גרויסע אַנערקענונג פאַר גאָלאָמבס פאַרדינסטן.

## אברהם הירשביין

---

איך באַגריס דעם מחנך און שריפטשטעלער מיט אַ רוח החיים, אין דעם נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע און אין מיין אייגענעם נאָמען.

## שמואל קולא ראָזענבלאַט
פרעזידענט פון היגן קרן קימת לישראל

---

(המשך פון קאַראַקאַס באַגריסונגען אויף ווייטערדיקע זייטן)



**אברהם גאָלאָמב** איז אַלע מאָל אַ קוואַל פון דערפרישונג. איך ווינטש אים לאַנגע יאָר פון שעפערישקייט.

## פּאַאָל גאָלדשמיט
פרעז. פון שלום עליכם קולטור־צענטער

---

אויף אברהם גאָלאָמבן, מיין פּערזענלעכן פריינד, איז מקויים געוואָרן די רייד פון אונדזערע חכמים זקני תורה, וואָס עלטער זיי ווערן אַלץ לויטערער זייער געדאַנק. צו זיינע 85 יאָר אַלע מיינע ברכות.

## פּראָפעסאָר אברהם סטעמפל
געוו. סעקרעטאַר פון ש"ע קולטור צענטער

---

איך בין זיך מצטרף צו אַלע ווינטשעוואַניעס פאַרן בעל היובל.

## אהרן טשעכאָוויטש
געוועזענער ערשטער פרעזידענט און איצטיקער עקז. סעקרעטאַר פון שלום עליכם קולטור צענטער.

---

## מיכאל טשענסטאָכאָווסקי

באַגריסט דעם יובילאַר. מיר האָבן אַלע גרויס הנאה פון זיינע מאמרי חז"ל און תלמודישן נוסח. עס פרישט אָפּ וואָס מיר האָבן אַמאָל געלערנט.

---

איך אייניק זיך מיט דער גאַנצער יידישער וועלט מיט איבערשיקן וואַרעמע ברכות צום בעל־היובל צו זיינע 85 יאָר.

## שלמה זאַבלודאָוויטש

---

איך באַגריס דעם גייסטרייכן יידן **אברהם גאָלאָמב.** אין אונדזער שווערער צייט איז ער אַן אָנשפּאַר פאַר אונדז אַלעמען.

## חיים שניידערמאַן
(שוואָגער פון שרייבער י.ל. שניידערמאַן)

---

## משה קערנער

אַ פאַרערער פון גאָלאָמבן, באַגריסט דעם יובילאַר צו זיינע 85 יאָר און ווינטשט אים עד מאה ועשרים.

---

אַ האַרציקן גרוס און ברכות פון דער ווייטנס צו דעם ראש פון יידישע לערערס, **אברהם גאָלאָמב,** לכבוד זיין ווערן אַ פינף און אַכציקער.

## יחיאל רויטמאַן

---

איך באַגריס מיט כבוד דעם אינספּיראַטאָר און באַגייסטערער פאַר יידישער קולטור, **אברהם גאָלאָמב.**

## משה לאַנדע
אַדמיניסטראַטאָר פון ש"ע קולטור צענטער

---

## אברהם עקערמאַן

באַגריסט דעם גרויסן יידן, דעם לערער פון עטלעכע דורות, **אברהם גאָלאָמב.** איך ווינטש אים געזונט און פרייד פון זיין אַרבעט.

---

מיינע האַרציקע ברכות צום אייביקן ענטוזיאַסט און מעין המתגבר **אברהם גאָלאָמב,** צו זיין 85 יאָריקן יובל.

## זלמן רעכטער

דעם אייביקן מדריך, וועלכער שטייט אייזן־פעסט פאַר יידישער קולטור, מיינע ברכות און ווינטשעוואַניעס.

**י. קוסמיר**
ביבליאָטעקאַר פון ש״ע קולטור־צענטער

---

איך ווינטש דעם חשובן און באַטייטענדן שריפטשטעלער אברהם גאָלאָמב אריכת ימים ושנים ביז 120 יאָר און ער זאָל ווטער פאָרזעצן זיין גייסטרייכע אַרבעט..

**ד״ר יוסף גאָלדשטיין**

---

**משה קאפּליוּוסקי**

באַגריסט דעם בעל־היובל, אויסדריקנדיק מיין גרויס אנערקענונג און פאַרערונג צו **אברהם גאָלאָמב.**

---

מיט זיינע איבער זעכציק יאָריקער שריפטשטעלערישער און פילאָסאָפישער אַרבעט האָט גאָלאָמב זיך דערוואָרבן אָנהענגערס איבער דער גאַנצער וועלט. זאָל ער זיין געבענטשט.

**זעליק פאָלער**

---

איך בין גליקלעך צו קענען זיך באַטייליקן אין צוטיילן כבוד דעם לערער און שרייבער **אברהם גאָלאָמב.**

**ישראל מערמלשטיין**

---

**מעכל קרייזלער**

שליסט זיך אָן אין אַלע ברכות און ווינטשעוואַניעס צום בעל־היובל. געזונט און כוח אָנצוגיין מיט אייער אַרבעט.

ס׳איז אַ נחת רוח צו באַגריסן אברהם גאָלאָמבן, וועלכער האָט אָוועקגעלייגט אַ שטעמפּל אויף אונדזער גאַנצן דור.

**ד״ר הילל איידלמאַן**
מיטגליד פון קולטור דירעקטאָריום פון ש״ע קולטור צענטער.

---

במשך פון איבער זעקס צענדליק יאָר פון זיין פּרוכטבאַרן לעבן האָט ער באַרייכערט אונדזער לעבן. איך באַגרים אברהם גאָלאָמבן צו זיינע 85 יאָר.

**יצחק אַקערמאַן**
געוועזענער פּרעזידענט און וויצע־פּרעז. פון שלום עליכם קולטור צענטער

---

**פּינחס דאַווידאָוויטש**

וויצע־פּרעז. פון ש״ע קולטור־צענטער שיקט זיינע ברכות צו אברהם גאָלאָמבס פייערונג, דעם ייד פון מוט, פלאַמיקייט און אחריות.

---

איך באַגרים דעם גאון, מיין רבין **אברהם גאָלאָמב**, ער זאָל דערלעבן **120** געזונטע יאָרן און וויטער שרייבן ווי היינט. ער דערמאָנט אָן אַ פּאַרצייטיקן מוכיח אין אַ היינטיקער געשטאַלט. מיט זיין היסטאָרישער אחריות פאַר אַחדות האומה, פון אברהם אָבינו עד לסוף הדורות.

אַ צוגאָב־באַגריסונג גאָלאָמבן צו זיין באַקומען די ה. לייוויק פּרעמיע ביים יידישן קולטור קאָנגרעס.

זייט געבענטשט.

**מרדכי פריילך**



אונדזער האַרציקע באַגריסונג צום השובן יובילאַר, אברהם גאָלאָמב. מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך יאָרן פון גייסטיקן שאַפן.

**אַרבעטער רינג לייען־קרייז**
סיידי פינקלשטיין, סעקרעטאַר

---

**ה. רויזענבלאַט לייען־קרייז**

באַגריסט אברהם גאָלאָמב צו זיין 85סטן יובל. מיר ווינטשן אים אַ סך שעפערישע יאָרן.

גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

---

אונדזער אַלעמענס האַרציקע באַגריסונג צו פריינד אברהם גאָלאָמב.

**יהואָש לייען־קרייז**

---

**רינגלבלום לייען־קרייז**

באַגריסט מיט כבוד אברהם גאָלאָמבן.

---

**מענדלסאָן לייען־קרייז**

באַגריסט דעם בעל־יובל אברהם גאָלאָמב.

---

וואַרעמסטע ווונטשן פאַר אַריכות ימים און שעפערישקייט אברהם גאָלאָמבן, דעם קעמפער פאַר יידישקייט — שיקן איבער

**מאַשאַ און לייב ראָסקעס**
מאָנטרעאַל, קאַנאַדע

---

ס׳איז אונדזער גרויסער פאַרגעניגן צו באַגריסן דעם גרויסן מענטש און לערער, ר׳ אבהם גאָלאָמב, צו זיין 85טן געבורטיאָר. זאָל אייך השם געבן געזונט און כוח ער מאה ועשרים.

**חזן יהושע ולאה מוסטער**
סאָלט לעיק סיטי

**ד״ר מנחם נאור ורעיתו שמחה**

מאחלים את חתן־היובל, אברהם גולומב, להמשיך את פעילותו לאורך ימים.

---

**מנחם קאַרסאָן**

---

**יצחק פינקלשטיין**

---

**באַרני אַוויראָן**

---

**יהודה לייב ריינעס**
(ניו־יאָרק)

---

**משה און מרים אדערבערג**

---

מיר שליסן זיך אָן די צאָלרייכע פאַרערער פון באַרימטן פּעדאַגאָג, ליטעראַט און מחבר פון וויכטיקע ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע ביכער, אברהם גאָלאָמב, און באַגריסן אים צו זיין 85טן געבוירן־יאָר, און ווינטשן אים, ער זאָל אַזוי אָנגיין עד מאה ועשרים.

**בערנאַרד און מרים גינגאָלד**
מייאַמי

---

די בעסטע ווונטשן צו אונדזער אַמאָליקן לערער.

**הינדע סאַמאָסט**

**ראָזע גלאַסמאַן**
פילאַדעלפיע

---

מיר ווינטשן דעם חשובן אברהם גאָלאָמב נאָך אַ סך געזונטע און פּרוכטבאַרע יאָרן.

**שרה און שמחה ליינער**

## עמק צוויִיג
## ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

באַגריסט אַברהם גאָלאָמב
צו זיינע 85 יאָר.

מאַקס גאָלדשטיין, פאַרזיצער
יעקב פאָלי, פין. סעקרעטאַר

---

אַ האַרציקן יישר־כוח דעם גרויסן גע־לערנטן און פּעדאַגאָג, א. גאָלאָמב, צו זיינע 85 יאָר, עד מאה ועשרים!

**פסח מאַטענקאָ**
ניו־יאָרק

---

חשובער חבר ד״ר גאָלאָמב:

צו אייער געבוירן־טאָג ווינטשן מיר אייך אָנצוזאָגן מיטן שרייבן און שאַפן ביז 120 יאָר.

**פסח וסימה קאַרפּ**

---

לסופר ולמחנך המפורסם אברהם גולומב ברכותינו הנאמנות שלוחות ליום הולדתו הפ״ה, ביום קבלתו את פרס ה. לייוויק. י״ר שיאריך ימים בטוב ובנעימים יחד עם רעיתו רבקה, ברוכת כשרונות נעלים שמקורם בשאר רוח אשר לה.

ידידיהם,

**זאב ורבקה סאליס**

---

דעם איבערגעגעבענעם קעמפער, פאַרטייִקער פון יידיש־קודש, מחבר פון אַ צאָל וווּנדערבאַרע ווערק, אַ שם־דבר אין דער גאַנצער יידישער וועלט —

**ר׳ אברהם גאָלאָמב**

צו זיין 85 יעריקן יובילֵיי, עד מאה ועשרים, מיט באַנייטע כוחות פאַר פאַר־זעצן אַ רייך און פרעכטיק קאַפּיטל.

**שמעון גובערעק, פרוי און קינדער**
באָגאָטאַ, קאָלאָמביאַ

---

מיר ווינטשן אייך, אברהם גאָלאָמב, אַ סך געזונטע יאָרן פון שאַפן אין דער יידישער שפּראַך.

**וועלוול און פעני אָרטענשטיין**

איך באַגריס אייך האַרציק צו דער גע־לעגנהייט פון אייער געבוירנטאָג — ליבער לערער מיינער און פריינד, אברהם גאָלאָמב.

מיט די וואַרעמסטע געפילן בין איך מיט אייך אין אייער יום־טוב. ווערט ניט מיד ווייטער צו שטיין אויף דער פאָדער־שטער ליניע פאַרן גערענגל פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

נאָך אַ סך געזונטע, שעפערישע יאָרן צוזאַמען מיט רבקהן.

**גנענדל און משה וואַסערמאַן**
(פון דער היים קאַץ)

מעלבאָרן, אויסטראַליע



אונדזערע האַרציקע ברכות דעם פאַר־דינסטפולן בויער פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אויף ביידע זייטן ים, דעם טיפן דענקער און קעמפער פאַר יידיש, אברהם גאָלאָמב.

**בילדונגס קאָמיטעט פון אַרב. רינג**
ניו־יאָרק

ע. גערשנער, פאַרזיצער
י. מלאַטעק, דירעקטאָר

---

אונדזער חברשע באַגריסונג צו
**אברהם גאָלאָמב**

**פלאָראַ און שמואל ווייס**

---

## דער יידישער לערער סעמינאַר
## הרצליה

באַגריסט דעם חשובן פריינד, וועטעראַן פעדאַגאָג, דערציער פון דורות תלמידים און לערערס, **אברהם גאָלאָמב**
צו זיין 85סטן געבורטסטאָג

און ווינטשט אים נאָך אַ סך געזונטע און שעפערישע יאָרן!

---

האַרציקע ברכות צו אברהם גאָלאָמב — עד מאה ועשרים.

**ד״ר און מרס. בערנאַרד קאָהען**

---

אַ האַרציקער גרוס און בעסטע וואונטשן צו מיין גוטן פריינד, דעם פּראָמינענטן יידישן פעדאַגאָג און דערציער, דעם חשובן און פאַרדינסטפולן יובילאַר, **אברהם גאָלאָמב**, צו זיין טאָפּלטער שמחה, פון אַ געוועזענעם קאָלעגע און מיטבויער פון דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין ווילנע, אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

איך ווינטש אים געזונט, שעפערישקייט און לאַנגע, לאַנגע יאָר!

מיט פריינדשאַפט,

**חיים פופקאָ** — ניו־יאָרק

---

מזל־טוב צו אונדזער האַרציקן לערער און פריינד.

מיט פיל ליבע,

**הערב און בתיה שטאַרקמאַן**
קאַנאַדע

---

טייערער אברהם גאָלאָמב:

אַ סך געזונטע, שעפערישע יאָרן, צו־זאַמען מיט רבקהן, צו אייערע 85 יאָר, און גייסטיקע דערגרייכונגען.

**אברהם און טעמע זיגלבוים**

בעסטע ברכות צו אייער פייערונג, און מזל טוב פאַר אייערע גייסטיקע דערגרייכונגען.

**פעסיע פאַמעראַנץ האַניגבוים**
מייאַמי

---

אין כבוד פון דיען (כהן גדול) פון די היגע שרייבער משפחה

א ב ר ה ם ג אַ ל אַ מ ב

**חיה און יצחק ניומאַן**

---

מז"ט! וה' יחזקהו ויחייהו לאורך ימים!

**נ. צ. מ י י מ ו ן**
סאַן פראַנציסקאָ

---

מיר באַגריסן מיט דרך ארץ דעם חשובן אייגנאַרטיקן שרייבער, אברהם גאַלאַמב, צו זיין 85 יאָריקן פראָדוקטיוו־קינסטלערישן שאַפן, און ווינטשן אים נאָך פיל יאָרן געזונט און שעפערישקייט.

מיט אַכטונג,

**יודל און שרה באַרענשטיין**
ניו־יאָרק

---

נאָך אַ סך געזונטע, און שעפערישע יאָרן.

**יוסף און פייגעלע פאַניץ**

---

אונדזער האַרציקע באַגריסונג לכבוד אייער שאַפונג פאַר יידישער קולטור און דערציונג.

**באַשע וואַנאַמייקער**

**רחל סלאַבאַדקין**

---

בכל הברכות!

**וויצמאַן - זאַלצמאַן צווייג**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

דוד שרגא, פאָרזיצער
י. גיבערמאַן, סעקרעטאַר

---

אין איינעם מיט אַלע פאַרערער באַגריסן מיר אברהם גאַלאַמבן און ווינטשן אים און רבקהן געזונטע יאָרן.

**ציליע און שלמה צוקערמאַן**

---

אין אָנדענק פון מיין פרוי ש פ ר ה ע"ה, וועלכע איז געווען אַ גרויסע פאַרערערין פון דעם בעל־היובל.

**אַ ל ע ק ס ר אַ ב י ן**



מיט אַ סך כבוד, פאַרערונג און ליבשאַפט באַגריס איך דעם בעל־יובל אברהם גאַלאַמב.

**אבא קושנער**
מעקסיקאָ

---

טייערע חשובע פריינד פון „חשבון":

דערהאַלטן אייער צירקולאַר אַפּיל פאַרן „חשבון". בייגעלייגט איז מיין ביישטייערונג לכבוד דעם בעל־יובל, אברהם גאַלאַמב.

ביי דער געלעגנהייט ווינטש איך אַלע מיטאַרבעטער פון „חשבון" אַ געזונט און גליקלעך יאָר, אין אַ וועלט פון פרידן און שלום אין ישראל.

האַרציק אייער,

**גדליה רויזענבוים**

---

מיר באַגריסן האַרציק אונדזער ליבן און איבערגעגעבענעם לערער, דעם טרעגער פון יידישקייט און פאָלקישקייט — עד מאה ועשרים שנה.

מיט טיפער פריינדשאַפט,

**מ ש פ ח ה כ ה ן:**
**אברהם, טייבל, דוד, צבי, יואל**
סאַן כאָזע, קאַליפ.

---

מיר האָבן דעם גרויסן כבוד צו באַגריסן אונדזער חשובן פריינד, איינער פון די גרעסטע קולטור־טרעגער פון אונדזער דור, ר' אברהם גאַלאַמב, יחיה, צו זיין ווערן 85 יאָר. עד מאה ועשרים שנה.

**אברהם און שרה קאַרבמאַן**
און גאַנצע משפחה

מעקסיקאָ, ד. פ.

---

מיר שטאָלצירן וואָס ווילנע האָט אַרויסגעגעבן מענטשן ווי אברהם גאַלאַמב און ווינטשן אים נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן.

**נ ו ס ח ו ו י ל נ ע**
ניו־יאָרק

---

מיינע ברכות צו מיין לערער און דערציער אברהם גאַלאַמב, צו זיינע 85 יאָר.

**אסתר גראַפּאַ**
מעקסיקאָ סיטי

---

צו זיינע 85 יאָר ווינטש איך דעם גרויסן דענקער און לערער, אברהם גאַלאַמב, אַ גוט, געזונט, און נאָך אַ סך יאָרן פון שעפערישקייט.

**מ. ס אַ ר נ אָ**
(בריסל, בעלגיע)

---

מיינע האַרציקסטע ברכות צום בעל־יובל עד מאה ועשרים.

**שמואל דראַנזעק**
עלסינאָר

אונדזער באַגריסונג און האַרציקע ברכות צו אונדזער גוטן
פריינד און חבר

# אלימלך (מאָרים) דייטש

צו זיין דערגרייכן דעם געבענטשטן עלטער פון שבעים וחמש

די חז"ל האָבן באַשטימט אַז —
יש קונה עולמו בשעה אחת

דאָס הייסט, אַז אַ מענטש קען אַנגעזען און דערהייבן ווערן אפילו דורך איין איינציקן גרויסן אויפטו.

איז דאָך דער שכל מחייב, אַז אַ מענטש איז תמיד דערהייבן ווען זיינע גוטע מעשים ווערן אָנגעפירט כסדר און אָן אויפהער. און די גוטע מעשים פון אלימלך דייטש ווערן טאַקע פאַרגעזעצט פון טאָג צו טאָג און פון יאָר צו יאָר און ציען זיך אָן אויפהער.

די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון חשבון שליסן זיך אָן אין די פילצאָליקע פריינד פון דעם בעל-יובל.

מיט די גליקווונטשן:
כה לחי! ביז הונדערט און צוואַנציק און נאָך ווייטער!